STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03201

# EYNER HOT ZIKH GERATEVET

Jehoshua Schleien

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# איינער האט זיך געראטעוועט

**Jehoshua Schleien**

**ONE THAT ESCAPED**

אלע רעכט רעזערווירט פאַרן מחבר.
*All Rights Reserved*

*Printed in Israel*

דרוק מאזעס תל־אביב.

סעפטעמבער 1959.

# איינער האט זיך גערעטעוועט

פון

**יהושע שלייען**

Free Public Library, Newark, N. J.

פארלאג „מקור" (מ. קאסאווער) תל־אביב

# אינהאלט פון די קאפיטלן:


1. דער לאגער אין אסטראוו — — — — — 5
2. אנטלאפן פון לאגער — — — — — 16
3. אין וואלד — — — — — — — 26
4. ווידער צווישן מענטשן — — — — — 39
5. וואנדערונג — — — — — — — 45
6. א דאך איבערן קאפ — — — — — 50
7. אין לייבן־גרוב — — — — — — 58
8. אינעם קליינעם דערפל קראסנע — — — — 65
9. ביי דער פאמיליע סאלעצקי — — — — 75
10. צווישן זלאטשאוו און פרעמישליאן — — — 84
11. ווינטער 1944/1943 — — — — — 94
12. איך מאך באקאנטשאפט מיט א גלח — — — 104
13. אין יום־טוב טעג — — — — — — 112
14. די אוקראינישע נאציאנאליסטישע באוועגונג — — 117
15. דער פראנט האט זיך אריך געטון — — — 125
16. אין דארף קראפיוונע — — — — — 138
17. אין דארף וויצין — — — — — — 150
18. אינעם גלח'ס הויז — — — — — — 161
19. וואנקא איז דא — — — — — — 186

.1

# דער לאגער אין אסטראוו

אויפן טראקט לעמבערג־טארנאפאל גייט א ברייטע, גלאטע אויטאס־טראדע. די דייטשן האלטן דעם וועג אונטער באזונדערן שוץ און אויפזיכט.

אויף די באזונדערע פונקטן, לענג־אויס דעם וועג, געפונען זיך ארבעט־לאגערן פאר יידן. זיי האקן שטיינער, גיסן סמאלע, פארריכטן, האלטן אין ארדנונג דעם וועג. אויף דעם צוואנציקסטן קילאמעטער פון לעמבערג קיין טארנאפאל געפינט זיך דער לאגער אסטראוו.

עס איז א צווייג־לאגער פון ו ו י נ י ק י ביי לעמבערג, ווו עס איז פאראן א שטיינהאקעריי.

פון די שטיינפעלדער האקן יידן שטיינער, גרויסע, שווערע שטיינער, צעברעקלען זיי אין שוטער. די שטיינער גייען אויף דער גאנצער ליניע לעמבערג־טארנאפאל. זיי באזארגן מיט ארבעט מיט אשווער ביטער לעבן די לאגער־יידן אויף דער ליניע.

פון די שטעט און שטעטלעך ארום זענען עס די לעצטע רעשטלעך יידן. דארט, אין די שטעט און שטעטלעך, שטייען די חורבות פון אומגע־קומענעם יידישן לעבן. אין די וועלדער ארום ליגן אין די מאסן־קברים זייערע קינדער, פרויען, טאטעס, מאמעס. די דייטשן האבן אין דער לעצטער אקציע ליקווידירט זייערע אלט־איינגעזעסענע היימען, אויסגעמארדעט קינד און קייט, אין פלאמען פייער אלץ פארברענט און א רעשטל פון דער מענטלעכער יוגנט פארטריבן אין לאגער.

געשטארבן זלאטשאוו, פרעמישליאן, פארקלונגען דער לעצטער עכא

פון יידישן לעבן ווייט ארום — עס צאנקען אין פיין און מאטערניש די לעצטע יידן אין די לאגערן. קליינשטעטלדיקע יידן זענען עס. זיי זענען עקשנותדיק, גלויבנדיק, טראגן אלץ אריבער. זיי זענען אונטערנעמעריש, דערפינדעריש, אומדערמידלעך צום באוואונדערן.

דער לאגער־פירער הייסט ליזאן. ער רעדט זייער גוט פויליש. א ס.ס־מאן, א פראסטער זעלנער, אפילו נישט קיין אונטעראפיציר.ביידע לאגערן, וויניקי און אסטראווו, פירט ער אן. ער האט, ווי געוויינטלעך, אן ס.ס.־מאן, א יינגערן פארטרעטער. די פארטרעטער בייטן זיך. ער נישט, — ער איז נישט צום פארבייטן, צום פארטרעטן. די געהילפן קומען פון די גרעסערע לאגערס, באזונדערס, פון דער גרויסער מערדער־הייל — לעמבערג. — יאנאווסקא לאגער. ספעציעלע תלינים —„ווירטואזן” זענען עס. איינער איז אַ דייטש פון אונגאַרן. דער „מאַדיאַר” — רופן אים די יידן, ער האט ליב צו הרגענען לאנגזאם., נישט אויף איין מאל. „ביי מיר מוזטו לאנגזאם קראפירן — וואצו די איילע?” ער שיסט, פארוואונדעט זיין קרבן און דאן דערשלאגט ער אים מיט זיין רייט־בייטש. ער שטייט און ארבעט מיט זיין לעדער־בייטש, איבער דעם קנויל מענטש און שמאטעס, וואס ליגט פאר אים. דאס פנים רויט, דער שטערן שוויצט. ער צעפייערט זיך אלץ מער, אלץ הילכיקער פאלן די קלעפ, ביז ער זאגט: פערטיג! ער ווייסט שוין ווען עס איז „פערטיק” ער פילט עס אין די קערפער צוקן פון זיין קרבן. ער איז געאיבט — איז זיך זעלטן טועה. די יידן שטייען דעמאלט געשפאנט אויף „אכטונג”! — אטעמען פריי אפ ווען זיי דערהערן שוין ענדלעך דעם „פערטיג”. שנעל לויפן אייניקע פון זיי („לאוף שריט”) און נעמען אוועק די צעקיילטע קערפער מאסע. אין אייניקע מינוטן איז אויסגעגראבן א פלאכער גרוב, מווארפט אריין דעם טויטן. עס דערהערט זיך א לאנגער, שארפער פייף — אוונט ברויט. מיט די בלעכטע־פלעך אין די הענט שטעלן זיך די לאגערניקעס אין דער ריי צו נעמען א ביסל ביטער שווארץ־געפארבט וואסער און א קליין שטיקל ברויט.

שטיל ציטערנדיק טוליען זיי זיך איינער צום אנדערן, מ׳באמיט זיך כאטש דעם קאפ, די אויגן, צו באהאלטן, ווי שולדיקע וואס דערווארטן א פארדינטע שטראף. גיריק — פיבערנדיק בייסט מען איין די ציין אין שטיקל

ברויט לעשט מען דעם דורשט, די היץ וואס רוישט אין קאפ, אין אלע גלידער, מיט דער שווארצער, מוטנער, — וואסער־קאווע. באלד דערנאך פארשווינדן אלע, ווי מייז אין די נארעס, אויף די שמוציקע פארלייזטע „פריטשעס" אין נאסן, פינסטערן באראק.

די אוקראינישע פאליציאנטן, זיי זענען די הארן פון טויט און לעבן אין לאגער. דעם לעצטן מארך פון די ביינער ציען זיי ארויס. קליינשטעטלדיקע יידן האבן קאנטשאפט אין דער סביבה. פארט אמאל אדורך א באקאנטער פויער, ווארפט צו א היימישן ייד א שטיקל ברויט אדער א פאר זלאטעס. ס'רוב א זעלכן, ביי וועמען ער האט געלט געבארגט, ווען וועלט איז נאך געווען וועלט... שפעטער, ווען די צייטן האבן זיך געענדערט, האט דער פויער דעם ייד געירשנט, אים אויסגעליידיקט די שטוב און א פילו די פענצטער מיט די שויבן א וועקגענומען. דערוועקט זיך אינעם פויער דאס גוישע געוויסן, ווען ער פארט אדורך אן אויפגעלייגטער פון זיין רייכן פעלד צו דער זאטער שטוב. האלב שלעפעריק מורמלט ער צו דער „באבע", זיין גאספאדיניע, וואס זיצט ברייטלעך, שווער און צופרידן מיט זיך, אין וואגן: „דאי טאם" — (גיב דארט) ער איז צופרידן, דער פויער, האט נחת, סיי פון דער גוטער, פרומער טאט, סיי פון דער וואס „מאשעק" עסט שוין נישט מער קיין ווייסן קוילעטש שבת". דער אוקראינישער פאליציאנט ווייסט שוין וועלכער ייד „האט", שפאנט ער דעם ייד איין אין דער שווערסטער ארבעט, שלאגט מערדערלעך, שפילט זיך מיט דער ביקס אויף קאטאוועס, כלומרשט. אלע ווייסן, אז ער מעג יעדן שיסן, ער דארף זידשפעטער אפילו נישט פארענטפערן. קויפט זיך אויס דער ייד, מיט אלעם וואס ער האט נאר.

מ'איז אפגעשניטן פון דער וועלט. אפגעשלאסן דורך דעם שטעכיקן דראט ארום דעם לאגער, און פון א ים פון שנאה און שאדן — פרייד אויסער דעם לאגער, פאר די לעצטע וואס „לעבן" נאך אליין. און דאך, באקומען די קליינשטעטלדיקע יידן, עפעס דורך נסים ממש, אריין א ביסל שפייז אין לאגער: קארטאפל, גרויפן, גרינווארג א.א.וו. ביי דער ארבעט אויפן וועג, אין פעלד, פארגנבעט מען זיך אין א זייט, מ'צעלייגט א פייער, מ'שטעלט אוועק אין שוץ פון הויכע פעלד־קוסטעס ארום, א טעפל

„עסן" קאכן. אין יעדן פעלד־גרוב איז פאראן א ביסל וואסער; פון אויבן קאן מען אראפנעמען דאס ריינערע, באנוצן פאר טרונקען און קאכן. דער אוקראאינישער פאליציאנט, דער דייטשער אויפזעער, א ציווילער וועג־בוימייסטער, שפירט אויס, "דערווישט" דאס טעפל עסן; דער רויך פון פייער צווישן גראז האט עס פאראטן. ער קערט עס איבער אויפן פייער, דאס פארלאשענע פייער קראכט; עס שווינדלט פאר די אויגן דער רויך, וואס טראגט אוועק דעם אויסגע־פישטשעטן חלום, דעם הייסן באגער, צו געניסן, צו פארזוכן כאטש פון טעפל עסן. אין הארצן קלעמט דער הונגער און דער ווייטיק, וואס די שווערע סכנות־פולע מי איז אזוי מארנע לאיבוד געגאנגען...

אבער, מע מוז שוריגן, זיך נישט וויסנדיק מאכן, פארקערט, נאך „אנקווען" פון דעם דורכגעטריבענעם אויפזעער, וועמען מען קען נישט אפנארן...

קורי — הייסט דער „שאכטמייסטער", דער הויפט אויפזעער און פאכמאן ביים וועגבוי. אציווילער דייטש פון שטייערמארק, (עסטרייך). אז ער טרינקט זיך אן מיט דעם בראנפן, פאר די ארעמע פאר זלאטעס, וואס די יידן לייגן זיך צוזאמען, צו קויפן פאר אים, ער זאל זיין גוט און גנעדיק — שרייט ער: יודען, עס איז אלעס קוואטש, דען קריג האבן וויר פארלארן"...אבער דאך, און אפשר טאקע דערפאר, שלאגט ער מערדער־לעך, מיט וואס עס קומט אים אין דער האנט אריין: א דראנג, א אייזער־נער רידעל, — ביז ער ווערט מיד, אדער עס באוויזט זיך א דארפס־שיקסע מיט מילך, דעמאלט רייסט ער איבער דאס שלאגן. עס איז איצט א שעת־כושר פארן יידישן פאר־ארבעטער צוצוגיין נענטער, באצאלן פאר דער מילך, און געבן אנצוהערן דעם שאכט־מייסטער, וואס א מעלאנכאליע איז אים באפאלן נאך דעם שכורן אנשטרענג, אז עס וועט ווידער זיין „סאמאגאן" (בראנפן). אלע אטעמען פריי אפ.

אנומלט ביי דער ארבעט זענען דריי ייִנגלעך, לעמבערגער, אנטלאפן. די דריי האבן זיך תמיד געהאלטן צוזאמען. געווען קאלעגן פון דער שול־באנק. זיך געפילט פרעמד צווישן די לאגער־לייט. נישט גערעדט קיין יידיש, ווי ס׳רוב לאגערניקעס, יידן, פון די קלענערע מקומות.

די לאגער מענטשן האבן נישט ליב קיין „פריצים”, קיין מיוחסים מ'טאר נישט דערמאנען אפילו, אז מען איז געווען עפעס א חשובער מענטש פריער. זיי האבן עס פיינט. זיי האבן איבערהויבט אלעמען פיינט. אפילו זיך אליין. גיסן זיי זייער גאליקן חוזק אויף אלעמען, אויך אויף זיך אליין. אפגעריסן און שענדלעך אנגעטאן, שמוציק, געשלאגן און געפייניקט, דערנידריקט ביז צום אפגרונט, שלעפן זיי דאס וועראמדיקע לעבן פון איין טויט־סכנה צו דער אנדערער. יעדע שעה, יעדע האנט, ווער עס וויל, קען מיט זיי אן ענדע מאכן. האבן זיי נישט קיין מענטשלעכע באציאונג צו די מיטליידנדיקע. אפילו צו די לייבלעכע ברידער. זיי רייסן זיך צווישן זיך, ווי די הינט, ווען זיי האבן נישט קיין כוח, אדער האבן מורא צו שלאגן איינער דעם צווייטן, שטשירען זיי כאטש די ציין, זידלען זיך מיט די שענדלעכסטע ווערטער, שעלטן... עס איז נישטא קיין רחמנות. סיי־ווי — היינט מיר, מארגן דיר — אויף אלע ווארט דער זעלבער גורל.

דער גרעסטער טייל פון זיי זענען אלטע לאגערניקעס. שוין „צוזאמענ־געשפילטע” עס פאלט זעלטן אריין א פרישער צווישן זיי. אלע יידישע ישובים ארום, זענען שוין ליקווידירט. די לעצטע רעשטלעך יידן זענען זיי אין די געציילטע לאגערן אין דער געגנט. פאלט אמאל אריין א פרישער ייד, אין לאגער, שענקען זיי בלויז א מוטנעם, אויסגעלאשענעם בליק, אויף דעם ניי־געקומענעם. דער עיקר אויף זיין בגד, אויף זיינע גאנצע, אדער כמעט גאנצע מענטשלעכע שיך. און אפשר האט ער עפעס, באדיי א דאר שטיקל ברויט, אפצוגעבן. שפעטער, באמערקן זיי אים ביי דער ארבעט. זיי מיינען, אז ער ארבעט שלעכט. ער וויל, אז זיי זאלן ארבעטן פאר אים. ער איז פריש, האט נאך כוח, דארף ער טאן די שווערע ארבעט. „גוט ארבעטן און נישט אפנארן”. עס איז א פרישן שווער מיט זיי זיך איינ־צולעבן. קוקט ער דעריבער אפט צו דער דראט־פארצוימונג. זיי, די אלטע, האלטן אן אויג אויף אים: זיי זענען פאר אים קאלעקטיוו פאראנטווארטלעך.

די דריי לעמבערגער יינגלעך, חברים פון דער שול־באנק, האבן זיך בעת דער הפסקה אריינגעשלייכט אין דער תבואה און צווישן די זאנגען פארשוווגדן... אלע ווייסן שוין: זיי פעלן... עס הערשט א שווערע, אנגעשטרענגטע שטימונג. מארגן קומט ליזאן, דער לאגער־פירער. ער וועט

אויסקלויבן מענטשן צום שיסן. פאר יעדן אנטלאפענעם — צוויי — דריי...
וועמען וועט ער נעמען? ווען ער איז גנעדיק און אויפגעלייגט, נעמט ער
די שוואכערע, וואס זענען שוין סיזוי הײנט־מארגן „פערטיק״...

שטיל, אין קאלטע אנגסטן וועט מען פיבערן היינט בײנאכט אויף דעם
הארטן פריטש, יעדער פאר זיך: אפשר שוין די לעצטע נאכט?...

פארטאג. עס וועקט א שארפער לאנגער פייף. אלע זענען אויף די
פיס. אין געציילטע מינוטן. אנטאן דארף מען זיך נישט; נישטא אין וואס.
אזוי גייט מען, אזוי שלאפט מען. אויף די לײבער הענגען די פארלייזיקטע
שמאטעס, ווי א צרעת. א ציטערניש נעמט אדורך די גלידער פון דער
פרימארגן קעלט און גרויליכער דער־ווארטונג. מיין שכן איז א פרומער
ייד. „דאס רבילע״ — רופן אים די לאגערניקעס. ער מורמלט עפעס, איך
הער: אין זכות פון שבת. ס׳איז שבת היינט. ליזאן איז דא. ער שמיכלט.
א בייזער סימן.

ער איז שלאנק, גלאט ראזירט. האלט קאפ א ביסל אין דער זייט,
זיך צו־צוגעבן חשיבות. בשעת א זעלכע וויזיטן, איז ער באזונדערס פייער־
לעך, ווי דער העכסטער ריכטער. ער איז דורך און דורך „ארדענונג און
פליכט״, קאלט, תליניש־זאכלעך. א סאלדאטישע בהמה, א דייטש. גיריק־
ביטערע, פויעריש סלאוויש. א „פיינער״ געמיש. א זאלכע זענען זיי, די
וואס האבן פאר אונדז צוגעריכטעט דאס גהינום אויף דער דאזיקער ערד.

„אכטונג״! — ליזאן רעדט. עד האט ליב צו איבערצייגן די יידן, אז
ער באהאנדלט זיי „גערעכט״ ווי א שטראפנדיקער פאטער. — „פארוואס
לויפט איר, וואהין?״ ער ווייסט, אז עס איז נישטא וואהין צו לויפן. צו
אנטלופן. די נאענטסטע כאטקע וועט געבן צו וויסן: א ייד! — „איר זענט
אליין שולדיק און איר מוזט ביסען״ (אפקומען), איך טו אייך גערעכטי־
קייט, ווי א דייטשער מאן״...

ליזאן ווײלט און רופט דאסמאל שטארקערע, ייגגערע צום טויט. „איר
מיינט, אז איר וועט לעבן אויפן חשבון פון אט די (ער ווייזט אויף די
שוואכע, האלב־טויטע מענטשן־שקעלעטן, וואס האלטן זיך קוים אויף די
פיס) — איך וויל גערעכט זיין קעגן די ארעמע, אלע זענען פאראנטווארט־
לעך״! — אזוי רעדט ער. ער דעליקטירט זיך מיט זיין עלאקווענץ. אודא־

געהערט אמאל דעם „פירער" רעדן. די גרינדער פון „דריטן רייך", האבן דורכגעשלאגן פאר זיך דעם וועג צו דער מאכט מיט רעדעס...

אלץ ארום איז טויט־שטיל, ווי געשטארבן. דער חלל פון דער וועלט, דאכט זיך, האלט איין דעם אטעם. מ'הערט קיין שארך נישט, אפילו נישט פון די בוימער ארום.

פון זיין גוט געפלעגטער קעל, קלינגען די ווערטער ארויס, שארף ווי מעסערס, אלמעכטיק. עס הויבט זיך אן א נייער טאג. ווי אויף זיין באפעל, ברעכט ער אריין, דער טאג.

אט, שטייט ער אליין דער ערד באהערשער — גאט אליין... מיין שכן מורמלט זיין שטיל־פארשעמטע תפילה... אומזיסט... ליזאן פאר־שטעלט פאר איר דעם וועג צום הימל...

ניין יינגלעך גייען איינגעשלאסן אין א האלב־קרייז פון אוקראינישע פאליצאנטן מיט געשפיזטע ביקסן, אינעם נעבסטן וועלדל אריין. די לעצטע ווערטער פון באפעל, קלינגען שארף אפ אין דער לופט: גרינטלעך דורכ־זוכן די קליידער! — וועגן דעם פארגעסט נישט ליזאן קיינמאל.

ביי יעדן איז דאס לייב באדעקט מיט קאלטן שוייס, ביי אלע איז א שווערער שטיין איז אראפ געפאלן פון הארץ. זיי האבן געהאט מזל, די איבערגעבליבנע. זיי לעבן. וועלן ווידער זיין לאגער מענטשן ווי נעכטן.

עס קומען די דייטשע שאכט־מייסטערס. צוויי זענען זיי. קורי, דער שוין דערמאנטער מומחה פאר וועג־בוי און שטשעפיארסקי — „פיערון" — רופן אים די יידן. ער איז פאראנטווארטלך פאר „ארדנונג", ס'הייסט א מומחה פאר שלאגן און טויטפייניקונג. א געניטער שלעגער איז ער, „פיערון". די שרעק פאר די רוצחישע הענט פון „פיערון", באווייזט ווונדער. אן אומהיימלעכער גרויליקער כוח ליגט אין זיי. אויך דאס שלאגן, ממיתן, טראקטירן די דייטשן זאכלעך, ווי א גוט דורכגעטראכט סיסטעם. די טויט־שרעק פאר גרויליקע עבויים, מוז שטענדיק וואך זיין אין די הערצער, אין אלע גלידער פון די לאגער־לייט. מיט דעם כוח באוועגן זיי הונגעריקע, פארמאטערטע, זייערע פארשטארטע, האלב־טויט גלידער. און זיי ארבעטן, מענטשן שקעלעטן, שאטנס, ווי א מאשין. די באקאנטע „שטערנס" פון דער תלינים־קאסטע אין די דייטשע צוואנגס־ארבעטס

לאגערן, האבן זייער שם און רוף אין דער גאנצער געגנט. זיי וואנדערן פון געטא צו געטא. פון לאגער צו לאגער, אויסצופירן „באזונדער אויפ־גאבן", די תליגים זענען פארטרויאונגס־מענטשן פון די הויכע קרייזן. אפילו א אהעכערער אפיציר, האט נישט קיין רעכט זיי מיט עפעס וואס צו שטערן.

„פיערון" איז א פאלקס־דייטש פון קאלאמיי, אין מזרח גאליציע. א העסלעך פנים, א געשטופלטער, שפורן א דורכגעמאכטער פאקן־קרענק. הגם, דייטש האט ער געקענט טאקע ווי א „הוצול" פון קאלאמייער געגנט, רעדט ער נאר דייטש. זיין ווארט, זיין ווילן, איז א געזעץ אין לאגער, ער איז פאראנטווארטלעך פאר „ארדנונג" אין לאגער. נאך יעדער „געשעעניש" אין לאגער, נעמט ער איבער די אויפזיכט איבער דער ארבעט „פיערון" אליין. ער טוט שוין וואס מען דארף, „צו פארשטארקן די דיסציפלין". די לאגערניקעס זענען ווי צוזאמענגעוואקסן מיטן גורל זייערן, מיט דער מאסקע פון תמיד געשלאגענעם. נישט זעלטן, האט אפילו א זייטיקער, א צופעליקפארבייגייענדיקער געהאלטן פאר פאסיק צו שענקען א קאפ מיטן פוס א לאגערניק, וואס ער האט אנגעטראפן אויפן וועג. א דורכפארנדיקער פויער, א רשע, האט אויך אמאל א „שמיר" געטאן מיט דער בייטש איבערן קאפ פון א לאגערניק, סתם אזוי, צו האלטן „פאסאן".

די לעמבערגער ייגנלעך, האט מען פארשטייט זיך געכאפט. אויף אלע וועגן און שטעגן זענען דא אויגן רויבגיריקע, פרייוויליקע, וואס העלפן אויסשפירן און געפינען א ייד. אלע פאליציי־פאסטנס האט מען צוויסן געגעבן, און מען האט די ייגנלעך אפגעזוכט און ווידער געבראכט אין לאגער. מען האט זיי נישט דערשאסן פארן אנטלויפן, נאר אפגעשיקט צו־קורין דעם שאכמייסטער. צו זיין דיספאזיציע און נאכזען. ביי אים איז דא א סך ארבעט און ער דארף נויטיק האבן יונגע כוחות צו דער ארבעט. איינער פון די ייגנלעך האט א מילד קינדיש פנים. גרויסע, אויף טויט איבערגעשראקענע אויגן. ער טראגט א פאר גוטע שטיוועל אויף די פיס. קורי באטראכט אים אויפמערקזאם, רופט אים צו זיך.

— „פארוואס ביסטו אנטלאפן?" — דאס ייגל לאזט אראפ דעם קאפ און ענטפערט נישט. — „ווארום ענטפערסטו נישט?" — עס פאלן קלעפ.

צוערשט מיט דער פויסט, דאן מיט דעם אייזערנעם שפאדל איבער דער פלייצע, איבערן קאפ. קורי צעפייערט זיך: — „דו ווירסט זיין דער ערשטער יודע, וועמען איך וועל ערמארדען!" — ער כאפט אים פארן האלדז מיט די הענט ווערגן. א יונג קינד, ער ראנגלט זיך אין טויט־אנגסטן. קורי שטייט אפ. ער אטעמט שווער. שרייט צום אוקראאינישן פאליציאנט: שיסן! דער אוקראינער שיסט און טרעפט נישט. שיסט נאכאמאל, פארוואונדעט אים.

ווילד רייסט זיך דאס יינגל. דאס בלוט גיסט זיך און באפארבט דעם ברוק, די שטיינער. די יידן ארבעטן פיבערדיק, איינגעטאן מיט לייב און לעבן אין דער ארבעט. די שפאדלס און האמערס פליען ריטמיש אראפ און ארויף, געטריבן פון אן אומהיימלעכן כוח. יעדר אויפגעהויבענער רידל וואלט אזויוי געזאגט: איך נישט, איך ארבעט, איך פאלג, מיך נישט שיסן...

עס קאכט, צעיושעט זיך אין קורין דאס בלוט. זיינע אויגן גליען רויט־בלוטיק. שוים שלאגט אים פון מויל. — אים איז נישט געלונגען... ער האט ליב ביי יעדער געלעגנהייט צו ווייזן זיין כוח. צו דעמאנסטרירן פאר די אויסגעמוטשעטע לאגערניקעס, ווי אזוי מען דארף ארבעטן. ווי אזוי ער ארבעט. און ד"א, האט זיין כוח פארזאגט, קעגן דעם קליינעם יידישן יינגל, וואס ראנגלט זיך פאר זיין לעבן. ער קען אים נישט בייקומען, דעם ערשטן ייד דערמארדן, ער, דער אלמעכטיקער שאכט־מייסטער.

לאנג דויערט נישט דער געראנגל. דאס מאל, האט דער אוקראינער גוט געטראפן. דאס יינגל ליגט איינגעטונקען אין בלוט, אינמיטן וועג, אויפן שאסיי. עס דער־נענטערן זיך פורן. מ'דארף אפרוימען דעם וועג. עס פאסירן דא אפט א זעלכע זאכן. דער פארבייפארנדיקער פויער דער־לאנגט א שטארקן שמיץ די פערד מיט דער בייטש וואס ער האלט הויך אין דער האנט, פארט אוועק, נישט ארומקוקנדיק זיך אויף דעם פלאץ. די צוויי חברים גראבן שנעל אויס א פלאכן, נישט טיפן גרוב פאר זייער חבר, אין פעלד. נישט ווייט פון וועג, וווּ די יידן ארבעטן. דער טויטער

ווערט שנעל אין קבר אַרייַנגעוואָרפן און דער גרוב ווערט אין איילעניש פאַרשיט מיט ערד...

די זון זעצט זיך און פאַרגייט אין טויטער שטילקייט. די אַרבעט איז געענדיקט. מען שטעלט זיך אויס אין רייען, אין „פינפטלעך״ „אַהיים״ אין לאַגער צוגיין. היידוק, אַזוי הייסט דער אוקראַינישער פּאָליציאַנט, פירט דעם צוג. ער באַטראַכט, קוקט שטעכנדיק בייז מיט זיינע קליינע, דריבענע אייגעלעך אויף די שווייגנדיקע יידן. עס געפעלט אים נישט די שטילקייט, פון די יידן. ער באַווייזט זיינע גרויסע פערדישע ציין: „זשידי, זאַספּיעוואַיטע!״ — (יידן, זינגען!).

עס איז אַ קליין דערפל אַסטראַוו. איינצלנע הייזקעלעך זענען צעוואָרפן לענגאויס דעם וועג. די פויערים און זייער הויזגעזינד זענען זעלטן עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל דערוועקן זייער בייגעריקייט. גייען די יונגע דאָרפס־שיקסעס אַרויס פון זייערע הייזקעס, די פויערטעס־מוטערס טראָגן זייערע קינדער אַרויס אויף די הענט. זעען, הערן ווי די יידן זינגען. עס גייט לאַנגזאַם, מיט שלעפּעדיקע טריט אַ מחנה, מידע, אויסגעמאַטערטע מענטשן. אָפּגעריסן, קריעה־בלויזע, באָרוועס, די פיס אָנגעדראָלן, פאַרוווּנדעט, צעבלוטיקט שלעפּט זיך די מחנה יידען־לאַגערניקעס, ווי אין אַ לוויה־צוג און זינגען... דאָס געזאַנג שטייגט און הערט זיך אַלץ העכער אין פרייען פעלד אַרום. שטאַרק און אויסדרוקפול מוז עס זיין, דאָס געזאַנג. פון די יידן, זיי לאַכן נישט, זיי חוזקן נישט, די פויערטעס. אַפילו נישט די קינדער, וואָס שטייען צוגעטוליעט צו זיי. זיי שטייען פאַרגאַפט און הערן זיך צו. די יידן זינגען אויס זייער נישט אויסגעלעבט לעבן. מיט די לעצטע כוחות. זיי האָבן אויך אַמאָל געהאַט פרייד אין זייער לעבן. געהאַט זייערע שבתים און ימים־טובים... נישט איינמאָל, ביי דער אַרבעט, הונ־געריק, דערשלאָגן און דערנידריקט, רייסט זיך דאָך אַרויס פון האַרצן אַ ליד, אַ תפילה־געזאַנג... ערגעץ פון די טיפעניש פון דער צעווייטיק־טער נשמה, ווי אַ וווּנדער־אָפּקלאַנג פון דאָרט, פון שבת־יום־טוב אין שטעטל.

עס זינגט דאָס „רבילע״, און עס קומט ביי אים אַרויס ווי דער טריומף־געזאַנג פון לכו־נרננה פון קבלת־שבת, ווי דאָס שמערצלעך

פארבענקטע געזאנג פון „גאט פון אברהם יצחק, ויעקב, ווען דער הייליקער שבת גייט אוועק”... — „דזשעוועטשינא, מאלינא, יאקיע פיענקנע אטשע מאש” — (מיידעלע, קארשעלע, ווי שיין זענען דיינע אויגן!...).

עס זינגען יונגע אין יארן — וואס פיין האט זייער פנים, זייער הארץ, זייער נשמה פארפינצטערט, פארוויסט, פאר דער צייט פארעלטערט. זיי לאדן אויס דעם לעצטן רעשט פון זייער נישט אויסגעלעבטער יוגנט אין אט די ווערטער. פאר זיי איז געשטארבן שיינקייט און ליבע, אויסגעלאשן געווארן די פרייד און גלוסט פון לעבן. זיי באקלאגן עס אין זייער ליד, אויפן וועג צו זייער לאגער־קבר, דא, אויף די פעלדער פון אסטראוו.

.2

## אנטלאפן פון לאגער

עס איז געווען א טריבער, רעגנדיקער מיטנאכט, ווען א שניידנדיקער, גרויל־אנזאגנדיקער ס״ס־מענער־רוף: אאוף! אאוף — האט אונדז אויפ־געריסן פון אונדזער האלב־פארמוטשעטן שלאף.

מיר האבן נאך נישט באוויזן רעכט זיך אויסצוגלייכן, צונויפנעמען דאס ביסל אויסגעהארעוועטע און אויסגעפייניקטע ביינער, וואס זענען געלעגן ווי אן כוחות, ווי אנמעכטיק צוגעקלעפט צום הארטן פריטש; שוין איז דער באראק פול געווארן מיט צעיושעטע פנימער פון ס״ס־לייט און אוקראינישע פאליציי־מארדעס: ראוס, ראוס! עס פלען קלעפ איבער די קעפ, איבער די פנימער, פון די אויף טויט איבערגעשראקענע לאגער־ניקעס. שטיל־שווייגנדיג, אן „אוי״ אדער קרעכץ, דריקט זיך דער צעבלר־טיקטער מענטשן־קנויל ארויס פון באראק. ווי שווייגנדיקע שאטנס שיילן זיי זיך אויס פונעם מענטשן־קנויל. יעדער שטעלט זיך אויף פלאץ אויפן לאגער־הויף.

איך בין געבליבן אליין אין באראק. לאנג טאר מען דא נישט בלייבן; מ׳וועט באלד קומען דורכזוכן אדער אינטערצינדן דעם הולצערנעם פאר־שמוציקטן באראק־קאסטן. איך שלייך מיך ארויס פאמעלעך אין דער פינצטערניש פון הויף.

דער אוקראינישער פאליציאנט, איבעראשט און דערשראקן, אפנים דורך דעם שאטן וואס האט זיך אומגעריכט ארויסגערוקט פונעם באראק־לאך, דערלאנגט מיר מיט דער ביקס, וואס ער האלט גרייט, איבער מיינע איינגעבויגענע פלייצעס. ער האט א באפעל נישט צו שיסן, נישט ארויס־

צורופן קיין צעמישונג, קיין אויפריר אין דער שטילקייט פון דער נאכט, אין דערפל ארום. איך שלייך מיר אריין אין לעצטן „פינפטל". דער גרעסטער טייל פון די לאגערניקעס געפינען זיך שוין, ענג געפאקט, אויף די אויפן וועג אויסגעשטעלטע לאסט — אויטאס, אויסער די שטעכיקע, דראטן, וואס נעמען ארום ווי אגעדיכטער צוים דעם לאגער.

כמעט אלע ס"ס־לייט און אוקראינער פאליציאנטן זענען שוין איבערדרויסן, אויף דעם וועג. זיי האבן ארומגערינגלט אין א געשלאסענעם קארדאן די אויטא־וואגענס און היטן מיט געווער אין האנט די לאגערמענטשן, וואס שטייען צוזאמענגעדריקט אויף די אויטאס.

די „פינפטלעך" רוקן זיך כסדר, אין איילקן טעמפא צום לאגער־טויער. געציילטע געפינען זיך נאך אויפן לאגער־הויף. איך בין אין לעצטן „פינפטל". די וואס שטייען נעבן מיר, פארבייטן נישט קיין ווארט צווישן זיך. שענקען נישט קיין אכט איינער דעם צווייטן. זייערע אויגן קוקן גלייך פאר זיך, ווי א בלינדער אין דער אומענדלעכער פינצטערניש אריין. מיין שכן קייעט נאריש, בהמיש א שטיקל ברויט. עס איז רעגנדיק, א געדיכטער נעפל הילט איין, ווי אין א טונקעלער נעץ אלץ ארום. דער הויף איז ארומגעצוימט מיט א געדיכטער נעץ פון שטעכיקן דראט... אומצייליקע מאל פלעג איך שטיין און באטראכטן דעם שטעכיקן דראט ארום לאגער. ווי א שטעכיקע האפנונגסלאזיקייט האט ער זיך איינגעעשניטן אין מיין פיין, לעבן, אין מיין באוווסטזיין. אין דער פינצטערניש פון דער נאכט ארום, האט מיך עפעס א צי געטאן צום דראט. עס איז נישט געווען קיין קלארער, איבערלייגטער געדאנק, ווי א פיבער האט מיך אדורכגענומען. איך מאך אפאר שריט — און איך בין ביי דער דראטיקער וואנט... און — עס איז נישט געווען דער ערשטער נס, וואס עס האט מיט מיר געטראפן אין די היטלער־יארן — איך האב אגעגענומען מיט די הענט די דראטן... זיי זענען זיך פונאנדערגעאנגען, שטיל און אן א שארך מיך אדורך־געלאזט — נישט אפילו א ריס געמאכט אין מיין בגד... איך בין אויסער דעם לאגער... א פריידיקער ציטער נעמט מיך ארום און קערט מיר ווי צוריק דאס באוווסטזיין...

א שריט פון דער דראטיקער וואנט שטייט א הויך אויסגעוואקסן

קוקורידזע־וועלדל. די רעגן־טראפנס קלאפן אויף די לאנגע קוקורודזע־בלעטער. עס בלאזט א לייכט ווינטל, וואס באוועגט די בלעטער אויף די בוימער. מיין גאנג אין דער קוקורודזע ווערט פארשלונגען פון דעם לייכטן גערויש ארום. איך מאך עטלעכע צענדליק שריט ווייטער און גיי אריין אינם הויך־אויפגעוואקסענעם קארן־פעלד. די קארן זאנגען זענען פייכט און פריש. ארום איז שטיל און טונקל. מען זעט נאר דאס ליכט פון די לאסט־אויטאסביים טויער פון לאגער. באלד פארשווינדן אויך די אויטא ליכטער, זיי זענען אוועק אין ריכטונג אויף מערב, קיין לעמבערג.

איך ליג אליין אין פעלד, ארומגעהילט פון די קארן־זאנגען און — ווי מאדנע: איך בין עפעס ווי שטאלץ און צופרידן מיט זיך — איך האב אפגעהאלטן א זיג איבער היטלערן"... נאר — ווו וועל איך זיך אהינטאן אין דער וועלט ארום מיט אט דעם „זיג" מיינעם?...

כ'פארשטיי דאס זייער גוט. אבער, מערקווירדיק, איך נעם זיך עפעס נישט צום הארצן פון דעם. איך מאך מיר א באקוועם געלעגער, אין דער תבואה. אין געטא אפילו האב איך אזא מחיהדיק געלעגער נישט געהאט. די קילע און לויטערע לופט, דאס פרישקייט וואס נעמט מיך ארום, באַרויקן מיין געמיט. איך צעלייג זיך ברייט אויף דעם ווייכן געלעגער, אטעם אריין אין מיר די מחיהדיקע לופט און באמי זיך צו פארטרייבן כלומרשט, יעדע זארג פון הארצן. אבער, פאמעלעך און הארטנעקיק גנבעט זיך אריין און לייגט זיך ווי שווערע בליי א נאגנדיקער אומעט אין מיין הארצן: וווהין האט מען זיי געפירט, די אומגליקלעכע? אוודאי אין דער גרוילי־קער מארד־הייל אין לעמבערג. אויף דער יאַנאָווסקא גאס. אויב זיי וועלן זיך נאך מארגן זען איינער מיט דעם אנדערן,ביים ליכט פון טאג, וועט מען מסתמא פרעגן: ווו איז סטעץ? — אזוי האט מען מיך גערופן. דעם נאמען האב איך באקומען פון מיין פריינד מ. ה. עד האט מיך באזארגט מיט אן ארבעט־אויסווייז אויפן נעמען פון וואסיל סטעץ, ווען איך בין ארויס פון געטא, געציילטע שעהן פאר דער לעצטער שחיטה און סוף פון געטא. מיט דעם דאקומענט האט מען מיך נאך דעם זעלבן טאג געכאפט, צוואנציק קילאמעטער אויף מערב פון לעמבערג, און אריינגענומען אין לאגער.

עס האט זיך זעלטן באוויזן א שמייכל אויפן פנים פון די לאגער־מענטשן. זיי האבן אבער געהאט א גאליקן „הומאר" און גערן אויסגעש־פיגן א חוזק־ווארט איבער א צווייטן, ווי געוואלט די אייגענע דערנידער־רונג דערמיט אויסקויפן... עס איז גארנישט שעדלעכס געווען אין דעם: וואס האבן שוין געקענט אט די ארעמע, צעטראטענע מענטשן עמיצן שלעכטס טאן? — איז זיי געפעלן געווארן דער אוסטערלישער אוקראיני־שער נאמען: סטעץ, און אזוי האבן זיי מיר גערופן. האב איך מקבל באהבה געווען דעם נאמען סטעץ.

— ווו זענען זיי, מיינע ארעמע פיין־ברידער? — — —

אליין בין איך אין פעלד דא, אין פינצטערניש פון דער נאכט... דער הימל לייטערט זיך פאמעלעך אויס, אלץ ברייטער און וייכער פארשפרייט זיך דער פאנטאסטישער סאמעט, מיט שטיפערישע ליכטעלעך אין אים, איבער מיין מידן קאפ. איך בין א קינד אן עלנדס, א געפלאגטס... ווו איז מיין מאמע?... איי וואלט איך געוויינט... געוויינט... איך פאל אנמעכטיק אריין אין א שווערן קאשמאר שלאף. עס ווייטיקט אין מיר שארף, ווי א שניידיק מעסער דער געדאנק: מ'דארף פרי אויפשטיין...

איך רייס מיך אויף אצעמישטער אין קאלטן פייכטן פארטאג. דארט זענען רויטע, נאך בלאסע פאסיקלעך אויפן הימל, דארט איז מזרח־זייט. אהין גיי איך. איך בין נישט מער ווי א הונדערט שריט דרומדיק פון הויפט־שאסיי. מ'מוז זיך דערווייטערן פונעם שאסיי. אבער האלטן אן אויג אויף אים פונדערווייטנס. אלע לאגערן לענג אויס דעם טראקט לעמבערג־טארנאפאל ווערן ליקווידירט, די לעצטע נאכט האט זיך עס אנגעהויבן. איך זוך אויס א שמאלע סטעזשקע אין קארן און גיי. אין דער תבואה איז שווער צו גיין. מען לאזט שפורן נאך זיך, און מען קאן באַ־מערקן פון דערווייטנס די באוועגונג צווישן די זאנגען. עס ווערט העלער, ליכטיקער ארום. איך בין גענוג ווייט אין פעלד, אבער איך זע די באווע־גונג אויפן שאסיי. עס לויפן מיט גרעסערע הפסקות, לאסט־אויטאס. אויפן טראקט אין דער ריכטונג צו לעמבערג. עס שטייען צוזאמענגעדריקטע מענטשן אין די אויטאס. אויף די ראנדן פון אויטא ארום, זיצן מיט אויס־געשטרעקטע ביקסן, מסתמא ס"ס־לייט און אוקראינישע פאליציאנטן. איך

זע און פיל עס גוט. יעדע קלענסטע באוועגונג פון די צוזאמענ־געגנדריקטע מענטשן אין די אויטאס — איז טויט. זיי שטייען ווי אן אויסגעגאסענע מאסע — איך פיל מיך, ווי איך וואלט געווען צווישן זיי און א קאלטער שוויס באדעקט מיך. אבער — איך בין דא, צווישן די פרישע גלעטנדיקע זאנגען און זיי קילן אפ און בארויקן מיין פיבערנדיק געמיט. א שטיל זשומענדיק געזאנג. דערגייט צו מיינע אויערן פון ארום. אספק צי עס איז געזאנג — אדער געוויין. א שטיל געיאמער אזא, וואס מאכט אויפציטערן דאס הארץ...

עס פארשווונדן די אויטאס פון טראקט. עס ברעכט אריין אין פעלד זוניקער טאג. עס איז ענדע יולי 1943.

אין א זייטיק, פון הויפט־טראקט אפגעלייגטן דערפל, וועט מען אפשר נאך נישט וויסן, אז די נאכט האט מען ליקווידירט די לאגערן; עס וועט נישט ארויסרופן קיין חשד, אז איך בין אן אנטלאפענער.

ביים סאמע עק פון דערפל, יאנטשיטין הייסט עס, שטייט אן ארעם כאטקעלע, עס איז ליידיק. טיר און פענצטער אויסגעבראכן, אפילו די ציגל פון אויוון האט מען פון דאנען ארויסגעטראגן. מסתמא האט דא א ייד געוווינט א מאל. אינמיטן שטוב שטייט א קליין טייכל. דער רעגן האט עס דורך אפענע טיר און פענצטער אנגעטראגן. איך בינד אויף מיין טלומעקל און געפין דארט א ראזיר אפאראט. מען דארף זיך אפראזירן און א ביסל אפוואשן. אויסזען מענטשלעך. איך טו אויס די שיך און פארווארף זיי צוניפגעבונדענע, אויף די פלייצעס. מעשה דארפס־מענטש. שיך דארף מען שאנעווען. ווער שמועסט נאך היינטיקע צייטן. איך גיי ארויס פון דער שטוב און לאז מיך גיין דארף אריין. די ערשטע באגעגנט א שיין דערוואקסן דארפס־מיידל. זי פרעגט מיך, אפשר וויס איך, וווּ עס וווינט דער לאנגער טראכים? ווייס איך נישט, צי מאכט זי א שפאס, אדער מיינט זי ערנסט. ענטפער איך: טראכים? איך קען אייגעם, אבער ער איז נישט קיין לאנגער נאר א קלייניקער, א קורצינקער אזא, ער וווינט דארט אין דער „דאלינא" (טאל), ער וועט דיר אוודאי זאגן, וווּ דער לאגער איז. איך זאג עס איר, אזוי דאכט זיך מיר, מיט אן אלט, זיידישער גוטמוטיקייט. זי שמייכלט און איז באשיינפערלעך צופרידן. איך אויך. זי האלט מיך

ווייזט אויס, פאר אן אייגענעם. איך נעם מיך אן מיט מוט און גיי, אזוי אביסל האפערדיק, אריין אין דער באעגטסטער דארפישער כאטקע. מען עסט „אביד" (מיטאג). און ווי דער מנהג איז צווישן פויערים, דערלאנגט מען אויף דעם אורח, באזונדער א שיסל מיט הייסע קארטאפל און א טעפל מיט זויער־מילך. איבערן טיש טראגט זיך א ווארעמע פארע פון די הייסע קארטאפל. און די עסנדיקע זענען פארטאן, שווייגנדיק „ארבעטן" זיי מיט די לעפל אהין און צוריק צו און פון דער שיסל, כמעט אין אן איינהייטלעכן ריטם. ביים עסן רעדט מען נישט. יעדער מוז אינזינען האבן אז ער האט א לעפל אין דער האנט און מוז טאן זיינס. קיינער וועט אויף אים נישט ווארטן, און די שיסל וועט סיידווי בלייבן ליידיק.

נאכן עסן וועט מען מן הסתם פרעגן: פון וואנען? — וווהין? — און בכלל וואס הערט זיך אויף דער וועלט? אין קאפ ארבעטן ביי מיר פארשידענע ענטפער־קאנצעפציעס, איינע הינקענדיקער פון דער צווייטער. אויף מיין מזל טראגט עס אן דעם שכן, אמין דארפישער „פיליאזאף" א חקרן.

„אזוי — גיט ער אנצוהערן־זעט ער אויס (איך, הייסט עס) ניבע אן אונדזעריקער, נאר דער קאפ איז ביי אים אפגעשוירן „בא זשידא". „בא זשידא" מיינט ער די לאגער־יידן, ווייל קיין אנדערע זשידעס זענען שוין דא, ווייט און ברייט ארום נישטא.

אין א ווײַלע ארום געפעלן אים שוין אויף נישט מיינע אויגן, ער האט דערשפירט עפעס נישט זיינס אין זייער בליק. גראבט ער אין זיינע קליינע וואסערדיקע אייגעלעך אין מיר: — ס'קאזשיט, ווי זשיד? — כזאל אים זאגן צי איך בין א ייד... עס גייט אים אפשר נישט אין דעם, ער זאל מיר שלעכטס טאן, ער וויל בלויז באווייזן די ארומיקע, אז ער האט א שארפן קוק. אים קאן מען נישט אפנארן. עס דויערט נישט לאנג און די שקצימלעך אין שטוב הויבן זיך אן סודען און גלאנצן מיט די אויגעלעך און שוין איז די בשורה אין גאס: דארט איז א זשיד. איך לאז מיך ארויסגיין פון דער כאטע; מ'ענטפערט מיר נישט אויף דעם „זיי געזונט"... באלד פירט מיך שוין א הויכער, געזונטער שגץ אין דער גמינע אריין. אין דער גמינע נעמט מיך אויף דער וואיט אליין. אן א ווארט צו פרעגן אדער

צו זאגן, דערלאנגט ער מיר קודם כל א היפשע פארציע קלעפ מכל המינים: מיט די קולאקעס און מיט די פיס, איבערן קאפ פנים א.א.וו. א"זוי „אמטירן" האט ער זיך געלערנט ביי די דייטשע הארן. עס איז גוט צוגעפאסט צו זיין כאראקטער און לעבנס־באנעם. ער איז אן אוקראינישער נאציאנאליסט. אין געביט פון יידן־פיין, רויב און מארד האבן די דייטשע הארן צוגעטיילט די אוקראינישע „סאמאסטיניקעס" אגעוויסע זעלבש־שטענדיקייט, מ'מעג זיך אויף זיי פארלאזן אין דעם פרט.

שטייען ארום די „גאספאדארעס", די אויסגעוויילטע פון דער „הראמאדע" (געמיינדע) און קוקן זיך צו מיט הנאה און זאך־געניטקייט צו דער ארבעט פון זייער ראש, דעם דארפישן וואיט. ווען ער טרעפט גוט, הערט זיך שטיל אבער דייטלעך, א זאכלעך, געניטער: א. אויסגעל־אדן די רציחה אויף מיינע אויסגעמוטעטע ביינער, גיט דער וואיט א וויל־ייבגערישן שפיי אין דער לופט און הייסט דעם גמינע־שומר מיך ארייגפירן אין א קאמער ארייו, א האלב פינצטער קליין און דומפיק צימער, וואס געפינט זיך אין דעם גמינע־בנין. דער סטרוזש איז מיין שומר ביי דער קאמער. ער איז עפעס אן אומצופרידענער. ער רעדט אסך, ער איז, ווייזט אויס עפעס גישט צופרידן מיט דער גאנצער וועלט. ער האט אפנים אויך מיטלייד מיט מיר, דער עיקר טאקע, געפעלט אים נישט דער גאנצער סדר פון דער וועלט. ער ברענגט מיר א שטיקל ברויט מיט א ביסל מילך און אויך וואסער ארומצוואשן, א ביסל אפווישן די געגנוג קענטיקע סמנים, וואס דער וואיט האט געמאכט אויף מיין פנים. ער בארויקט מיך, מען וועט מיר גארנישט טאן. מען וועט מיך „נאר איבער־געבן דער אוקראינישער זשאנדאמעריע" (פאליציי) און זיי וועלן מיך מן הסתם איבערגעבן אין לאגער אריין אין דארף קוראוויצע. ער ווייסט באך נישט, זעט אויס, אז די לעצטע נאכט זענען די לאגערן ליקווידירט געווארן. ער איז זעט אויס, א פרומער, א גאטספארכטיקער. ער בארויקט מיך, אבער קוקט אויף מיר ווי אויף איינעם, וואס גייט באלד אין דער אייביקייט אריין...

ער פרעגט מיך, צי קאן איך זאגן דעם „אויטשע נאש" (אונדזער פאטער). ער זעט טרערן אין מיינע אויגן און לאזט זיך צו בענטער צו

מיר; ער זאגט מיר פאר דעם „אויטשע נאש" — א מענטש דארף קענען און זאגן דעם אוטשע נאש — ס'וועט קיינמאל קיין שאדן נישט ברענגען.

אויפן צווייטן טאג איז געקומען די זשאנדאמעריע, צוויי יונגע אוקראַיִנישע שקצים, אין די מיר אזוי גוט באקאנטע מונדירן. זיי זענען זייער אויפגעלייגט און גוט געשטימט. באקומען אייער, הינער און פוטער אין דער גמינע, זיי זענען שוין געגוג זאט פון זייער „באשעפטיקונג" מיט יידן און ווייזן נישט ארויס קיין באזונדערן אינטערעס פאר מיר. איך פאר מיט זיי קיין קוראוויצע.

דער וועג איז א בלאטיקער פעלד־וועג. די פערד שוויצן ביים שלעפן דעם וואגן, און דער געדיכטער און פעטער בלאטע. מען פארט לאנגזאם און די צייט ציט זיך פויל און מאנאטאן... עס געפעלט זיי — איך רעדט אזוי א ביסל „ליטעראריש" אוקראַיִניש. זיי האבן געלערנט אין א אוקראַיִנישער מיטלשול און אינטערעסירן זיך מיט פאליטיק. איך דערצייל זיי, אז איך בין געווען א היימעשער און אפטער אריינגייער אין דער רעדאקציע „דילא", אן אנגעזעענע אוקראַיִנישע צייטונג פאר דער מלחמה, אין לעמבערג. איך קען די אוקראַיִנישע פירער וואסיל מודרי, דעם גלח קוניצקי, און דעם רעדאקטאר פון „דילא" קעדרין־רודניצקי. אזוי און אזוי האבן זיי אויסגעזען. די צוויי שקצים ווערן א ביסל צוגעלאזן צו מיר. איינער גיט מיר אפילו א פאפיראס. זיי וואלטן מיך אפגעלאזן, ווען נישט דאס, וואס זיי האבן מיך גענומען פון דער גמינע. זיי דערציילן מיר וואס עס האט פאסירט די לעצטע נאכט. אלע לאגערן אין דער געגנט זענען ליקווידירט געווארן. אין קוראוויצע זענען נאך געבליבן א דרייסיק לאגער־יידן, וואס וווינען אויסערן לאגער, צווישן זיי א מיידל, וועלכע שטייען אלע אונטער דעם פערזענלעכן שוץ פונעם לאגער־פירער. די גרופע האט אפגעגעלט, אדער באהאלטענע ווערטזאכן, און דער לאגער פירער האלט זיי אונטער זיין שוץ. אפשר וועט מען מיך אריינעמען צווישן די פריווילעגירטע; זיי וועלן אלץ טאן, וואס ס'וועט זיך לאזן טאן...

געקומען קיין קוראוויצע שפעטלעך. דער לאגער איז שוין געווען אפגעשלאסן. דער קאמענדאנט פון דער זשאנדאמעריע איז מיך קודם מכבד מיט עטלעכע פילבארע קלעפ. רעווידירט, צי האב איך נישט

עפעס ווערטפולס אין מיין טלומעקל. ער האט דארט גארנישט געפונען, וואס זאל האבן עפעס א ווערט פאר אים, און ער „שענקט" מיר דערפאר א מין אנטווישונגס־קאפ מיט זיין באשטיולטן פוס. ער באפעלט צוויי פאליציאנטן זיי זאלן מיך פירן „ערגעץ נעכטיקן". איינער פון מיינע באגלייטער זאגט מיר: „וועסט דארט האבן זייער א באקוועמען געלעגער"... איך הער גוט און פארשטיי דאכט זיך די אנצוהערעניש. אבער, מערקווירדיק, איך נעם עפעס גלייכגילטיק אויף די גענוג קלארן אנצוהערעניש. איך גיי מיט זיי דווקא מיט א גוטן פארגעפיל.

מיר דערווייטערן זיך עטלעכע צענדליק טריט פון דארף און פלוצים קומט אונדז אנטקעגן צו פארן דער דייטשער לאגער־קאמענדאנט. ער פארט אין א ברישקע און נעבן אים זיצט א יידיש מיידל פון דער שוין דערמאנטער גרופע.

די פאליציאנטן ראפארטירן: געכאפט א יידן א.א.וו. דער קאמענדאנט לאזט זיי נישט ענדיקן אפילו דעם ערשטן זאץ. ער שרייט צו מיר מיט א צארנדיקער שטים: ארויף אין וואגן, דאס מיידל גיט מיר א ווונק און איך זיך שוין אין בריטשקע...

אין דער פויערישער כאטקע, וווהין דאס מיידל האט מיך געבראכט, צו דער קליינער גרופע „געשיצטע יידן", דאכט זיך קרובים, אדער נאענטע פריינד אירע, דערזע איך זי א פריילעכע און א שטראלנדיקע: — „דעם יידן" — זאגט זי — האב איך פון א זיכערן טויט געראטעוועט, איר ווייסט וווהין מען האט אייך געפירט? איר זענט א ייד א בר מזל"... ביהאב קיין איין ווארט נישט געענטפערט. א מינוט איז שטיל געווארן אין דעם קליינעם קארג באלויכטענעם צימער.

ארום צען יונגע יידן, — איך בין געווען דער עלטסטער צווישן זיי — זענען געשטאנען ארום מיר אין צימער. אפשר די לעצטע יידן פון אלע יידישע קהילות אין גאליציש־פאדאליען, וואס זענען נאך געבליבן צווישן די לעבעדיקע. מיר האבן געקוקט שטום איינער אויפן אנדערן אין א דערדריקנדיקער שווייגעניש.

איינער פון דער גרופע האט איבערגעריסן דאס שווייגן און געזאגט

צו מיר: „וועסט איבערנעכטיקן דא, מארגן אינדערפרי וועסטו קענען גיין. נישט ווייט פון דארף איז דא א וואלד, איך וועל דיר ווייזן דעם וועג".

אין גרויען פרימארגן בין איך אויפגעשטאנען, דורכגעגאנגען מיט גיכע טריט די דארפס־גערטנער, און ווען איך בין ארויס אויפן פרייען פעלד, בין איך אוועק פאמעלעך נישט איילנדיק זיך, מיטן דארפישן וועג אין וואלד אריין.

3

# אין וואלד

לענג אויס פון פיל צענדליקער קילאמעטער ציען זיך די וועלדער פון פאדאלישן פלאכלאנד. זיי גייען אריבער די גרענעץ פון גאליציע־וואלין־פאדאליע, ווייט אויף צפון־מזרח.

די פיל דערפער וואס זענען צעזייט אין דער סביבה, זענען ווי אינדזלען פאר מענטשן און פי, וואס זענען באהאלטן אין שויס פון וואלד.

די גרויסע און ברייטע אינדזלען, פון פארזיי־און פאשע־פעלדער, זענען דורך דעם אקעראייזן דעראבערט און אויסגעריסן געווארן פון דעם הערשאפט שטח פון וואלד. וואס זיינע ביימער זענען אונטערגעשניטן געווארן, די ווארצלען ארויס־געריסן און די ערד פארוואנדלט אין באקעטן פעלד. דארט ווו עס רוט דער אקער־אייזן און היט נישט וואכזאם זיינע דעראבערונגען, פארברייטערט דער וואלד אויפסניי זיין ממשלה — ער שפראצט און וואקסט פון זיך אליין, אומאויפהערלעך.

די פויערים פון דער סביבה זענען מיט טויזנטער פעדעם פארבונדן מיטן וואלד. ער, דער וואלד, איז משפיע אויף זיי מיט זיין כוח, פון דער מעכטיקייט פון זיין לעבן און וואקסן, וואס ווייסט נישט קיין מידקייט. ער גיסט אריין אין זיי עקשנות, התמדה דויערהאפטיקייט.

דער קלויסטער־גלאק נעמט ארויס דעם פויער פון זיין הויז, אין באשטימטע צייטן, אין שעהן פון יום־טוב און ליידיקגיין. ער, דער פויער, באפרייט זיך פון זיין פחד, אינעם שוץ פון דער הייליקער טונקלקייט אין קלויסטער, נויגט צו קאפ און אויער צו די פרומע מוסר־רייד, וואס נידערן אראפ צו אים פון דער הויך, פון דער אמבאנע, אינעם געבעט־הויז.

ער האט עס נויטיק אביסל גרינגער צו מאכן די לאסט, וואס דריקט אויף זיין זינדיקן פויערישן געוויסן...

האפערדיק, א צעפרידענער מיט זיך, ווי איינער, וועמען עס איז געלונגען זיך ארויסצוקריגן און אנטרונען א גאנצער פון א שווערער מערכה — קערט ער צוריק צו זיין שטוב, צו זיין הויזגעזונט, צו זיין פעטער און געשמאקער סעודה. נישט אזוי איז דער וואלד. עס ציט דעם פויער צום וואלד, ווי צום שורש פון זיין לעבן. שטענדיק און ביי יעדער געלעגנהייט. ער דארף דעם וואלד. זיין האלץ צום הייצן, בויען, פארריכטן, ווערקצייג, לאנדווירטשאפטלעכע און דארפישע ארבעט און נוץ־מכשירים. ער פאשעט אין וואלד זיינע בהמות, נעכטיקט דארט בייגאכט מיט זיינע פערד. אפט שפאצירט דער פויער אין וואלד, סתם אזוי, פון הנאה וועגן. קלייבט מאלינעס, שוואמען, ניס, ער און זיין הויזגעזונט. דער געזונטער אטעם פון וואלד פארשארפט זיינע חושים, ציגד אין אים אן געלוסטן, וועקט זיין גיריקייט. און ער לעבט אין וואלד א פולן לעבן.

ווגן און שטעגן אן א שיעור זענען דא אין וואלד. א טייל שוין פארלאזטע. פארוואקסן מיט גראז און דערנער. א טייל פריש אויסגעטראטענע דורך די פיס־טריט פון מענטשן און פי אין געשפאן.

דער וואלד איז, אמת, עמיצנס אייגנטום, ער געהערט צום גוטס באזיצער אדער צו דער מלוכה־מאכט, אבער דער פויער אנערקענט נישט און קען קיינמאל נישט שלום מאכן מיטן געדאנק, אז דער וואלד, וואס איז נאענט פון זיין ווירטשאפט איז עמיצנס, האט א פרעמדן בעל־הבית איבער זיך.

דער פויער קאן אלע שטעזשקעלעך און באהעלטענישן אין וואלד און טראץ דער ענלעכקייט פון זיינע באזונדערע טיילן, און די פארפירערישע איינפאלטיקייט פון זיין פייזאזש, בלאנדזשעט דער פויער קיינמאל נישט אין וואלד. דער וואלד דינט פארן פויער ווי א שוץ און באהעלטעניש אין אן עת־צרה און סכנה.

ווען ס'האט זיך פארשטארקט דער דרוק פון דעם דייטשן אקופאנט, ווען עס פלעג געמאכט ווערן א געפאנג אויף דער דארפישער יוגנט, כדי זיי ארויסצושיקן אויף צוואנגס־ארבעט קיין דייטשלאנד, אדער אין די

אַרבעטס־לאַגערן אין הינטערלאַנד אין פּוילן גופא. ווען די דייטשן האָבן „געמאַכט באַזוכן" אין די תבואה־שפּייכלער אין שטאָלן אין דאָרף, פלעגן די פּויערים, זיי און זייער אויסגעזינט, פערד און קי, אַנטלויפן און זוכן באַהעלטעניש אין וואַלד.

אין יענער צייט, זומער 1943, איז דער וואַלד באַפעלקערט געוואָרן דורך פּליטים, דעזערטירן און אַנטלאָפענע פון כל המינים.

אויף א מרחק פון עטלעכע צענדליק שריט, איז שווער אונטערצושיידן א מענטש און א בוים אין וואַלד. דו דערשפּירסט דאָס דערנענטערן זיך פון א לעבעדיק וועזן נאָר צוליב א פאַרדעכטיקטע באַוועגונג, א פלוצימדיקער גערויש, א צווייגן־ברעכן וואָס דערגייט צו דיינע אויערן.

באַגעגנסטו עמיצן, אין וואַלד, גריסטו אים שטיל, מיט א נויג פון קאָפּ, גישט דערהויבנדיק דאָס קול, ווייל דער עכא טראָגט זך אין הויכע ווידערקול'ן ווייט אַרום. דו פרעגסט נישט און ווערסט נישט געפרעגט פון קיינעם. „וואָס טוסטו דאָ ?" סיידן דו באַגעגנסט עמיצן א באַקאַנטן און דו האָסט מיט אים עפּעס צו שמועסן. געפאַנגענע, אַנטלאָפענע פון דייטשע צוואַנגס־אַרבעט־לאַגערן, ברעקלעך אָפּגעפאַלענע פון דער דייטשער קריגס־מאַשין זענען געווען אויך אין די דערפער. זיי זענען געהן אויפגענומענע געוואָרן, אפילו אויסגעשטעלט אויף א געוויסע ריזיקע און געפאַר, דורך די מיט א סך אַרבעט אין זייערע ווירטשאַפטן באַלאַדענע פּויערים, אָבער די „הויפּט־באַזע", שוץ און באַהעלטעניש־אָרט, איז געווען פאַר זיי דער וואַלד.

דאָ און דאָרט האָבן זיך אויך יידן באַהאַלטן אין וואַלד. ס'רוב אין אונטער־ערדישע הייל'ן און גריבער. די וואָס זייער פּנים האָט עדות געזאָגט, וועגן זייער יידישקייט, זענען געווען אין שטענדיקער סכנה אויך דאָ, אין וואַלד.

די אוקראַאינישע באַפעלקערונג, וואָס איר חלק אין דעם אַנטי־יידישן מאָרד און רויב־ווערק איז געווען א גענוג אַנזעעוודיקער, האָט געטון אַלץ, כדי כלומרשט צו „פאַרווישן" די שפּורן פון פאַרברעכן. דער כלל ווי דער יחיד, אויף אייגענער האַנט, האָבן געזאָרגט דערפאַר, עס זאָלן באַזייטיקט ווערן די דאָ און דאָרט נאָך טליענדיקע, לעבעדיק געבליבענע

יידישע עדות. זיי האבן מורא געהאט פאר דער נקמה פון די סאוויעטן, פאר דעם פארגאסענעם יידישן בלוט; זיי האבן אפילו אין דער פאנטאזיע זיך פארגעשטעלט, פיל גערעדט וועגן דעם, אז עס דערווארטן זיי שווערע שטראפן, פאר זייערע פארברעכנס קעגן די יידן.

צו זייער גרויסער איבערראשונג זענען די בייזע נבואות נישט מקויים געווארן. זייער שנעל, שוין באלד אין אנהויב, האט זיך ארויס־געוויזן, אז אלץ איז געווען בלויז גרונטלאזע פאנטאזיע און פוסטע שרעק. קיינער האט נישט געמאנט ביי זיי, נישט גערופן זיי צום משפט פאר דעם פארגאסענעם יידישן בלוט, פאר דעם גערויבטן יידישן האב און גוטס פארקערט, צווישן די וואס זענען עולה לגדולה געווארן, דערגאנגען צו איינפלוס און מאכט, תיכף נאכן אריינקומען פון די זיגער, זענען נישט ווייניק געווען פון די רוצחים, אונטערצינדער און רויבער פון נעכטן.

...ווען איך בין אריינגעגומען אין וואלד, אין א שיינעם, ווארעמען, זומערדיקן פרימארגן, האב איך געהאט אין מיין טלומיקל א העמד, צוויי לעבלעך ברויט, א ראזיר־מאשינקע, און א שטיקל זייף. אין א קעשענע האב איך געהאט א קליין מעסערל און עטלעכע פוילישע זלאטעס. א געפיל פון דערלייכטערונג און וואקסענדיקע זעלבסטזיכערקייט האט מיך ארומגענומען שוין ביי מיינע ערשטע טריט אין וואלד. כ׳בין דאך ארויס א גאנצער פון דער פיינטלעכער און אכזריות־דיקער וועלט. כ׳האב געוואלט וואס ווייטער אוועק פון א מענטשלעכן ישוב. די שרעק־נאכט וואס איך האב איבערגעלעבט, דעם גרויל, האב איך ערשט דערשפירט אימה׳דיק קלאר, גייענדיק פריי ארום אין וואלד. עס האט מיך ארומגע־נומען א מין זיסע מידקייט און איך האב ממש געלעכצט נאך א ביסל רו און מנוחה. די לופט איז געווען ריין און פריש. פון אלע זייטן ארום האבן זיך געטראגן קולות און גערויש וואס קיינער ווייסט נישט פון וואנען זיי קומען.

אגעצוויטשער פון פויגל, א געשושקעריי פון געוויקסן, האבן זיך ווי הארמאניש צוזאמענגעגאסן אין א שטיל פייערלעך געזאנג, דער אויפ־גייענדיקער זון אנטקעגן.

דאס האט אריינגעגאסן הייטערקייט אין מיין הארץ, געפלאנצט

דארט עפעס ווי א בלאסע האפנונג, הגם, עס איז נישט געווען קיין לאגישער גרונט דערצו. עס האט אפילו ווי אויפגעוועקט אין מיר א מין געפיל פון שטאלץ און נצחון: כ׳בין דאך ארויס פון קלעם און גיי מיר ארום פריי אין וואלד. עס איז אויפגעקומען אין מיר א מין קינדישע און באַיווע אילוזיע, ווי איך וואלט געגאנגען און גענעטער געקומען צו עפעס א ציל, וואס כ׳האב אליין נישט געוווסט ווו ער געפינט זיך.

כ׳האב מיך באמיט צו באהערשן די מידקייט, צוגיין פארויס מיט מונטערע טריט, ארייַנצוגיין וואס טיפער אין וואלד, — מיין פריינדלעכער באשיצער און פארטיידיקער...

כ׳האב, פארשטייט זיך, נישט געקאנט פעסטשטעלן ווי ווייט איך האב מיך דערווייטערט פון דער געפאר וואס דראט מיר, אבער נאך א לענגערן גיין, האב איך מיר אפגעזוכט א באקוועם ארט, וואס האט אויס־געזען צו זיין גוט געדעקט פאר אמענשלעך אויג, צווישן די ביימער, און איך האב מיך אנידערגעלייגט. כ׳האב אויסגעצויגן מייַנע מידע גלידער, אויף דעם ווייכן גראז. עס איז געווען הויך געוואקסן. און מיט א זיסער הנאה זיך איינגענורעט אין ווייכן, שמעקעדיקן געלעגער. עס האט געקילט, געגלעט מיין צעפלאמט פנים. און ווי א קינד אין די ארעמס פון א מאמען בין איך איינגעשלאפן.

זומער שלאפט מען געשמאק אין וואלד, אויך בייַנאכט. עס איז נישטא גרעסערע זיכערקייט, ווי שלאפן ביינאכט אליין אין דער טיפעניש פון וואלד...

אבער... אט קומען זיי צו דיר, אין דיין ביינאכטיקן חלום, זיי זענען אלע דא, נאענט ביי דיר... בלאסע, קינדישע פנימלעך, אויס־געדארט און הונגעריק... דאס ליכט אין זייערע אויגן איז אויסגעלאשן... זיי לויפן דערשראקענע און ס״ס־לייט שיסן, צילן אין זיי ווי אין קליינע פייגעלך... א שריפה אין געטא... פון צייט צו צייט האט מאן געקירצט, געשניטן דעם שטח פון געטא. מ׳האט ענגער געמאכט, צונויפגעקלעמט די נעסטן פון ארעמקייט, הונגער און פיין אין געטא. יידן האבן זיך באהאלטן אין אלע לעכער, אויף ביידימער, אין קעלערס. פארגראבן זיך אין דער ערד. עס איז נישט לייכט געווען און אויך נישט כדאי געווען די אנשט־

רענגונג. און אפשר די ריזיקא, פאר די דייטשן, זיי ארויסצובאקומען פון די באהעלטענישן. האבן זיי אונטערגעצונדן געוויסע טיילן פון די געטא־גאסן, כדי ארויסצויאגן די יידן פון די לעכער און נארעס וווּ זיי האבן זיך באהאלטן. פלאמען־צונגען האבן ארומגענומען די הייזער, א געדיכטער שטיקנדיקער רויך איז אריינגעדרונגען אין אלע לעכער און באהעלטענישן פון די יידן... אט, באווייזט זיך אין די פלאמען א פרוי מיט א קינד אין די ארעמס, יונג און אלט פרווון זך ארויסרייסן פון דער דערשטיקענדיש. זיי לויפן, שפרינגען צעשראקענע גלייך אנטקעגן די אנגעשטעלטע ביקסן פון די ס״ס־לייט... א א! — הערן זיך ווילדע אויסגעשרייען פון די צעיושעטע בלוט־הינט. עס פאלט א סאלווע, א האגל פון קוילן. די קרבנות קניען, פאלן, פארזונקען אין די רויך־וואלקנס... אט זענען זיי אלע דא מיט דיר. דיין קינד, דיין פרוי, דיין אלטע מאמע, שוועסטער און ברידער, וואס האבן זיך אליין געגראבן א קבר, אין טויט־שרעק פאר דער ביקס פון רוצח...

ווי אין א שווערן פיבער וועקט מען זיך פון שלאף. אלע אברים ציטערן פון פחד און גרויל... אבער, ארום איז אזוי רויק און שטיל: „דו ביסט פריי"... באהאלטן פון שונא׳ס אויג, געשיצט דא אין וואלד, וואס איז פארגאסן מיט ליכט און פרייד...

פון וואס לעבט מען אין וואלד? מאלינעס, שוועמלעך, און צומאל ניס, געפינט מען דא זייער פיל. נישט אומעטום, אבער, מיט דער צייט ווערסטו געניטער און ווייסט ווו דאס אלץ אפצוזוכן און געפינען. אין די נעכט קענסטו אויך מאכן א באזוך אין דעם גרינוואַרג־פעלד, וואס ווינקט צו דיר, דארט אין עק וואלד. דארט זענען דא ארבעס־שויטן, מייערן און אפילו קארטאפל. דארפסט אבער פריער גוט אויסשספירן דעם פלאץ, דעם וועג אהין או צוריק; זאלסט נישט איבערלאזן קיין שפורן נאך דיר, דער פויער קאן זיך גוט אויס אויף דעם. אזא „באזוך", הייטערט אויף אמאל דיין געמיט, הגם עס איז פאראן אין אים ריזיקע און שפאנונג. דארפסט זיין זייער פארזיכטיק. עס קען פאסירן אז עמיצער ווארט אויף דיר מיט א האק אין דער האנט... דארפסט אכטונג געבן, אז די בלויזן און לעכער אין פעלד, זאלן נישט קאנטיק זיין באלד ביים ערשטן בליק... נאך א

געוויסער צייט איז געוווּנטשן אז דו זאלסטו טוישן דיין פלאץ און זיך אריבערטראגן אין אן אנדער געגנט. קענסט אויך צעלייגן א קליין פייערל פון צייט צו צייט, יעדעס מאל אויף אן אנדער ארט. אפבראטן דאס גרינוואַרג, אדער אפילו אפקאכן, אויב דו האסט ערגעץ־ווו געפונען א קאנסערוון־פושקע. אבער, דו האסט ווייניק שוועבעלעך ביי דיר און דו דארפסט זיי היטן אויף אן נויט־פאל. בפרט, אז נישט אלע ווילן זיך אנצינדן. בייטאג שפירסטו אויס און באקענסט זיך מיט אלע וועגן און שטעגן אין וואלד. און ביינאכט וואנדערסטו אריבער פון איין ארט צום צווייטן.

נישט אומעטום געפינסטו וואסער אין וואלד. אמאל איז נישטא קיין וואסער גאנצע טעג. טרעפסטו א שפרודלדיקן וואסער־קוואל אין וואלד, ער איז לויטער, קיל, מחיה נפשות. קלעבסט זיך צו אים ממש, וואשסט זיך, טרינקסט און לעשסט דעם דורשט. פרישסט אפ די הויט פון דיין לייב, וואס איז אויך דורשטיק נאך וואסער. ראזירסט זיך, וואשסט די האר, גלייכסט זיי אויס, אז זאלסט נישט אוסזען ווי אווילדער ווען א מענטש וועט דיך באגעגענען.

דער פויער ווייסט, אז פארשידענע מענטשן דרייען זיך ארום אין וואלד. באגעגנסטו אמאל אזא איינעם, וואס האט ליב צו כאפן א שמועס וועגן דעם און יענעם, דערציילן מעשיות, בייעסן א.א.וו.

ס׳איז נישטא אזא ארט ווו עס פלאדזשען זיך פארשידענע גרויל־מעשיות, בפרט אין אזעלכע גרויל־צייטן, ווי די סביבה פון וואלד. דארפסטו קענען אויסהערן די מעשה, צוליגן קאפ. אריינווארפן דיינס א באמערקונג, הסכמה אדער צווייפל, רויק און איבערלייגט, אן דער מינדעסטער אויפרעגונג, וואס קען ארויסרופן עפעס א פארדאכט, א חשד.

נאך אזא באגעגעניש ברויזט אויף ווי א מין שטורעם אין דיין הארץ. דו קלערסט אפילו, אז דו האסט גוט „אויסגעהאלטן דעם עגזאמען״ און לויט אלע סמנים און צייכנס איז עס געווען סתם אזוי, א געוויינלעכער, אומשולדיקער שמועס. אבער דאך, איז אפשר גלייכער עוקר צו זיין פון דעם פלאץ און זוכן אן אנדער באהעלטעניש.

אמאל דערוועקט זיך פלוצים, אן יעדער לאגישער סיבה דערצו, ביי דיר

א געפיל, א ווילן א ווערקצוגייען פון דעם ארט ווו דו געפינסט זיך, א שטייגער ווי עמיצער וואלט דא נאכגעשפירט נאך דיר און דיך פארפאלגט.

דו קלערסט אז עס איז ביי דיר אן „אינסטינקטיווער פארגעפיל", אזא, דו ביסט שוין נישט איינמאל געפרווווט געווארן דערמיט אין דער פארגאנגענהייט, און דער „אינסטינקט" האט דיר טאקע ריכטיק אנגעצייכנט דעס וועג, וועלכן דו האסט ווייטער צו גיין...

בכלל זעט עס אויס, אז עס האבן זיך אנגעזאמלט אין דיין באוווסטזיין אימפולסן אזעלכע, וואס טרייבן דיך צו וואנדערן ווייטער און ווייטער...

דעם חשבון פון די טעג, געדענקסטו שוין נישט געניי, ווייסט אויך נישט, וואס פארא טאג עס איז היינט אויף דער וועלט. א וואכן־טאג, אדער יום־טוב. צי האט עפעס נייעס פאסירט, זיך געענדערט דארט אין דער גרויסער וועלט. אויף יענער זייט פון וואלד? אט די וועלט, וואס ביסט פון איר פארטריבן געווארן, וואס דו האסט נישט קיין חלק אין איר, קיין שום רעכט, אפילו נישט דאס „רעכט" פון א הונט, וואס היט דאס הויז פון זיין האר...

דארט הינטער די בוימער פון וואלד, וויט, זעט מען ווייסינקע פויערישע הייזקעלעך, דארט איז זי „די וועלט", וואס טראגט אזוי פיל סכנות פאר דיר...

דער מענטש איז א שטוב־חיה, ער דארף נויטיק האבן עמיצן נעבן זיך, שמועסן, אויסריידן דאס הארץ, קריגן זיך און זיך איבערבעטן. און דא שווייגסטו שעהן לאנגע, טעג גאנצע. אמאל רעדסטו צו זיך אליין, ווילסט הערן דאס אייגענע קול, ווילסט זיך איינאיבן ווי צו רעדן מיט מענשן; א שטייגער, ווי וועסטו רעדן, וואס וועסטו זאגן, ענטפערן, ווען א מענטש וועט דיך פלוצים, אומגעריכט דא באגעגענען? דו פרווווסט לאגיש אויסלייגן דיינע טענות...

עס גיסט א שלאקס־רעגן, עס דונערט און בליצט. א שטורעם־ווינד איז אויסגעבראכן און א שרעק אן אומהיימלעכע האט ארומגענומען דעם וואלד...

אין אזא לאגע איז אמבעסטן זיך אויסצוטון נאקעט, ווי די מאמע האט

דיך געהאט. קיינער וועט דיך נישט איבעררעשן אין אט דעם גאס רעגן. דער רעגן וואשט דיך גרינטלעך אפ, און פארקילן וועסטו זיך נישט אין וואלד. דו מוזט אבער גוט היטן דאס שטיקל מלבוש אויף דיין לייב. אויב עס וועט פייכט ווערן אויף דיין גוף, וועט עס פארלייזיקט ווערן. און אויב די פלאג וועט זיך איינגעסטן אין דיין בגד, וועסטו נישט קענען אזוי לייכט און אזוי גיך דערפון פטור ווערן. זי וועט דאס גאנצע מלבוש פארפעסטן, און דאן וועסטו עס מוזן פארברענען, אדער באגראבן. דעריבער איז בעסער, אויב דו האסט זיך נישט ווו אוסצובאהלטן פון רעגן, צוצודעקן מיט דיין נאקעטן קערפער די בגדים דיינע, זיי זאלן נישט פייכט ווערן.

איז דער רעגן אריבער און די זון-שטראלן האבן זיך ווידער באוויזן, שפרייטסטו אויס דעם בגד צום טריקענען און קאנטראלירסט דערביי, זוכסט נאך דערביי אלע מעגלעכע נעסטן און רוימסט אויס גרינטלעך, דעם אומפלוט. דאס רעגן וואסער איז זייער גוט פארן לייב. דיין לייב גלוסט צו דעם, רייבסט איין דיין לייב מיט דעם וויכן, מילדן רעגן-וואסער, אזוי אז דיינע ציין קלינגען אזש פון גרויס תענוג. און דיינע אויגן טרערן פון גרויס הנאה. דו מוזט אבער גוט אכטונג געבן נישט קאליע צו מאכן די הויט פון דיין גוף, נישט צו מאכן קיין וווּנדן, ווייל א וווּנד האט נישט די טבע ביי דיר זיך שנעל אויסצוהיילן.

נאך אין געטא און אין לאגער זענען די הונדן און אייטערדיקע מכות געווען א קוואל פון פיין און דערשלאגנקייט. דער הונגער און די בויט, די גרויע ליקע ווויין באדינגונגען און די קאטארגע-ארבעט, האבן צעבראכן די ווידערשטאנדפעיקייט פונעם קערפער, און ער האט נישט געקענט איבערברענגען דעם כוח, צו היילן.

דערפאר אבער, האט דער מאגן אין וואלד געארבעט ווי עס געהער צו זיין, הגם, געגעסן האב איך אזעלכע געוויקסן, וואס עס איז א ספק, צי זיי זענען באשטימט פאר א מענשלעך עסן, און דאך זענען זיי געווען „געשמאק" און אפילו באטעמט צום עסן.

די האר אויף מיין קאפ זענען ביי מיר אויסגעוואקסן. ווען איך האב פארלאזט דעם לאגער, בין איך געווען אפגעשוירן, ביז דער הויט פון

קאפ. די וואנצעס זענען געווארן גרויס און פול און די האר פון קאפ, גלייך אראפ ווי א גריווע אראפגעלאזט צום קארק, דאכט זיך, ענלעך צו א אוקראינישן פויער. איך האב, פארשטייט זיך דאס נישט געקאנט פעסטשטעלן אויף זיכער, כ׳האב נישט געהאט קיין שפיגעלע ביי זיך (כ׳פלעג מיך ראזירן געוויינטלעך „אויף אוסנווייניק״), און שוין זייער לאנג נישט געזען מיין פנים. כ׳האב מיר אבער פארגעשטעלט, אז אזוי איז עס.

פון א שמועס מיט א פויער וואס איז געקומען „לקחנען״ א ביסל האלץ פון וואלד, בין איך אין איינעם א טעג, אין אויגוסט 1943 — געוווירר געווארן, אז עפעס האט פאסירט אין איטאליען און עס הערט זיך, אז די רוסן דערנעענטערן זיך צום דניעפר, עס איז זיי אפילו געלונגען אריבער־צוגיין „דאס גרויסע וואסער״, ביי קיעוו. די בשורות האבן מיך א ביסל אויפגעמונטערט. אויך די אפטע זיפצן פון מיין מיטשמועסער האבן מיר ווי סיגנאליזירט, אז ער דערווארט עפעס אן ענדערונג. ער ווייסט נאך נישט וואס אזעלעכס עס וועט זיין און ווי מען דארף זיך דערצו צוגרייטן. א ביסל פארדאגה׳ט וועגן די ענדערונגען וואס דארפן קומען, איז זיין הארץ געווען אפן, אויך פאר א טרייסט־ווארט פאר מיר. כ׳האב גערעדט נישט שלעכט אוקראיניש און מען האט געקענט אננעמען, אז איך בין א געפאנגענער אדער אן אנטלאפענער פון א דייטשן ארבעטס־לאגער אינעם הינטערלאנד.

ער האט משער געווען אז איך נויטיק זיך אין א טרייסט־ווארט און אזוי טאקע האט ער גערעדט צו מיר.

ער האט מיר מכבד געווען מיט א ציגארעטל פון היימישע טאבאק־בלעטער פארדרייט אין א שטיקל צייטונג־פאפיר. ער האט אויך אנגעצונדן א ציגארעטל, פארצויגן טיף און ארויסגעלאזט גרויע רויך־וואלקנדלעך פון מויל, א פארקלערטער א ביסל, א פארטראכטער אין זיינע מחשבות, און דאן, געזעגנדיק זיך מיט א „גאט העלף״, א וועקגעגאנגען זיין וועג.

„די פויערים זענען פארמוחט״ — האב איך א טראכט געטאן. נישט אנדערש, עס גרייטן זיך, עס האלטן ביי קומען ענדערונגען, דארט אויף דער וועלט, פון יענער זייט וואלד.

דער פראַנט דערנענטערט זיך. דער וואַלד וועט באַלד געדיכט „באַפּעלקערט" ווערן ער וועט שוין נישט זיין מער אַזאַ זיכער באַהעלטעניש, מען דאַרף פאַרשטאַרקן דעם פאַרזיכט און וואַכזאַמקייט.

ווען דער אוונט איז צוגעפאַלן, האָב איך מיך אומגעקערט צו מיין שלאָף־פּלאַץ. דער שלאָף האָט אַוועקגעוואַנדערט פון מיינע אויגן. כ'האָב געוווּסט אַז איך שטיי פאַר אַן אַנטשיידונג און נישט געוווּסט ווי אַזוי דאָס וועט אויספאַלן. יאָוש־געדאַנקען האָבן אָנגעהויבן גריבלען אין מוח און אין האַרצן; אַלע אַנשטרענגונגען האָבן ביי מיר אויסגעזען ווי אַ קינדער־שפּיל, קעגן דער גזירה גון גורל, פון וועלכער מען קען נישט אַנטרינען ווערן...

אין איינעם אַ פרימאָרגן האָב איך באַגעגנט אַ פּויער, אָנגעטאָן ווי אַ שטאָטישער, ער האָט אויסגעזען ווי עפּעס אַן עסקן אין דאָרף. ער איז געשטאַנען נעבן אַ בוים, אַרויסגענומען אַ קורץ זעגל פון בוזעם, און גענומען זעגן דעם בוים. איך בין פאַרבייגעגאַנגען גלייכגילטיק, גלייך ווי ס'וואָלט אים נישט באַמערקט. ער האָט מיך אָפּגעשטעלט און אַנטקעגנגעטראָגן אַ וואַרעמען „גוט־מאָרגן" — „וווּהין דער וועג?"— כ'בין צוגעגאַנגען, אַ נויג געטאָן מיטן קאָפּ און געענטפערט אויף דער באַגריסונג. ער האָט אַוועקגעלייגט דאָס זעגל פון דער האַנט, מיך אָנגעקוקט מיט אַ וואַרעמען בליק פון די אויגן, און געזאָגט: „נישט געזאָרגט פריינדלעבן, די שווערע צייטן גייען צום סוף...

ער האָט אָנגעהויבן אַ ברייטן שמועס, וועלכער איז געווען געמישט מיט „שטאָטישע" פּאָליטישע ווערטער און אויסדרוקן, נישט ווי עס רעדט און שמועסט אַ געוויינלעכער פּויער.

ער איז געווען אַ „לינקער", פריער, בעת דער ממשלה פון די סאָוויעטן אין גאַליציע (1939—1941), געווען אַ מיטגליד אָדער אַן עלטסטער אינעם דאָרף־ראַט.

ער האָט גערעדט איבערלייגט, ווי נאָכטראַכטנדיק וועגן יעדן וואָרט, וואָס ער האָט צוזאָגן, אָבער, ער איז נישט געווען זייער פאַרזיכטיק מיט די ווערטער, גלייך ווי איך וואָלט געווען זיינער אַן אַלטער באַקאַנטער. אַרויסגעזאָגט אָפן און דרייסט זיינע געדאַנקען איבער פאַרשידענע

„דעליקאטע״ ענינים, אפילו וועגן יידישן אומקום, מיט א טאן פון אויפריכ־טיקן באדויערן, הגם, איך האב אים, — איך האב כמעט געשוויגן די גאנצע צייט פון שמועס. — נישט געגעבן דאכט זיך, די מינדעסטע סיבה אדער אנרעגונג דערצו.

ער האט דערקענט אדער משער געווען אז איך בין א ייד. און הגם מיין אוקראַיניש לשון איז אים משמעות געפעלן געווארן, ער האט מיך געגעבן אנצוהערן וועגן דעם, האט ער מיך געעצהט צו רעדן רוסיש.

„אין דער געגנט״ — האט ער געזאגט — וואנדערן ארום פיל רוסישע געפאנגענע, אנטלאפענע פון די דייטשע לאגערן אין פוילן און אין דייטש־לאַד. זיי געפונען שוץ און ארבעט אין די אוקראַינישע דערפער ארום״. ער האט מיר אויסגערעכנט די נעמען פון די דערפער אין דער געגנט, מיר דערציילט און אינפארמירט וועגן דעם מעמד זייערן, פאליטישער אריענ־טאציע און שטימונגען אויף רעכטס אדער לינקס.

עס האט אויסגעזען, פון זיין ווארעמען און דערמונטערנדיקן שמועס, ווי ער וואלט זיך באמיט מיך צו געווינען אלס חבר פון אן „אונטערערד״, וואס ער געהער צו אים, אדער, ער איז זיין אנפירער.

עס קען אבער זיין, אז מיר האט זיך בלויז אזוי אויסגעדאכט, ווייל מיין הארץ און מיין גאנץ וועזן, איז דאך געווען אפן פאר עפעס א ליכט־שטראל פון האפנונג. דער טאטע מיינער, עליו השלום, וואלט אוודאי געזאגט: אליהו הנביא האט דיך באגעגנט אויף דיין וועג...

נאך אינעם זעלבן טאג האב איך צונויפגעבונדן מיין פעקל, אריבער־געווארפן אויף דער פלייצע, און זיך געלאזט גיין אינעם נאענטן דערפל אריין, וואס ליגט ביים ברעג פון וואלד. כ'האב נאך נישט געוואגט אריינ־צוגיין אינעם נאענטסטן הייזל, וואס איז געשטאנען ביים ראנד פון וואלד. כ'האב מיך אנידערגעלייגט אונטער א בוים און זיך אונטערגעברומט א רוסיש זמרל.

אן עלטערע פויערטע, זעט אויס, די פרוי פון וואלד־היטער, איז, דער־הערנדיק עמיצן זינגען ווייט פון איר וווינונג, ארויסגעגאנגען א ביסל א דערשראקענע, און צוגעגאנגען צו מיר, מיט נישט אינגאנצן זיכערע טריט. אבער, זעענדיק ווי איך ליג און זינג מיר געמיטלעך מיין

רוסיש לידל, האט זי אזאג געטאן: „זע, געמיינט עפעס א ייד האט אהער פארבלאנדזשעט, און זיך דערשראקן" — ווו א ייד, באבושקא, א רוסישער מענטש דא פאר דיר, גוטע פרוי"...

— „אויב אזוי, קום ארייַן אין שטוב, כ'וועל דיר אנגיסן א גלאז מילך און וועסט טרינקען...

כ'בין אויפגעשטאנען, זיך אויסגעגלייכט, פארריכט די וואנסעס, געדאנקט מיט הכנעה פאר דער ווארעמער איינלאדונג, און גייענדיק מיט געמאסטענע שריט, ווי איינער, וואס האט נאך די זעלנערישע תורה נישט פארגעסן, בין איך אריינגעגאנגען אינעם קליינעם, ווייסינקן הייזקעלע — איך בין ארויס פונעם וואלד.

.4

## ווידער צווישן מענטשן

אויף א גרינעם אינדזל, וואס דער וואלד האט ווי אוסגעטיילט פון זיין ממשלה, שטייט דאס קליינע העל ווייסע הייזקעלע פונעם וואלד־שומר. ארום גרינט א גרויסער מיט ליכט פארגאסענער גארטן; גלייכגעש־ניטענע גרינווארג־בייטן, אין גראדע רייען אויסגעשטעלטע פרוכט־ביימער, נעמען ארום ווי אראם דעם קליינעם אינדזל, ווו מעגטשלעכע מי און פלייס האבן אין ווילד־וואלד פאר זיך א וווינונג א שטילע, א באקוועמע, אויפגעשטעלט. דאס ארום העל־צעגאסענע ליכט, שווינדלט א ביסל פאר דיינע אויגן, וואס זענען צוגעוווינט צו דער טונקלקייט פון וואלד. אבער דא ערשט, זעסטו ווי שיין עס זענען די ביימער, באשטראלטע, פריידיק, זוניק, אין ליכט אויסגעבאדענע, ווי באפרייטע פון דעם הארב־סומנע וואלדיקן שאטן. זיכער, שטארק און הארט־שטאמיק זעט ער אויס, דער וואלד־מענטש. פון דעם וואלד טאקע, פון זיין אומדערמידלעכן וואקסן, פון זיין עקשנותדיקן ווידער און ווידער זיך באנייען, פונעם שטארקן געזונטן אטעם, וואס שלאגט פון זיינע טיפענישן, פון דער פרייד וואס טראגט זיך ווי א שטילער געזאנג, ארויס פון זיין שטאמיקן געבליי און אייביקן וואקסן, טרינקט דער וואלד־מענטש זיך אן מיט כוח, פרייד, לעבנסווילן, און ארבעטס־לוסט.

אויפגעלייגט און ווארעם באגעגנט דער וואלד־ מענטש א פרישן גאסט, וואס ברענגט אים א הילכיקן „גוטמארגן”, א גרוס פון דער וועלט, אינעם שטילן וואלד אריין.

ער פארבעט אים ברייט, גאסטפריינדלעך, אין זיין שטוב, ער פאר־פאלגט מיט גאוה די בליקן, וואס דער גאסט ווארפט, מיט נישט געננוג

גוט באהאלטענער קנאה, אויף די אלע „וואונדערלעכע זאכן", וואס ער, דער בעל־הבית, האט דא געשאפן, מיט אייגענער מי און אויפטו, אט דא, אין מיטן וואלד.

אבער ער, בעל־הבית אין וואלד, האט אויך א מין מינדערווערטי־קייטסגעפיל, לגבי דעם פרעמדן „מענטש פון דער וועלט", וואס האט אים באערט מיט זיין באזוך. א ביסל שעמעוודיק, צוריקגעצויגן, באמיט ער זיך ווי צו פארדעקן זיין וואלדישע אפגעשטאנענקייט און אומוויסנקייט.

געוויינלעך, איז ער, דער גאסט א בארעדעוודיקער. האט אסך און איבער פארשידענע זאכן צו דערציילן. לאזט ער זיך, דער בעל־הבית, גערן און אויפגעלייגט, באפרייען פון דער שטילקייט און שטענדיקער שווייגעניש פון זיין וואלד־לעבן. ער ווייסט טאקע, אז די אלע, לאנגע און ברייטע מעשיות און דערציילונגען פון די אלע, א ביסל פארדעכטיקע „וואנדער־פייגל", וואס פארבלאנדזשען צו אים אין וואלד אריין, זענען ווייט נישט לויטער אמת אדער געלייטערטע לעבנס־חכמה. אבער ער, לאזט זיך דווקא צו און לאזט זיך מיטרייסן פון דעם רייד־שטראם פון זיין גאסט, ווי ער וואלט געצאלט דערמיט זיין שטייער פאר זיין אנגע־העריקייט צו דער ריידעוודיקער מענטשן־משפחה, צו דער וועלט.

א פלאמיקל שפילט אין זיינע קליינע כיטרע — פויערישע אייגעלעך: אט דער ווארעמער, פעטער טאפ מילך, וואס שטייט אויפן טיש פארן גאסט, זאגט עדות וועגן דעם, אז ער איז דא בעל־הבית. און אלץ וואס דער בליק פון אויג קען ארומכאפן, איז זיין הארוואניע, זיין אייגנס, און אט דער גאסט, האט דאך אפשר, נישט מער ווי דאס בידנע פעקל, וואס ער טראגט אונטער זיין ארעם...

נו, ער וועט שוין זען, אין דעם פעקל עפעס פון זיינעם אריינצולייגן — די צייטן זענען דאך אזעלכע שווערע און אומזיכערע. — עס איז שטענדיק שיין און ווויל צו טאן א גוטע זאך פאר גאט און פאר לייטן...

אין דעם קליינעם, ציכטיקן ווייס געקאלכטן הייזקעלע פון וואלד־שומר ווו איך בין אריינגעקומען, נאך דעם חדשים־לאנגן וואנדערן אין וואלד, איז געווען בלויז א מיטליעריקע פויערטע, די פרוי פון וואלד־

שומר, וועלכער אז נישט געווען אין דערהיים, אבער עס האט נישט אויסגעזען, אז זי דערוואַרט באַלד אדער שפּעטער זיין קומען.

זי איז געווען אַ פּוילישע, הגם, זי האט גערעדט אוקראַיניש, פון קאַטוילישן גלויבן, ווי עס האבן עדות געזאגט די הייליקע בילדער, וואָס זענען געהאנגען אויף די ווענט און דאס קליינע לעמפּעלע אונטער דעם בילד פון דער „הייליקער גאָטס מוטער".

די געגענט איז כמעט אַ ריין אוקראַינישע. די קליינע צאָל פּאַליאַקן וואָס לעבן דאָ, צעוואָרפן אין די אוקראַינישע דערפער, און די וויניקע איינצלנע דערפער, ווו דער רוב איינוווינער זענען פּאַליאַקן־קאַטאָליקן, רעדן ס'רוב מער און בעסער אוקראַיניש ווי פּויליש. זיי, די פּאַליאַקן, זענען אין שטענדיקער שרעק, בייגאַכט, און לעצטנס אויך אינמיטן העלן טאָג, פאַר אַנפאַלן מצד די אוקראַיניש־נאַציאָנאַליסטישע באַנדעס, וועלכע טוען אַלץ, נאָכן אויסראָטן די יידן פון דער געגנט, אויך די „ליאַכעס" (פּאַליאַקן) אַפּצורוימען פון דער אוקראַינישער ערד.

איז זי, די פּויערטע, דעריבער אַזוי מעלאַנכאָליש — פרום געשטימט, איר האַרץ איז אָפן פאַר רחמנות און אַ גוטער טאַט, און אירע אויגן, איר געהער, שאַרף און וואַך, געשפּיצט פאַר יעדן שאָרך, ווי ביי אַ וואַלד־מענטש. געשפּאַנט צו הערן אַ גוטע, פרישע בשורה „פון דער וועלט". זי האט נשקשה, אויך, אַ שווער געמיט פון איר האַרצן אַפּצולאָדן, אַ סך זאַכן צו דערציילן, אבער זי ווייסט דאָך נישט, וועמען און מיט וועמען...

הגם, זי שטויסט זיך אָן, פון מיין רוסיש דערן, אז איך בין אַוודאי אַ מלחמה־געפאַנגענער, אדער אַן אַנטלאָפענער פון איינעם פון די אַרבעטס־לאַגערן, מיט וועלכע די דייטשע קריגס־מאַשין האט ווי מיט אַ גרויסער נעץ אַרומגענומען דאס גאַנצע הינטערלאַנד אין דער געגנט, ווייט און ברייט אַרום; איז אבער די צייט אַזאַ אומזיכערע, און סכנה־פולע. גאָטס צייכן איז ווי אַפּגעטאָן געוואָרן פון די מענטשלעכע פּנימער. ווער איז דען בכוח זיך אויף זיי אויסצוקוקן. פון זייער אומגונסט און גיריקע געלוסטן זיך אויסצוהיטן? — נאָר אין איר, דער הייליקער מוטער", איז דער אַנשפּאַר און שוץ פון אָרעמען מענטש אין אָט די

שווערע צייטן, דא, אין דעם אפגעלייגטן, פארוואָרפענעם, אויף גאָטס באַראַט אויסגעשטעלטן ווינקל אירן...

— עס הערט זיך, אַז דער פּראַנט, דאָרט, ביים „גרויסן וואַסער", האָט זיך אַרוק געטאָן, און אַז די „ביעמאַקעס" (דייטשן), כאַפּן קלעפּ פון די „אייעריקע" — גאָט זאָל שטאַרקן זייער כוח! — און לויפן צוריק... נו, און ווען אַזעלכע ווערן אַריינקומען, וועט אוודאי, מיט דער הילף פון פאָטער אין הימל, לייכטער ווערן. ווי זשע מיינט איר, וועלן זיך די „אייעריקע" אויפפירן, ווען זיי וועלן קומען ווידער אַהער? — צי וועלן זיי א ביסל ענדערן זייערע געגג? דעם אומגאַנג זייערן מיט די מענטשן דא, וואָס זענען אויפגעצויגן געוואָרן אויף גאָטס גלויבן און זיין גרויסן חסד?...

— נו פאַרשטייט זיך, אַז מ'וועט אַ סך נאַכלאָזן און גרינגער מאַכן אויפן געביט פון „קאַלכאָזן" און יעדער איינער וועט גיין אין דער קירך און דינען גאָט לויט זיין ווילן און, פאַרלאַנג...

— אַזוי... זאָל זיי גאָט העלפען!... זי צלמט זיך פרום איבער מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן און גיט דערביי א שטילן זיפץ. זי קלערט א וודאי: אַלץ איז ווויל און גוט, אָבער זאָל גאָט נישט אָפּטאָן זיין חסד פון די אָרעמע מענטשן... זי האָט פריינד און קרובים אין דער געגענט, וועלכע קומען צו איר אין א זונטיק אָדער חגא, אָבער אַזוי, איז מען אַרומגערינגעלט מיט שונאים, וואָס זוכן שלעכטס צו טאָן; נישט איינמאָל פאַרלאָזט מען דאָס הויז ביינאַכט און מ'באַהאַלט זיך אין וואַלד.

פאַר אַזאַ איינעם ווי איך, איז דאָ ביי איר נישט קיין זיכערער פּלאַץ, בעסער שוין אין דאָרף. מ'זעט, מ'הערט פונוואַנען, ווען און ווער עס קומט אין דאָרף אַריין, איינער איז מודיע דעם אַנדערן און מ'קען ביי־צייטנס זוכן א באַהעלטעניש. זי רופט אָן ביים נאָמען און רעכנט אויס א ריי דערפער אין דער געגענט, ווו עס וווינען שטילע און ערנסטלעכע „גאַספאַדאַרעס" (בעלי־בתים), ווו כ'וואָלט געקענט אַרבייט באַקומען.

איך וועל ביי איר עסן מיטיק און זיך אַביסל אָפּרוען און אַנטקעגן אָווענט וועל איך גיין אין נאָענטן דאָרף, זי וועט מיר ווייזן דעם וועג ווו מ'גייט א הין.

נאך מיין פיל־וואכיקן זיין אין וואלד, זענען מיר די ווייסע ווענט פון דעם זויבערן, ליכטיקן הייזקעלע, דער „מענטשלעכער" טיש, ביי וועלכן איך בין געזעסן, געגעסן געטרונקען און געמיטלעך געשמועסט, — געווען א מאדנע, און אומגעווינלעכע איבערלעבונג, געמישט פון א ביסל אן אויפגעהייטערטן געמיט און נאגענדיקן צער אין הארצן... כ'בין דאך געווען א פאריאגטער, א פערטריבענער פון דער וועלט. און אט האט זי זיך, „די וועלט", ווי א ליכט שטראל באוויזן און ווידער האלט זי בייב פארשווונדן... ווען דער טאג וועט אוועקגיין, וועל איך ווידער נעמען מיין ארעם פעקל, מיין גורל, אויף די פלייצעס, און גיין ווייטער — וווהין ?

אויף דער וואנט, אנטקעגן איבער מיין זיץ־פלאץ, ביים טיש, הענגט אן אלטער „פויערישער" שפיגל, אלט איז ער און אפגעבליאקוועט, אבער, דא און דארט, געפונען זיך נאך אויף אים „איבדזלען", ווו מען קען זען דאס אייגענע פנים. שוין זייער לאנג, אין מיינע לאנגע וואלדישע טעג און נעכט, האב איך נישט געזען מיין פנים. מ'דארף זען, ווי עס זעט אויס. איינשטודירן א ביסל די מאסקע, וואס איך דארף ארויף נעמען אויף זיך, מאכן זי ענלעך און היימיש פאר די מענטשן, פויערים, צו וועלכע איך גיי. די דיקע, נאכהענגענדיקע וואנסעס איבער מיין מויל, האבן, דוכט זיך מיר, ווי פארווישט די לעצטע שפורן פון מיין יידישקייט... איך פרווו ארויפציען אויף מיין פנים אזא גלייכגילטיקע. טעמפ־האמעטנע פויערישע מינע און זען צי עס פאסט מיר. עס דאכט זיך מיר אבער, אז דער בליק אין מיינע אויגן איז עפעס נישט אזוי „גוייש", מען דארף די אויגן האלטן האלב פארזשמורעט און קוקן „פויעריש" אראפ צו דער ערד. און די הענט, די רירעוודיקע, יידישע הענט, דארף מען אויך היטן, האלטן קאפ אויף אלץ און אלעמען...

ווען די זון האט זיך אראפגעלאזט, פון די ביימער־שפיצן, און א קיל ווינטעל האט אדורכגעשוידערט דעם וואלד, בין איך אוועק ווייטער אין וועג אריין. די אוונט לופט, די שטילקייט און שלוה וואס האט גערוט אויף די פעלדער, נאך דעם זוניקן טאג, האבן מיך א ביסל אויפגעמונטערט און גרינגער געמאכט דעם שווערן אומעט, וואס האט, ווי תמיד, ווען איך בין

געוועזן אליין מיט זיך, געדריקט אויף מיין הארצן, און מיך ווי „פארשפילט״ אין א מין קינדערשע רהאפנונג אז — אט גיי איך ערגעץ צו א ציל, כאטש איך האב נישט געוווסט, ווו ער איז, דער ציל מיינער, וווהין עס פירט דער וועג...

5.

# וואנדערונג

אין די שפעטע אוונט־שעהן בין איך אנגעקומען אין באנטן דארף און בין אריינגעגאנגען אין איינער פון די ערשטע הייזקעס, וואס זענען געשטאנען בייס ראנד פו דארף.

— געלויבט זיי, גאט דער האר! — האם איך געזאגט, אריינקומענדיק אין שטוב און פארנויגנדיק זיך, לויט דער שטייגער פון דארף־מענטשן.

— געלויבט אויף אלע אייביקייטן — האט מען מיר אפגעענטפערט. דער פויער מיט זיין הויזגעזונט זענען געזעסןביים טיש און געגעסן אוונט־ברויט. אלע זענען געווען פארטאן אין עסן פון א גרויסער שיסל הייסע קאשע מיט מילך, פון וועלכער עס האט זיך געטראגן א ווארעמע פארע, וואס האט לייכט פארנעפלט די פנימער פון די עסנדיקע וועלכע האבן ווי געגלאנצט פון א לייכטן שווייס, פון גוטן אפעטיט און גרויסער הנאה פון עסן.

מ׳האט מיך געבעטן זעצן צום טיש. באלד איז שוין געשטאנען א היפשע פארציע פאר מיר. דאס האט געשיקט, איינס צוויי, באזארגט די רירעוודיקע „גאספאדיניע״ (באלעבאסטע) פון הויז, אן אייןווארט אויסצורעדן.

נאך דעם שווערן, זומערדיקען ארבעטס־טאג, און באזונדערן אנשטרענג ביים עסן און געניסן דאס פולע און רייכע גאכטמאל, באפאלט אלע א מין זיסע מידקייט. דאס הויזגעזינט שלייכט זיך איינציקווייז, שטיל אוועק פון טיש. די גלידער זענען באכגעלאזן, גלוסטן נאך רו און שלאף, די אויגן קלעפן זיך, גלעטן אויך גוטמוטיק דעם פרעמדן גאסט.

מארגן, נאך פאר דעם זון־אויפגאנג, ווארט אויף זיי די ארבעט אין פעלד. אלע צעגייען זיך. יעדער אויף זיין געלעגער. אויך פאר דעם גאסט, געפינט זיך אין דער „סטאדאלע״ (שייער) א פרישער, ווייכער סטאג היי, זיך צו לייגן, אויסציען די גלידער אויף אים, און באלד פארזינקען אין טיפן שלאף. עס איז נאך גענוג פינצטער אין דרויסן, אבער די קרייענדיקע העבער זינגען אויס אין א כאר די בשורה פון אנקומענדקן טאג. באלד הערט זיך די הייזעריקע פרימארגן־שטים פונעם „אלטן״ (דעם פאטער פון הויזגעזינט). דאס וועקט ער די יונגע צו דער ארבעט. אין די קילע מארגן־שעהן, ווערט דער טעמפא פון ארבעט איינגעשטעלט און ארבעט איז דא אסך. זער אסך, איבערן קאפ.

פויל ציען די יונגע אויס די פארשלאפענע גלידער, עס ווילט זיך זיי, כאטש נאך אן אויגן בליק געניסן פון דער זיסער, מחיהדיקער רו אויף זיירע געלעגערס. אבער, באלד איז שוין יעדער אויף די פיס. יעדער טאפט אן, און געפינט אין דע רפינצטערניש זיינע זאכן און כלים וואס געהערן צו אים.

שטיל און אן איבעריק ווארט צו רעדן, פארשווינדן אלע פון הויז, מען גייט אין פעלד צו דער ארבעט.

אינדערהיים בלייבט די מוטער — „גאספאדיניע״. זי שטעלט צו די גרויסע טעפ אויף דער ברייטער קיך־בלעך, צוגרייטן „אביעד״ (מיטאג) פארן הויזגעזינד מעלקט די בהמות. קארמעט אן די הינער, און באזארגט אלע אנדערע, קליינע און גרעסערע זאכן אין דער הויזווירטשאפט.

זי האט אפילו נישט קיין איין רגע צייט צו שענקען דעם גאסט. זי האט דאכט זיך אינגאנצן פארגעסן אין אים. אבער דאך, ענטפערט זי גערן און אויפגעלייגט אויף דעם „גוטמארגן״ און וויל דוקא וויסן, פון וואנען און וואהין גייט מען. אזוי פלייסיק פארטאן אין דער ארבעט, שטעלט זי אויס מויל און אויערן און וויל וויסן דער עיקר, וואס הערט זיך אויף דער וועלט?

זי, די קליינע, מאגערע און רירעוודיקע מוטער־בעל־הביתטע אין דער „קאפ״ אין שטוב. זי געדענקט, ווייסט ווו אלץ, גרויסע און קליינע זאכן, בגדים, מכשירים, געצייג געפינט זיך דא, אין דער גענוג גרויסער

און פארמעגלעכער ווירטשאפט. און איז טאקע א „קאפ־מענטש" אויך. הערט אויס געשייט, זאכלעך און געדולדיק וואס מען דערציילט איר, ווייסט ווו ארויסצוהויבן דעם עיקר, דעם תכלית פונעם פליסנדיקן שמועס. מאכט א טרעפלעכע באמערקונג צו דער זאך, וועגן אלץ, אויך וועגן וועלט־זאכן. וועגן דעם וואס ס'קען זיין, קומען, און וויאזוי מען דארף זיך צוגרייטן דערצו.

עס געפעלט איר, זעט אויס די באריידעוודיקייט פונען פרעמדן גאסט. זי וואלט געהערט און געהערט. זי האט דוקא גרויס אינטערעס דערפאר.

אבער זי מיינט אז ביי איר איז דא א גרויסער „טשעליד" (הוזגעזינט), און פאר אזא איינעם איז גוט אין א קלענערע פאמיליע, ווו איך וואלט זיכער געקענט געפונען ארבעט און אויסהאלט.

דארט אין נאענטן דארף ווינט איינער א ארנטלעכער און לייטישער „גאספאדאר", ער איז אין דער ערשטער וועלט־מלחמה געווען א צייט געפאנגען אין רוסלאד. רעדט און פארשטייט דאס לשון וואס איך רעדט. און האלט בכלל שטאל און אייזן פון די „מאסקאלעס" (רוסן). זי איז כמעט זיכער אז ער וועט מיך אויפנעמען ווי געהעריק. ער האט א היפשע ווירטשאפט און דארף נויטיק האבן אויסהילף אין דער ארבעט. זי פארפאקט זארגפול א ביסל זאכן וואס קענען מיר צונוץ קומען (אקלאר ווייס העמד צווישן דעם) און ווינטשט מיר הצלחה אויף מיין וועג.

דער געוועזענער „פלעניק" (געפאנגענער) אין רוסלאנד, וואס וווינט אין נאענטן דארף, איז א הויכער, גוטמוטיקער, שטאמיקער פויער, מיט א ברייט, פעטלעך־גלאנציק לאכענדיק געזיכט. ער איז שטענדיק דאבט זיך, פאר, אדער נאך א כוס'ע, גרייט צו א שמועס מיט א פרישן מענטש, וואס קומט אים אונטער דער האנט. עד האט א סך צו דערציילן, און ער טאקע, הויבט תמיד אן דעם שמועס; דער שמועס מיט אים, איז אייגנטלעך אן אומענדלעכער מאנאלאג... פראנט, מלחמה, מיליטער און די אלע ענינים, פאסירונגען א.א.וו. וואס געהערן דערצו, זענען עיקרדיקע עלעמענטן אין זיין גאנצן וועזן און ער שילדערט, דערציילט און באהאנדלט די ענינים מיט געפיל און פאנטאזיע, מיט אלע רמ"ח אברים ממש.

באזונדערע איבערלעבונגען און פאסירונגען אין זיין לעבן, אילוסט־

רירט ער בילדלעך, שטייענדיק אין דער פּאזיציע פון א סאלדאט מיטן געווער אין דער האנט. הגם, דאסמאל איז עס נישט מער ווי א שטעקן, אדער אנדער ענלעך געגנשטאנד, וואס ער כאפּט צופעליק, געשיקט און אומדערוואַרט, אין זיין האנט.

„כאזייען" — אזוי רופן אים די פויערים אין דארף, מן הסתם, צוליב זיין רוסישער פארגאנגענהייט און דעם ביסעל רוסישע ווערטער זיינע, מיט וועלכע ער האט ליב זיך צו באנוצן ביי יעדער געלעגנהייט.

„כאזייען" איז א „וועלט־מענטש", ער רעדט א ביסל מיט ביטול וועגן זיינע צוריקגעשטאנענע פויערים־שכנים אין דארף, וועלכע שענקען, ווייזט אויס, ווייניק אויפמערקזאמקייט זיינע, מסתמא שוין אומצעליקע מאל, נאכאמאל און ווידער אמאל, דערציילטע, „וואונדערלעכע איבער־לעבענישן" פון דער גרויסער מלחמה. דעריבער לאזט ער זיך אזוי גערן־צו א פרישן מענטש. וואס שטעלט אויף מויל און אויערן צו הערן אלץ, וואס ער האט צו דערציילן.

עס זעט אבער אויס, אז זיינע שכנים צאלן אים אפּ מיט דער זעלבער מטבע: זיי קרימען זיך מיט גרינגשעצונג וועגן זיין נישט ווייניק פארנאכ־לעסיקטער ווירטשאפט און זיין נישט בעל־הבתיש פויערישער צעפלאסענ־קייט. וועגן דער ארבעט, וועס ווערט נישט אפּגעטאן ווי געהעריק און צו דער צייט, וועגן זיין לייכטזיניקייט, און דער עיקר טאקע, שפּאטן זיי און דערציילן פארשידענע וויצן וועגן זיינע ביין מאס רייד. דאכט זיך אבער, אז ער האט נישט פיל פון די מידות און געוווינהייטן וואס זענען כאראק־טעריסטיש פאר די מענטשן פון זיין אומגעבונג, פארן פויערישן עולם.

ער איז ווייניקער ענגהארציג־פויעריש פארשלאסן, קארג, גיריק און, פול פארדאכט לגבי א צווייטן, ווי די אנדערע פויערים. און דער עיקר האט ער פאר מיר טאקע די מעלה, וואס ער רעדט אליין א סך און געגנוג, אזוי איי מען קען נעבן אים שעהן לאנג הערן און שווייגען; דאס איז אין מיין לאגע טאקע א מעלה נישט אפּצושאצן, אבער עס איז נישט מקנא צו זיין דעם, וואס מוז מיט דעם נסיון, לאנג און אומאויפהערלעך געפרוווט ווערן. הגם איך האב קיין סך ברירות נישט געהאט, האב איך געהאלטן, אז עס איז פאר מיר נישט געוואונטשן, זיך לאנג צו געפונען אין דער

מחיצה פון אזא צעפלאסענעם, אימפולסיוון און זייער ווייניק דיסקרעטן און צוריקגעהאלטענעם מענטש. הגם, איך האב אין דעם לאנגדויערדיקן שמועס כמעט זיך נישט באטייליקט, גארנישט דערציילט וועגן זיך, זעלטן בלויז א ווארט אריינגעווארפן, האט דער „כאזאין" גוט תופס געווען מיין לאגע, און ער האט אויף זיין שטייגער, גערעדט אויך פאר מיר און האט מירביים סוף פון שמועס געגעבן א פריינטלעכע עצה. אויף יענער זייט פון דארף, אויפן צווייטן ברעג פון טייכל, וואס שניידט אדורך דאס דארף, וווינט אן עלטערע, פוילישע לערערין, וואס ארבעט אין דער דארפישער שול. זי האט בלויז א קליין טעכטערל. זי איז אן ארנטלעכע און אינטע־ליגענטע פרוי, און דארף, לויט אים דאכט זיך, זייער נויטיק אזא מענטש ווי איך, וואס זאל איר קענען ארויסהעלפן, ארבעטן ביי דער שטוב, אין דער קליינער ווירטשאפט: האלץ האקן, ארויספירן די קו אויף דער פאשע, דעם גארטן באזארגן א.א.וו. זי איז איינזאם, אן עלטערע פרוי און וועט מיך אודאי גערן אויפנעמען אין איר הויז. כ'מעג איר זאגן, אז איך בין געווען ביי אים, און ער האט מיך צו איר געשיקט. (ער איז אויך געווען פון קאטוילישן גלויבן, ווי די לערערין, א ווייטער קרוב, אדער א נאענטער גוטער פריינד, אירער). און אז ער איז זיכער, אז איך וועל זיין א געטרייער שומר פאר איר און איר הויזגעזונט.

6.

## א דאך איבערן קאפ

די דארפישע לערערין האט א שיינעם גרויען קאפ, וואס זי טראגט מיט א„שליאכעצקי” ווירדע צווישן דעם פראסטן פאלק ארום. אין אירע גרויע, לעבדיקע אויגן, פינקלט א מין פארביטערטע מעלאנכאליע. זיי גיבן אבער אלעמאל א בליץ מיט שטאלצן טראץ און גאוה וועגן איר מיסיע און שטעלונג, דא, אינעם לעבן פון די דארפ־מענטשן.

די רחבותדיקע, ליכטיקע וווינונג, בילדער אויף די ווענט; איינפאכע, אבער מיט געשמאק אויסגעפארטיקטע טעפיכער און שטיקערייען, וואס זענען אויסגעשפרייט אויף די רויט־געפארבטע דילן, און הענגען אויך ווייך און צירלעך, אויף די ווענט, זאגן עדות, נישט וועגן קליינבירגערלעך שטאטישער, נאר וועגן דיסקרעטער, אריסטאקראטישער, הויפיש־ פריצי־ שער לעבנס־קולטור.

זי נעמט מיך אויף קיל און אביסל צעשטרייט, אזוי ווי איך וואלט איר עפעס געשטערט אין אן ארבעט, ביי וועלכער זי איז באשעפטיקט. זי האט געגנוג סיבות פאר דער צעשטרייטקייט, און דעם שטילן טרויער, וואס קוקט ארויס פון אירע אויגן. אט די מלחמה האט איר פעסט־איינגעפונדעוועטע היים און לעבן איינגעבראכן, צעטרייסלט און חרוב געמאכט. און דער גוטער גאט אליין ווייסט ווי דאס וועט זיך ענדיקן. דווקא אויף די עלטערע יארן, וועט זי זיין געצוווּנגען צו פארלאזן איר נעסט און נעמען דעם וואנדער־ שטעקן אין האנט. יארן לאנג טוט זי טריי און טיכטיק איר ארבעט, דא אין דארף. זי דערציט אין גוטן קאטוילשן גלויבן, אויף דער פויל־שער שפראך און קולטור, די פויערים־קינדער אין דעם ארויסגערוקטן פארפאסטן

פון פוילן, אינעם ארומיקן פיינטלעכן, פויעריש־אוקראינישן ים. זי איז דא אינדערהיים, אין דער געגענט. קען און האט ליב יעדעס ווינקעלע. זי איז צוגעבונדן מיט אלע פעדים פון דער נשמה צו דער דאזיקער ערד, איר היימלאנד, ווי א בוים וואס איז פארווארצלט טיף אין זיין היימישן באדן; און אט האט אויסגעבראכן פלוצים דער גרויזאמער שטורעם און ביז צום שוועל פון איר הויז, האט די סכנה דערגרייכט, און ווער ווייסט, וואס דער מארגן קען ברענגען?...

זי זעצט זיך באקוועם אנידער אויף דער ווייכער סאפע, כדי ווידער צו געווינען איר געוויינלעכע גלייכגעוויכט; צו בארויקן איר געמיט און אין ארדענונג צו ברענגען איר קאקעטיש־ווייבערישע אויסערלעכקייט. זי הערט זיך אויפמערקזאם צו, צו מיין רוסיש רעדן; פארשט מיך אזוי דיסקרעט מיט איר בליק: „צי פארדין איך צוטרוי? צי בישט?" זי ווערט זיי אויפגעלעבטער, פרייער, אפענער און צוגעלאזטער. זי איז, זעט אויס, זיך משער, אז איך בין א מענטש, וואס האב א מאל א בוך געלייענט און פרעגט מיך טאקע, צי האב איך א שטייגער, א מאל געלייענט שענקעוויטשעס, „מיט פייער און שווערד". אט דעם עפאס, האט זי אין אירע פריע יוגנט יארן ווי ווין געטרונקען. ער האט באראוישט איר מיידלשע פאנטאזיע און האט זיך אין איר בלוט איינגעזאפט. זיי זענען נאך הייַנט לעבדיק אין איר פארשטעלונג, די העלדן פון שענקעוויטשעס „אגניעם אי מיעטשעם"... ווידער האט פוילן איר פרייהיט פארלוירן, צוליב די זינד פון אירע פירער. און די „היידעמאקעס" (אוקראאנער), דא ארום און אויך ביי איר אין דארף, הייבן ווידער אויף די קעפ..

פאר איר, פאר דער אלטער לערערין, איז די גאנצע וועלט־שריפה, דער עיקר, א געראנגל צווישן דער „מאמע פוילן" און די צעווילדעוועטע „היידעמאקעס". אזוי זעט זי די פאסירונגען ארום איר און אויף דער וועלט, פון אט דעם פלאץ ווו זי זיצט, אויף דער באקוועמער, א ביסל אלט מאדישער סאפע, וואס איז זעט אויס, א ירושה פון טאטענס הויז־ייצמענס בילד הענגט אויף דער וואנט. קוקט אראפ פארקלערט און ערנסט אין חלל פונעם גרויסן, ווי מיט זכרונות פון א מאל, אנגעלאדענעם

צימער, צווישן די, אין די שפעטע נאכמיטאג שעהן, טונקל־ווערנדיקע, ווייס־בלייכע ווענט ארום...

זי קען מיר פארלויפיק נישט זאגן גארנישט וועגן מיין פארשלאג צו זיין ביי איר, איר אין דער ווירטשאפט מיטצוהעלפן. הגם, עס וואלט זיך געפונען גענוג ארבעט פאר מיר. די צייט איז דאך אזא אומרויאיקע, און מען קען נישט וויסן, וואס דער מארגן וועט ברענגען. איך וועל קענען בלייבן דערווייל ביי איר, אויף א קורצער בפירוש קורצער צייט. אינעם שייער, אויפן גרויסן סטויג היי, איז דא אן ארט צום שלאפן; איך קען אויך, דערווייל מארגן אינדערפרי ארויספירן די קי אויף דער פאשע.

כ'האב דערפילט א דערלייכטערונג, ווי א שווערע, דערדריקנדיקע לאסט וואלט זיך פלוצים גענומען אראפרוקן פון מיינע פלייצעס. כ'האב געוווסט, אז ס'איז נישט מער ווי א צייטווייליקע, אדער א קורצע אטעם־פויזע, אבער דאך, עס האט מיר אפגעגליקט, ווידער צו באקומען א דאך איבערן קאפ. אויפדאסניי זיך „איינצובירגערן" צווישן מענטשן... אך, עס איז א גרויסער, אומגעווייגלעכער זכות, מ'דארף זיך באמיען צו באווייזן, אז מען האט דאס פארדינט... און אויך פארשטארקן די וואכזאמקייט, דעם פארזיכט, לגבי אנדערע, און לגבי זיך אליין... נאך דעם, וואס מיט מיר איז געשען נאך דעם אלעם, וואס כ'האב איבער־געלעבט, דארף איך מיך איצט „געבן אין א נייער הויט", לעבן א ניי לעבן" צו וועלכן איך בין קיינמאל נישט געוווינט געווען און זער א שוואכע אנונג געהאט דערפון. עס איז לייכט צו זאגן: זיין רואיק, געלאסן, פארשלאסן אין זיך, תמיד געשפאנט, דינסטגרייט, וואכזאם האלטן אפן אויגן און אויערן און זיך האלטן „ווי געהעריק" ביי יעדער סיטואציע, „שלאפן" ווי א הונט, מיט האלב אפענע אויגן, פארשארפן דאס געהער, פאר יעדן שארך. זען, לערנען, גוט לערנען אלץ און אלעמען...

אך; ווי גוט אס איז וואס איך וועל שלאפן איינער אליין אין שייער... קיינער וועט נישט הערן, אויב איך וועל חלילה אויפדעקן מיין שרעקלעכן סוד, אין א שרעק אויסגעשריי פון שלאף ביינאכט.. אקאלטער שוויס באדעקט מיך טאקע, ביי אט דער מחשבה, אבער ערגעץ אין א ווינקל פון

מיין הארץ, ריזלט אויך א שטראמיקל פון האפנונג וואס דערוואַרעמט דאס הארץ...

* * *

פרוי אנדזשיא, די לערערין, איז געווען געווינט אומצוגיין מיט דינערשאפט. צו זיין בייז און געביטעריש און אויך מילד און גענעדיק.

וויבעריש בערוועז און גרימאסיק, פלעגט זי אמאל, דאכט זיך אן שום סיבה דערצו, זיך א ווארף טאן, און זיך אויסבייזערן. אבער, זי האט עס גערן געהאט און געוווסט עס אפצושאצן, ווען מען האט זי פארשטאַנען אויפן ווונק. באשיידן און מיט שטילער, איינגעהאלטענער באוונדערונג „ארויפגעקוקט" צו איר, צו הערן, לערנען און פארנעמען אירע אנווייזונגען, איר פריציש געביטעריש ווארט. דערביי האט מען נישט געדארפן זיין א מאן א „לעמעשקע", א צעקראכענער. מען האט געדארפן פארשטיין, ווי אזוי, אפילו אין א הייסער סיטואציע, אמאל א וויץ, א גלייכווערטל אריינצוווארפן. זי פלעגט ארויסווייזן בפירושע סימפאטיע פאר אקרעפטיקן, אויטאריטעטן, מענלעכן אויפטריט; מיט א פולער ברוסט געלאכט, הערנדיק א טרעפלעכן וויץ וואס האט געצילט, געווען אויסגערעכנט, „איינצושטילן דעם אויסגעבראכענעם שטורעם", כדי ווידער צו באלאנסירן דאס גלייכגעוויכט און צוריקשטעלן אויף איר פלאץ די געוויינלעך ווירדיקע האלטונג,ביים אומגיין מיט זיך און מיט די מענטשן ארום.

די ארבעט איז אין אנהויב געווען א שווערע, ממש קריעת־ים־סוף, אבער מיט דער צייט מיט דער געוווינענער פראקטיק, איז זי געווארן וואס א מאל לייכטער און דערטרעגלעכער. מ'האט געמוזט אלץ לערנען. ווי האלץ צו שניידן און צעהאקן, ווי אומצוגיין מיט די קי אין שטאל און אויף דער פאשע; ווי צו ארבעטן מיט דעם סערפ און קאסע א.א.וו. עס זענען גארנישט געווען לייכטע זאכן פאר מיר. מסתמא האב איך צו קיין „מייסטערשאפט" אין די ענינים נישט דערגרייכט, אבער א ביסל אויסגעלערנט האב איך זיך. און דער עיקר, געטריי און ערלעך, לויט מיינע כוחות אין מעגלעכקייטן עס געטאן. אבער, מיין עיקר זארג געווען, אזוי צוזאגן, דאס איינבירגערן זיך אין דארף. די פויערים אין דארף האבן

שוין געוווסט און טײלוווייז געקענט דעם "קלײנעם מאסקאל" וואס ארבעט ביי דער לערערין.

אין פרימארגן, ארויסגייענדיק מיט די קי אויף דער פאשע, ביים נאענטן וואלד, פלעגן זיך די קליינע שקצימלעך־פאסטוכער זאמלען ארום מיר, געבראכט דארע צווייגן און א פייער צעלייגט; געשטיפט און זיך פריילאך געמאכט, א מאל אויך א שפיצל אפגעטאר, ס'זאל זיין פריילעך; און איך האב זיך ווי אן עלטערער, גוטער „דיאדקע" (פעטער) מיט זיי גוט איינגעלעבט. מסתמא, האבן זיי וועגן מיר אינדערהיים פארשידענע מעשיות און „שטיקלעך" דערציילט, וואס זיי טוען אלץ פאר אקונדסישע שטיק מיט מיר, און איך גען אלץ אויף ווי א גוטער פאטער, וואס פארצייט תמיד און גייט קיינמאל נישט ארויס פון די כלים... די מוטערס זענען פארשטייט זיך געווען צופרידן, וואס די קינדער געפינען זיך אונטער דער אויפזיכט פון אן עלטערן, געטרייען מענטש, וועלכער האלט אן אויג אויפן קליינוואַרג, ס'זאל זיי קיין שלעכטס נישט געשען.

דאס אלץ האט צוגעהאלפן צו פארפעסטיקן מיין „בירגערשאפט" און היימישקייט אין דארף צווישן די פויערים.

און אין דארף, ווי אין דער גאנצער געגנט, האט זיך די „אטמאס־פער", די אלגעמיינע שטימונג, דערווארעמט אלץ מער און מער. אלעמאל מער און אויפגערעגטער האט מען אנגעהויבן פארשידענע נייעס און מעשיות צו דערציילן. קלאנגען, גרויל־דערציילונגען וועגן רויב און מארד אין די נעכט און אויך אינמיטן העלן טאג. כ'האב נשט געהאט די מעגלעכקייט און אפילו זיך נישט באמיט וועגן דעם, די ענינים נאכצו־גיין. כ'האב אויסגעהערט און געשוויגן, ווי איינער וואס קען זיך ווייניק אויס אויף די זאכן, און האט קנאפן אינטערעס פאר זיי. אבער פאר זיך, האב איך פארשטייט זיך מיט גרויס שפאנונג נאכגעפאלגט אלץ וואס מען הערט און ס'געשעט אין דער געגנט ארום און אויך וואס ס'דערגייט אהער פון דער גרויסער וועלט; כ'האב דווקא געדארפט אלץ וויסן, געהאט אפילו גרויס אינטערעס דערפאר...

דער דרוק פון די דייטשע מאכטהאבערס, וואס די מערכה זייערע אויף די פראנטן איז קאליע געווארן און אפילו זיך היפשלעך איינגעבראכן,

איז געווארן וואס אמאל שטארקער אויפן דארף, צווישן דער פויערישער באפעלקערונג.

די יונגערע האט מען מאסנווייז פארשלעפט אויף ארבעט אין דער שוין אביסל צעטרייסלטער און שוואכער געווארענער דייטשער קריגס מאשין.

די פויערים האבן מיט פערד און פי אלעמאל אפטער, גענומען זוכן באהעלטעניש אין וואלד. דער עיקר איז שטארק טעטיק און אקטיוו געווארן די „סאמאסטינע" (זעלבשטעדיק, סוווערען), נאציאנאליסטיש־אוקראינישע פארטיזאנען־באוועגונג.

די דערפער ארום זענען פאקטיש געווען אונטער זייער באהאלטענער און האלב אפענער טעראר־ממשלה. דער אוקראינישער „פראוויד" (אנפירונג), האט דורך זיינע עמיסארן און אגענטן זיך אויפגעפירט ווי א שאטן רעגירונג אין דער גאנצער געגנט. צו זייער „טעטיקייט" האט אויך געהערט, ג׳ישט אין דער לעצטער ריי, אפצוזוכן די לעצטע רעשטלעך פון די נאך לעבן־געבליבענע יידן, וואס האבן זיך אין גרויליקע באדינגונגען, אויסבאהאלטן אין פארשידענע נארעס און לעכער, אום זיי צו פארניכטן מיט אייגענע הענט, אדער דורך אויסליפערן זיי צו די דייטשע רוצחים, וואס האבן ביז די לעצטע טעג ממש, נישט אויפגעהערט אנצוגיין מיט דעם טאטאלן פארניכטונגס ווערק פון די יידן, ווען און וווּ זיי זענען נאר אנטדעקט געווארן. די אוקראינישע נאציאנאליסטן האבן אין דא לעצטע יידן, וואס האבן נאך ערגעץ געלעבט אין די באהעלטענישן, געזען די עדות אויך פון זייערע גרוילטאטן, רויב און מארד — אקטן קעגן יידן, און אחוץ דעם פחד פאר מעגלעכן נקמה נעמען פון זיי מצד דער סאוויעטישער מאכט־וואס האט זיך, ווי שוין דערמאנט, באלד ארויסגעוויזן אלס פאנטאזיע און פוסטע שרעק, וועלכע קיינער האט אפילו, לגבי די אוקראינער נישט געקלערט פארווירקלעכן — האבן זיי, די אוקראינישע נאציאנאליסטן, געזען אין די יידן די פאטענציעלע פארבינדעטע פון דער זיך דערנענטערנדיקער סאוויעטישער ארמיי, קעגן זיי, די אוקראינער „סאמאסטיניקעס" וועלכע האבן זיך געגרייט צו א לאנגן און הארטנעקיקן קאמף קעגן די „מאסקאלשע ארייננדרינגלער". צוליב די

זעלבע סיבות און טעמים האבן זיי זיך אויך גענומען אויסראטן מיט פייער און שווערד די „ליאכעס" (פאליאקן) פון דער אוקראינישער ערד". אין די נעכט איז דער הימל, דא און דארט, רויט געווען, עס האבן געברענט די פוילישע דערפער אין דער געגנט. די פאליאקן, יונג און אלט, זענען ס'רוב, אין פאניק אנטלאפן. ווער אויף מערב קיין פוילן, מערב גאליציע, ווער אין די גרעסערע און קאמפאקטערע פוילישע זידלונגס־פונקטן אין דער געגנט, ווו זיי האבן זיך באמיט צו ארגאניזירן און שטעלן א ווידערשטאנד.

די אוקראינער אין גאליציע האבן געהאט א באדייטנדיקע שיכט פון אינטעליגענץ געזעלשאפטלעכע, ווירטשאפטלעכע און קולטורעלע טוער.

א גרויסע, ברייט פארצווייגטע נעץ פון שולן, ווירטשאפטלעכע און קולטורעלע אינסטיטוציעס. יארן לאנג איז זייער יוגנט און געזעלשאפט דערצויגן געווארן אין נאציאנאל־אוקראינישן גייסט. אויף אוקראינישער געשיכטע און ליטעראטור. זיי האבן אויך געהאט א באדייטנדיקע, אויף א געהעריקן ניווא שטייענדיקע, פעריאדישע פרעסע, און א גוט, אורעק־געשטעלטן פארלאגס־וועזן, וועלכע האבן פארשטייט זיך, געפלעגט זייער נאציאנאלע אייגענארט, באזונגען די גלאריע פון דער אמאליקער אוק־ראינע, פון די העלדן פון דער, פרייער, זאפאראזשער רעפובליק, ביי די ברעגן פון דניעפר". זיי האבן זיינער צייט, אין די צייטן פון דער פוילישער אומאפהענגיקייט, צווישן די צוויי וועלט־מלחמות, באוויזן צו זאמלען אונטערן „טריזוב" (אוקראינישע נאציאנאלע פאן) די מיליאניקע אוקראינישע באפעלקערונג, וואס האט זיך געפונען אונטער פוילישער הערשאפט, אין אן איינהייטלעכן, מאסיוון, נאציאנאלן בלאק, וועמענס אנזעען, השפעה, פאליטיש, געזעלשאפטלעכער און ווירטשאפטלעכער כוח איז געווען א זייער באדייטנדיקער, אין אייניקע געביטן, אינם געוועזע־נעם מזרח־פוילן אפילו אן אנטשיידנדיקער.

דאס אלץ, אדער אן עיקרדיקער טייל פון דעם, מיט דעם זייער וואגיקן צוגאב פון שנאה און פחד פאר דעם סאוויעטישן רעזשים מיט זיינע „קאלכאזן" און אלע אנדערע איינריכטונגען פונעם סאוויעטן־סיסטעם, אין וועלכע אויך דער פשוטער, דורכשניטלעכער אוקראיניזער

פויער, האט געזען זיין טויט פיינד ממש, — האט זיך געזאמלט און געגרייט בלוטיק־ערנסט צום ווידערשטאנד קעגן די „מאסקאליש־באלשעוויסטישע ארײנדרינגלער", וואס דערנענטערן זיך צו זייער לאנד...

אין די אונטן האבן זיך געטראגן אין דער לופט קאזאקישע קאמפּס־לידער; די אטמאספער איז געווען הייס און געשפאנט; א בלוטיקע פארע האט זיך פון איר דערהויבן. די רויטע הימלען ביינאכט און דער רויך פון די ברענענדיקע פוילישע דערפער, האבן אומהיימלעך עדות געזאגט וועגן דאם וואס עס גרייט זיך, וואס עס קומט, און האלט ביים געשען — אין דער גאר נאנטסטער צייט...

ביי אט דער לאגע זענען נישט געווען קיין שום אויסזיכטן, איך זאל לענגער קענען בלייבן אויף מיין פלאץ ביי דער לערערין. זי האט זיך געגרייט יעדן טאג אלץ איבערצולאזן, צו ראטעווען זיך און איר קינד און אנטלויפן ערגעץ־ווו אין שטאט אריין.

אין מיינע שלאפלאזע נעכט אויף מיין געלעגער אין דער „סטאדאלע", האב איך פיבערהאפט געוועבט נייע פלענער וועגן ווייטערדיקן וועג מיינעם...

.7

## אין „ל י י ב ן — ג ר ו ב"

זיינער צייט האב איך געהאט פרייען צוטריט, באקאנטשאפט און אפילו פריינד־שאפטלעכע פארבינדונגען אין די קרייזן פון דער אוקראַי־נישער נאציאנאלער באוועגונג, פאר דער מלחמה אין לעמבערג.

כ׳האב גוט געקענט אייניקע פון די באדייטנדיקע ווארט־פירער אין אט דער באוועגונג, זשורנאליסטן, שרייבער, ארטיסטן, געזעלשאפטלעכע טוער א. א. וו. איך האב זיך אביסל אויסגעקענט אין די שטימונגען און קעגנזייטיקע באציונגען צווישן די מענטשן אין אט די קרייזן.

פון די געשפרעכן מיט דער פרוי אנדזשיא און אנדערע, בין איך געוווירגעוואָרן, אז בראש פון דער אוקראַיניש־נאציאנאליסטישער פאר־טיזאנען־באוועגונג, שטייט איינער, וואס הייסט דימטרי שערעמעט, א פארמעגלעכער און איינפלוס־רייכער פויער, וואס שטאמט, ווייזט אויס, פון אן אלטן קאזאקישן יחוס. זיין עלטער־עלטער זיידע זאל האבן געווען א„קאשעוואי״ (אן אוקראַינישער־קאזאקישער מיליטער־עלטסטער). ערגעץ אין די צייטן פון כמיעלניצקי אדער גאנטע. ביי אים, האט מען געשמועסט, קאנצענטרירן זיך אלע פעדים פון אוקראַיניש־נאציאנאליסטישן אונטער־ערד.

דימיטרא האט געהאט א גרויסע ווירטשאפט און ער פלעג בעשעפ־טיקן, באזונדערס אין „ברען־סעזאן״ פיל ארבעטער פון דארף. עס איז געווען באקאנט, אז ער איז אן אויסנוצער אנגלייכן. די ארבעטער ארבעטן ביי אים עבודת פרך ממש. כ׳האב זיך אפגעגעבן א רעכנונג דערפון און גוט פארשטאנען, אז מיין לעבן הענגט סייווי אויף גארנישט און איך האב

כמעט נישט וואס צו פארלירן. אין אזא לאגע זענען שרעקעוודיקייט און מוטלאזיקייט נישט די בעסטע עצה געבער. האב איך אלזא, באשלאסן צו גיין אהין דווקא, וואס מען קען אנרופן דער סאמע „לייבן גרוב״, אין הויז פון דמיטרא שערעמעט.

אין אזומערדיקן נאכמיטאג, בין איך אנגעקומען און אריין מיט זיכערע טריט און דאכט זיך, א שטראלענדיק פנים, — מיין אויסזען האט זיך שטארק פאר־בעסערט. נאך עטלעכע וואכן נארמאל און רעגולירט לעבן, אין הויז פון דער לערערין — אין גרויסן, רחבותדיקן הויף פון דימיטרא שערעמעט.

ער איז געשטאנען הויך, שלאנק און תקיפדיק אין מיטן הויף, און געש־ריגן עפעס הויך און באפעלעריש. אויסגעשריגן זיך אויף עמיצן, אדער געגעבן אנווייזונגען די ארבעטער. איך בין צוגעגאנגען נענטער צו אים און אן שהיות זיך פארגעשטעלט. כ׳בין אן אוקראינער פון דער געגנט ארום קיעוו. איך רעד אמת, רוסיש פון קינדוויז אן, אבער...

ער האט אנגעשטעלט אויף מיר זיינע האלב פארנעפלטע אויגן, קוקנדיק אויף מיר אזוי פון אויבן אראפ, אפנים, א ביסל איבעראשט, פון מיין עזות און זעלבסט־זיכערקייט; מיך ווי אפגעמאסטן, ווי גרויס איך בין, פון קאפ ביז די פיס, מיט זיין בליק און נאכהער האט זיך באוויזן עפעס אזוינס ווי א שמייכל אויף די דיקע, לאנגע וואנצעס, וואס זענען אראפגעהאנגען איבער זיין מויל. צי איז עס געווען גרינגשעצונג, אדער א שימער פון גענאד, פאר אט דעם ווינציקן און קאמישן באשעפעניש וואס שטייט אזוי האפערדיק פאר אים?...

דאכט זיך, אז דער גאנצער אויפטריט מיינער האט געמאכט אויף אים א הייטערן און א ביסל שפאסיקן איינדרוק. און דאס איז געווען גוט... ער האט מיך נישט געלאזט פארענדיקן דעם זאץ, און איך אליין האב, דעם אמת געזאגט, נישט געוווסט, ווי אים צו פארענדיקן...

—ווע͏סט אריינגיין אין קיך און ווע͏סט עפעס עסן; מארגן וועט מען זען וואס מיט דיר איז. — האט ער געזאגט, און דאן זיך ווידער געווענדעט מיטן פנים צו די ארבעטער אין הויף.

מיט לאנגזאמע, מיושבדיקע טריט בין איך אריינגעגאנגען, שמייכלענ־

דיק א צופרידענער, אין דער רחבותדיקער קיך און פייערלעך אנטקעגן געטראָגן מיין גרוס. „גאָט העלף״, דער גאַספּאַדיניע, (הוזווירטון), וואָס איז געשטאַנען מיט א צעפלאַמט פּנים, ביי דער קיך, מיט א ריזיקן קאָכ־לעפל אין דער האַנט. זי האָט געענטפערט אויף דעם גרוס מיט א נויג פון קאָפּ און א פריינדלעכן שמייכל אויפן געזיכט. זי איז געווען געוווינט צו גאַסטן פאַרשידענע מענטשן וואָס פלעגן קומען אין הויז פון דימיטרא און נישט צו פרעגן ווער, נאָך וואָס, און פון וואַנען זיי קומען. באַשעפ־טיקט ביי דער אַרבעט מיט די גרויסע טעפּ און סאָגאַנען, וואָס האָבן געקאָכט און געפּאַרעט, אויף דער ביז רויט אַנגעגליטער קיך־פּלאַטע, — זי האָט צוגעגרייט דאָס אוונטמאָל, פאַר דעם גרויסן עסער עולם וואָס איז געווען ביי איר אויף קעסט. — האָט זי קיין סך צייט נישט פאַרלוירן און הגם, איך האָב וועגן דעם אפילו קיין אַנצוהערעניש נישט געגעבן, דערלאַנגט מיר א פולע שיסל מיט קאַלטן אוקראַיִנישן באָרשט און א היבשן טעלער הייסע קאַרטאָפל דערביי. אַן א וואָרט צו זאָגן, (דאָס דאַנקען קומט נאָכן עסן) האָב איך זיך גענומען צום עסן, וואָס איז געש־טאַנען פאַר מיר, אויף א גרויסן, נישט אַזוי גלאַט געהיבלטן, נאַקעטן טיש. געגעסן פּאַמעלעך, מיט ישוב הדעת, און רו. (נישט ווי איינער, וואָס איז אַקאָרשט געקומען פון „הונגער־לאַנד״), גוט אויפפּאַסנדיק, נישט אַראָפּ־צוואַרפן קיין ברעקלעך אויף דעם באָדן, אָדער עפּעס צו פאַרשמוצן אַרום מיר. זי, די בעל־הביתטע, האָט פון צייט צו צייט געוואָרפן אַבליק אויף מיר, האָט מיר אָבער נישט געשטערט מיט קיין איינציק וואָרט בשעת דעם עסן. איך האָב געוווּסט, אַז דאָס איז אויך איין „עקזאַמען״ וואָס איך מוז אים אויסהאַלטן. (איך פלעג זיין אַן אָפטער אַריינגייער צו די פּויערים־שכנים, אין דער צייט פון מיין זיין ביי דער לערערין, כ׳האָב זיך באַמיט צו הערנען „הלכות עסן״ און „טיש מנהגים״ ביי די פּויערים. — זי האָט אַנגענומען מיין דאַנק א צופרידענע, אפילו, דאַכט זיך מיט נישט באַהאַלטענער סימפּאַטיע, און מיר געזאָגט, אַז כ׳קען אַריינגיין אין שייער, אַביסל זיך אויסרוען, כ׳בין אוודאי מיד פון אַזאַ לאַנגן וועג אין הייסן זומער־טאָג.

ווען דער אוונט איז צוגעפאַלן און דער אַרבעטס־טאָג האָט זיך געענ־

דיקט, איז דימיטרא ערגעץ פארשוואונדן געווארן און זיך נישט צוריק־געקערט א לענגערע ווײַלע ער האט נישט געפרעגט אויף מיר און ווי אינגאנצן פארגעסן אין מיין עגזעסטענץ. כ׳האב מיר אויסגעבעט א באקוועם ארט צום שלאפן אויף אפרישן סטויג היי אין דער „סטאדאלע״ און זיך געלייגט שלאפן.

ארום האלבער נאכט האט מיך דעמיטרא אפגעזוכט, אויף מיין געלעגער אין שייער, מיך געפרעגט צי ס׳איז מיר באקוועם צו שלאפן, און צו מיר געזאגט: מארגן פארטאג וועסטו ארויספירן די בהמות אויף דער פאשע, אויף דער לאנקע אין טאל. וועסט ארויסגיין דורכן קליינעם טויער, אין דרום זייט פון הויף.

ווען איך בין צוריקגעקומען מיט די קי פון דער פאשע אין די פריע מיטאגשעהן, האבן שוין די שטוביקע געגעסן מיטאג. נאכן מיטאג עסן, זענען מיר אלע ארויס צו דער ארבעט, ביי דער דרעש־מאשין. דימיטרע אליין האט דיריגירט מיט דער ארבעט און אליין געארבעט פאר צוויי אדער דריי ארבעטער. איך האב דערלאנגט די סנאפעס אין דער מאשין. פריער צעבונדן דעם גארטל פון סנאפ און דאן א ווארף געטאן אויף דעם טיש פון דער דרעש־מאשין. אט די מלאכה האב איך שוין געהאט אויסגעלערנט, ווען די לערערין פלעג מיך „אויסבארגן״ אמאל איינעם פון די שכנים, כ׳זאל אים צוהעלפן ביי דער דרעש־ארבעט. דא, ביי דימיטרא, איז די ארבעט געגאנגען ווי אויף א „לויפנדיקן באנד״ — א קייט פון ארבעטער איז געשטאנען פון ביידע זייטן פון דער מאשין — א טייל האט דערלאנגט די סנאפעס פונעם סטויג, ביז זיי האבן דערגרייכט, דורך מיין פארמיטלונג, אויף דעם טיש פון דער דרעש־מאשין. דער אנדערער טייל האט אוועק־געשארט דאס אויסגעדראשענע שטרוי, צונויפגענומען די תבואה קערנער, און פארקערט אין א זייט די „פלעווע״. די ארבעט האט פארלאנגט גע־שיקטקייט, וואכזאמקייט און איינהייטלעכן טעמפא, כדי אויסצומיידן שטערונגען און הפסקות אין גאנג פון דער ארבעט.

מיין ארבעט האט, ווייזט אויס, צופרידן־געשטעלט דימיטראן, כ׳האב, ווייזט אויס, אויסגעהאלטן דעם ערשטן עקזאמען — דאס האב איך „אראפ־געלייענט״ פון זיינע צופרידענע וואנצעס, וועלכע האבן שטענדיק ווי

אפגעשפיגלט דאס וואס „קאכט זיך" אין זיין, געוועלעך, מיט ערב־שטורעם אנגעלאדענעם אינגעווייד...

ביי דער ארבעט פלאפלט מען נישט, אבער, אז אלץ קלאפט ווי געהעריק, מעג מען ארייננווארפן, אזוי, אין דער לופט ארײַן, א פויערישע חכמה, א טרעפלעך פאלקסווערטל, כלאחר־יד און צו דער זאך, וואס האט דעם צוועק צו באלעבן, אויפ־מונטערן און אונטערצוטרייבן דעם טעמפא פון דער ארבעט, צו טאדלען הינטער — שטעליקע א.א.וו. און אין איין וועגס צו באווייזן, אז מען איז נישט בלויז סתם אן „ארבעט־בהמה"... דאס געפיל פון גאוה און נחת פונעם בעל־הבית איבער דער ארבעט און שפע ארום, וואקסט, און ער שענקט דיר זיין גענאד און הסכמה מיט א פריינטלעכן פינטל פון זיין אויג: גוט אזוי...

נאכן פאר׳ענדיקן די ארבעט, ביי דער דרעש מאשין, לענט מען זיך אביסל אונטער דאס הארץ און מען גייט זיך אויף א ווייל אויסרוען. אבער פארנאכט דארף מען אנהאקן און אנגרייטן א היפשן הויפן האלץ פער דער קיך. דאס האלץ האקן איז נישט בלויז א נישט לייכטע מלאכה, נאר אויך א קאפ ארבעט, כמעט א פאך אזא. מען דארף קענען צעשפאלטן די האלץ־פאליאנעס ווי עס געהער צו זיין; די שייטלעך האלץ דארפן זיין גלייכע, אדער כמעט גלייכע, אינער צום אנדערן, לויט דער גרויס און דיק און דו טארסט זיך נישט אויפרעגן, צע׳כעסן און שוויצן איבער דער מאס, ביי אט דעם דאזיקן ווערק. און דער עיקר, דו דארפסט זיך היטן און גוט אכ־טונג געבן, דו זאלסט חלילה נישט טאן די מלאכה אויפן יידישן שטייגער...

דער בעל־הבית גייט פארביי, ווארפט א בליק אויף דיר און דיין ווערק, ווי איינער, וואס קען זיך גוט אויס אויף דעם. אוודאי איז ער נישט אזוי אינגאנצן צופרידן פון דעם, — אבער, ער שאקלט מיטן קאפ, ווי א צייכן פון גנאד, און נאכזען און דאס איז א צייכן צום גוטן...

די ארבעט ביי דימיטרא איז באמת זייער שווער, ממש עבודת פרך. עסן איז דא אסך און דו עסט מיט אפעטיט. אבער, ווער ווייסט, ווי לאנג דו וועסט קענען אויס־האלטן אט די ארבעט. דערפאר אבער, יעדן טאג וואס דו געפינסט זיך אינעם הויז און אונטערן שוץ פון דימיטרא, נעמט זיך צונויף און ווערט אמין „אייזערנער בריוו" פאר דיר, אין אט דער

סביבה, ווו עס הערשט פאקטיש, א באהלטענער כלומרשט, טעראר, און רויב און מארד זעגען א טאג טעגלעכע דערשיינונג. מען האט שוין גע־הערט און מען ווייסט שוין אין דער סביבה, אז דער „קליינער מאסקאל", וואס איז ביי דימיטרא, איז אפנים, איינער פון די אונדזעריקע...

אין די זונטיקס און חגאות קומען שכנים, באעגטע און ווייטע, אויף באזוכן אינעם הויז פון דימיטרא, מ'שמועסט, דערציילט וועגן דעם, וואס הערט זיך און טוט זיך אויף דער וועלט, און באזונדערס טאקע אין דער נאענטער סביבה ארום.

— מ'מאכט באקאנטשאפטן, מ'בינדט אן פריינדשאפט, מ'דערנעגטערט זיך צו מענטשן. מ'קומט אויף שמחות, מ'רעדט זיך אפ פונעם הארצן, מ'ווערט פארברודערט און ווי צוזאמענגעגאסן מיט זיי; גלויבן און מיינונגען, דערוואַרטונגען און אנטוישונגען. האפנונג און יאוש — זייערע, אויך „דיינע"...

מיט דעם פארשטארקען זיך פון דער שפאנונג אין דער סביבה, ווערט אפגעשוואכט דער טעמפא פון דער ארבעט אין דארף. יעדער איינער, באזונדערס די פּרויען, איז בייגעריק צו הערן נייעס. און די קעגנזייטיקע באזוכן, ווערן אפטערע און לענגערע. נישט זעלטן ווערסטו פארבעטן צום שכן, אויף א גלעזל „סאמאגאן" אויף א לייכטן עסן, און א לאנגן שמועס.

טראכים דער שוסטער, אן עלטערער פויער מיט א קליינער פאמיליע, האלט, אז די ארבעט ביי דימיטרא איז צו שווער פאר מיר, ער וויל, אז איך זאל אריבער צו אים, העלפן אים פירן זיין ווירטשאפט. ביי אים איז נישטא קיין סך ארבעט. ער איז נישטאזוי להוט רייך צו ווערן, ווי אט דער דאזיקער דימיטרא... ער האט ליב צו שמועסן, און ער האלט מיך פאר א פאסיקן מיטשמועסער. איך האב שוין אויך געקלערט וועגן דעם, איך האב אבער מורא, נישט ארויסצורופן דעם כעס פון דימיטראן, קעגן מיר. טראכים וואס איז געווען דימיטראס שוסטער, און זיין השפעה איז געווען גענוג גרויס אויף אים, האט מיר צוגעזאגט צו טאן אין דער זאך, מיט חכמה און פארזיכט. ערוועט זען ארויסצובאקומען דימיטראס הסכמה דערצו.

טראכים האט געטענהט פאר דימיטראן, אז ער איז א קרענקלעכער מענטש, און דארף נויטיק האבן אן ארויסהילף ביי דער ארבעט. ער וואלט

געגומען צו זיך דעם „מאסקאל״, אבער דער האט ליב זיין האר און „גאספאדאר״ און עס איז אים שווער, זיך פון אים צו שיידן...

דימיטרא אליין האט מיר פארגעשלאגן און אפילו שטארק אנגערעדט דערצו, אז איך זאל דערפילן דעם פארלאנג פון טראכימן און אזוי האב איך פארלאזט „א גאנצער״ און כלל נישט מיט א „שווער געמיט״ — דאס הויז פון דימיטרא שערעמעט.

## .8

# אינעם קליינעם דערפל קראסנא;

קראסנא הייסט דאס קליינע דערפל, ווו איך געפין זיך איצט אינעם הויז פון טראכים דעם שוסטער, נאכן פארלאזן דאס הויז פון דימיטרא שערמעט. עס ליגט דריי קילאמעטער ווייט פון מיין פריערדיקן וווינארט. די סביבה איז א וווּנדער שיינע און ס׳ווייזט אויס, אז טאקע דערפאר הייסט ס׳דערפעל „קראסנא", וואס באדייט אין אוקראיניש: שיין. עס איז נישט ווי ס׳רוב אנדערע דערפער אין דער געגנט. יענע זענען געוויינלעך, אלט איינגעזעסענע, געדיכט באפעלקערטע ישובים. די פויערים הייזקעס און בנינים אין אט די ישובים זענען א מאדנע און אויסטערלישער געמיש פון אלטע, נעבעכדיק אויסזעענדיקע געביידעס וואס האלטן ביים איינפאלן פון אלטקייט, און האלטן זיך נאר אין „זכות" פון עטלעכע דראנגען, וואס שפארן זיי אונטער, זיי זאלן זיך נישט איבערקערן און צעשיטן, נעבן נייע הייז־לעך, צירלעך אויס געפוצטע און שניי־ווייסע, וואס פינקלען מיט זייערע רויטגעפארבטע בלעכענע דעכער, ווי א רייכער „קרוב", אן אויסגעפוצטער, „אין עסיק און אין האניק" צווישן זיינע אביונישע ברידער... די פויערים הייזלעך דא, אין קראסנא, זענען צושפרייט פונאנדערגעשטעלט אויף א אנזעעוודיקן מרחק, איינס פון צוויטן, סטארטשען ארויס בלאנקענדיק — ווייס, אויף דעם רחבותדיקן גרינעם פלאכלאנד, הענגען ווי שפילצייג אויף די שפּוּעים פון די בערגלעך, לאזן זיך אראפ און באהאלטן זיך אין די טיפענישן פון שטילן טאל.

ווי מיט א געשלאסענעם רינג נעמט ארום די געגנט, ווייט אין האריר־

זאנט, א וואלדיקער גארטל איינגעהילט אין א בלוילעכן נעפל, וואס פאנגט דאס אויג און דאס הארץ, אפנים, בכדי צו באהאלטן דאס פרעכטיקע שיינע ווינקעלע פונעם אויג פון דער וועלט.

דאס איז א פארהעלטענשמעסיקער יונגער דארפישער ישוב, ווי עס זאגן עדות די הייזלעך און לאנדווירטאפטלעכע בנינים, וואס זענען אין א גרויסער מאס, פלאנירט און געבויט לויט דעם מאדעל און געשמאק פון דער נייער צייט.

אן אנזעעוודיקער טייל פון די איינוווינער דא זענען פאליאקן־קאטאָליקן. א טייל פון זיי האט מען געבראכט, אדער זיי האבן אויף אייגענער איניציאטיוו אימיגרירט, אהער פון דער געגנט פון מערב־גאליציע, האבן זיך דא באזעצט און אויפגעשטעלט זייער ווירטשאפט, מסתמא מיט דער הילף און שטיצע פון די מלוכהשע און געזעלשאפטלעכע פאקטארן אין דער מדינה. טראץ דעם, זעט עס אויס, אז די איינגעוואנדערטע קאלאניסטן איז געלונגען צו שלאגן ווארצלען און זיך גוט אקלימאטיזירן אין דער געגנט. אנבינדן גוטע שכנשע באציונגען מיט דער הי איינגעבוירענער אוקראינישער באפעלקערונג. די פויערים העלפן זיך אויס קעגנזייטיק מיט ראט און טאט. טיילן זיך מיט דער געוווינטער פראקטיק און קענטניש, אין דעם מיט אזויפיל מעגלעכקייטן, רייכן, און אויף אזויפיל סכנות אויסגעשטעלטן לאנד־ווירטשאפטלעכן ווערק. בארגן אויס איינער דעם צווייטן לאנד־ווירטשאפטלעכע מכשירים, ארבעט — פי א.א.וו. דער אייגנארטיקער לעבנסשטייגער, די מי, די שווערע הארוואניע און זארג פאר דעם ווערק פון זייערע הענט, מאכט, שמידט אויס פון זיי א מין איינהייטלעכן מענטשן־טיפ, אין כאראקטער, טעמפעראמענט, געמיט, גייסטיקן באנעם, און השגה — גיט זיי א כמעט ענלעכן פרצוף אויך אויסערלעך. די הער־שנדיקע שפראך איז אייגנטלעך, אוקראיניש. אויך די „מאזורן" (פאליאקן) וואס געהערן פארשטייט זיך, צו דעם אין דער מדינה הערשנדיקן פאלק, רעדן גאנץ גוט אוקראיניש, אפשר נאך בעסער ווי פויליש. זיי האבן זיך גוט צונויפגעלעבט מיט דעם דא איינגעבוירענעם פאלק. ביי דער ארבעט אין פעלד. אין וואלד. אין דער הויז־ ווירטשאפט. פון פרימארגן ביז שפעט אין אונט. מ׳פייערט צוזאמען יום־טוב און רו־טעג. הגם זיי גייען אין

קאטוילישן „קאשציאל" און זייערע אוקראאינישע שכנים אין דער צערקווע.

פון הינטער דעם אקער־אייזן און אויף דעם שניט־פעלד, זעען די פויערים אויס זייער ענלעך איינער צום אנדערן, ווי איין מאמע וואלט זיי געבוירן. דער פויער הערט און גייט נאך דעם רוף פון דער ערד. וואס הערט נישט אויף צו מאנען, פונעם גרויען באגינען ביזן שפעטן אוונט, מען זאל איר זיין גאנץ און שטענדיק טריי און איבערגעגעבן. באארבעטן, פלעגן און היטן; זי שפאנט איין און באשעפטיקט, אפשר אויך, אט יענע „טונקעלע אינסטינקטן" — וואס נעסטן ערגעץ טיף אין זיין תמיד גיריקן און נישט געזעטיקן איינגעווייד, מיט דעם כמעט אומ־אויפהערלעכן ארבעט־אנשטרענג וואס וועט אים ענדלעך ברענגען שפע און פארמעגלעכקייט. זי עפנט א ביסל זיין הארט און פארטעמפט הארץ פאר פריינדשאפט און א טראפן געגאד פאר זיין נאנטן מיטמענטשן. די מי און זארג פאר דער דאזיקער ערד, ווי די פרייד פון וואקסן און שניט, וואס קומט נאך זיי, לייטערן און דערהויבן אפילו, די הערצער פון די, וואס זענען מיט איר פארבונדן... אבער, אט איז אויסגעגאסן געווארן גאטס צארן אויף דער דאזיקער גוטער ערד — עס האט אויסגעבראכן די מלחמה. לעגיאנען פון רויב און מארד זענען זי באפאלן, צעגאסן זיך, ווי א שווארצע מגיפה; א גרויל־כוואליע האט זי פארגאסן. א מבול פון שנאה, פון מענטשן־האס, האט ווי פון פינצטערע תהומות זיך דורכגעבראכן און זי פארפלייצט. עס האבן זיך אויפגעלעזט, איבערגעריסן זיך אלע באנדן פון גלויבן מאראל, כבוד און אנשטענדיקייט, וואס האבן געדינט ווי א צוים און א טאמע פארן שטרויכלענדיקן מענטש. און עס האט זיך אפגעדעקט און ארויס אין איר נאקעטן גרויל די מענטשן־חיה, פיל גרויליקער ווי די, אין ווילדן וואלד...

יארן־לאנג זענען דא געוועזן יידן, געלעבט באזאמען, אנגעהאלטן ענגע פארבינדונגען מיט די פויערים, אין דערסביבה. עס זענען אמת, געווען אין שטאט מענטשן, געזעלשאפטן, ארגאניזאציעס, וואס האבן געטאן מיט גרויס פלייס און התמדה אלץ, כדי פונאנדערצוטיילן און דערווייטערן דעם פויער פון יידן. אבער, „דער פויער האט זיך זיין שכל", און ער לאזט זיך נישט אזוי לייכט אראפפירן פון זיין יארן־לאנג אויס־

געטראטענעם וועג; ער ווייסט, נישט איינמאל זיך גוט איבערצייגט וועגן דעם, אז ביים ייד קען מען תמיד באקומען הילף און שטיצע, אין א נויט־לאגע. אן עצה און אנשפאר אין עת צרה. „יאק בידא־טא דא זשידא" — ווען עס איז דיר שלעכט גיי צום ייד — זאגט אן אוקראיניש, פויליש פאלקס־ווערטל...

דער פויער האט געהאט צוטרוי צו „זיין" ייד, טאקע אין א פיל גרע־סערער מאס, ווי צו די אלע קהלישע קאכלעפל, אומזיסטע עסערס, זיינע פאלקס געגאסן, וואס האבן כלומרשט געזאארגט פאר זיין נאציאנאלער נשמה, זי זאל חלילה נישט געשעדיקט ווערן... אמת, עס איז נישט געווען קיין ליבע צום יידן מצד דעם פויער; פארקערט: ער האט נישט געשפארט קיין שפאט און חוזק־אין שמועס מיט זיינע פריינד צווישן זיך, פאר דעם ייד, זיין איבערגעשפיצקייט א.א.וו. אבער אינדעראמתן, הגם דער פאקט איז אזוי ווייניק ציטירט און אפגעמערקט געווארן, ווינציק באהאנדעלט און באלויכטן געווארן, האט דער ייד געהאט א גרויסע מאר־אלישע השפעה אויף דער וועלט פון פויער, דעם „גוי", זיין שכן...

דער פויער האט געהאט דרך ארץ און אפשיי פאר דעם ייד, וואס טרינקט נישט, שיכורט נישט, איז ווייט פון צעלאזנקייט, אויסברענגעריי האט הויך געשעצט דאס זויבערע און בכבודיקע יידישע פאמיליע־לעבן, דאס אפהיטן שבת, און יום־טוב. איך געדענק פון מיינע קינדער־יארן, ווי דער פחד פון דער יידישער כל נדרי און יום־כפור אוונט איז אריינגע־דרונגען און באהערשט אויך דעם גויאישן ווינפירטל אין מיין געבורטס־שטעטל...

און זיי, די פויערים, האבן געוווסט ווי צו שעצן און באוווּנדערן דעם יידישן פלייס, ענערגיע, איניציאטיוו, קענטעניש און חכמה (לאו דווקא: „כיטרעקייט") פון ייד.

„אונדזער ייד, איז א טייל פון פוילישן פייזאזש פונעם חן פון אונד־זער לאנדשאפט" — האבן נישט איינמאל זיך געחנדלט, אין א מאמענט פון חסד און גענאד, אינטעליגענטע און אויפגעקלערטע קריסטן אין דעם דאזיקן לאנד. נאכמער, זיי, די יידן, האבן געענדערט דאס פנים פון דער דאזיקער לאנדשאפט. האבן געמערט די שפע און רייכקייט פון אט דער

געבענטשטער ערד; אויפגעשטעלט שטעט און געבויט אינדוסטרי צענ־טערן; אנטוויקלט דעם האנדל, וואס האט דערגרייכט ווייט און ברייט איבער דער וועלט.

אין דעם נאענטן שטעטל זלאטשעוו, איז געווען א יידישער רב, דער מרי דאתרא פון דער אלטער קהילה זלאטשעוו, וואס האט אויפגעשטעלט די גרויסע מיליטער־קאזארמעס פאר דעם אין גאליציע סטאציאנירטן מיליטער פון פראנץ־יאזעף, דעם קייזער פון עסטרייך. א העלפט פון א גוואיסער, פרינציפאלער גאס אין לעמבערג, איז געווען זיינע, ער האט דארט אויפגעשטעלט דעם גרעסטן טייל פון אירע מאדערנע און פרעכטיקע הייזער.

א צווייטער ייד ווידער, אויך א ייד א למדן, וואס פלעגט ס׳רוב זיצן און אריינקוקן אין א ספר, וואס איז תמיד געלעגן פאר אים אפן, א גלאז ווארעמע מילך איז געשטאנען אויפן טיש, געהייסן האט ער יונה שפרע־כער, איז געווען דער בעל־הבית און אייגנטימער פון עטלעכע פאסאזשן און די מאדערנסטע און שענסטע הייזער אין די פרינציפאלע גאסן פון לעמבערג. איין גאס „זיינע" וואס האט געהייסן — די גאס פון דער „הייליקער אננא", האבן די איינוווינער, פאליאקן גערופן אין שפאס מיטן באמען „דער הייליקער יונה"...

ווינטער 1943, ווען עס איז שוין פארשטומט געווארן דער לעצטער עכא פון יידישן לעבן אין גאליציע האט א באקאנטער אוקראינישער פובליציסט געשריבן אין לעמבערג אין זיין צייטונג, אז האנטווערק און מלאכה זענען אין גאליציע געווען כמעט אויסשליסלעך יידישע פראפע־סיעס, און ער האט גערופן זיינע פאלקס גענאסן צו פארנעמען דעם פלאץ פון די יידן וואס זענען פארטיליקט און אויסגעראטן געווארן פון אט דער ערד. אומגעהויער גרויס און מעכטיק איז געווען די מאסע ענערגיע, כוח, גאונות און פלייס וואס זענען אינוועסטירט געווארן דורך יידן אויף דער דאזיקער ערד, און ווער ווייסט צי עס וועט אפילו געמאכט ווערן אמאל א חשבון, פארצייכנט ווערן גענויער, דער דערשיטערנדיקער סך־הכל פון אט דאם גרויסן קאפיטל. עס שטייען נאך אין זייער שטומען טרויער די חורבות, די רואינען פון דורות יידיש לעבן וואס איז פארטיליקט געווארן

אונטער אט די קופּערנע הימלען. זיכער וועט א גרויסער טייל פון די געוועזענע יידישע ישובים גישט ווידער אויפגעשטעלט ווערן אין דער באַנטער צייט, אפשר וועט א טייל פון זיי נאך שטיין אין זייער פּאַרוויסטקייט יארן אויף יארן. עס שטייען די חורבות און ווארפן אן א פחד. א טויט־שטילקייט איז אויסגעגאסן אויף די רואינען פון יידישן געטא און ווען דער פויער קומט אמאל אין שטאט אריין, האט ער נישט מער אין הארצן דאס געפיל פון איינגענע־מענער דערוואַרטונג פאר דער באגעגעניש זייער מיט דעם יידן, וועלכער וועט אים אוודאי אנטקעגן טראגן אלץ וואס זיין הארץ גלוסט — א שיין קלייד און א פארביקע פאטשיילע, שיך און זאקן „שטאטישע", פאר זיין פרוי, דערוואקסענער טאכטער, אויף בארג, אויף קרעדיט, וואס ער וועט באצאלן שפעטער, אין א צייט ארום, ווען ער וועט האבן און וועט וועלן באצאלן... ער לויפט דא אדורך, ווי ער וואלט זיך א דורכגעגנבעט, דורך די חורבות; פון אט דעם ארט קוקן צו אים ארויס די טויטע, די פארפייניקטע, די קלוגע זקנים און די ליכטיק שיינע קינדערלעך פון די יידן, פון די שקעלעטן־לעכער פון די חרוב געוואָרענע, פארברענטע הייזער, וואס זעען אויך אויס ווי פארפייניקטע וואס מאנען זייער עוולה, זייער פארשעמונג; זיי שטעלן אן אויף אים זייערע טויטע אויגן...

לאזט ער דער פויער דעם קאפ אראפ ווי עפּעס א פינסטערע אימה וואלט אויף אים אראפגענידערט, ער איילט אנטרינען צו ווערן פון אט דעם דאזיקן ארט, גיט א שארפן שמיץ מיט דער בייטש אויפן רוקן פון פערד, ווי ער וואלט וועלן זיך גרינגער מאכן, אראפ ווארפן פון זיך די לאסט, דאס שווערע געפיל וואס האט זיך ווי עס איז אריינגעגנבעט אין זיין הארץ, אונטער דער געדיכט באוואקסענער פויערישער ברוסט. און קערט זיך צוריק א היים א צעטראגענער און א בייזער און א צייט לאנג קאן ער צו זיך נישט קומען און קיין רואיק ארט פאר זיך נישט געפונען...

אין די אוונטן, אין שעה'ן פון רו און גארנישט־טאן קומען זיי זיך צונויף אויף א גלעזל בראנפן און הויבן אן א שמועס וועגן די יידן... אויף דעם אומגליק וואס עס איז אויסגעגאסן אזוי אומגעריכט, אויף די קעפ פון די „כיטרע" יידן, אויף דעם גרוילעכן יסורים־וועג וואס זיי זענען

געגאנגען, ביז זיי זענען ענדלעך „אויסגעלייזט״ געווארן דורך דעם טויט. זיי ווייסן אלץ, זיי זענען צווישן זיך, זיי האבן קיין שום סיבה נישט, זייער סוד צו פארדעקן. זיי ווערן נישט מיד, ווידער און ווידער צו דערציילן, יעדעס מאל מיט פרישע, גרויליקע פרטים ווי אזוי דאס אלץ איז פארגעקומען... זיי האבן געגוג אליין געזען, און אויך זייערס געטאן, בשעת דעם חורבן, פאר אים און נאך אים. אבער זיי דערציילן אסך וועגן זאכן, וואס זיי האבן מיט די אייגענע אויגן נישט געזען. זיי לאזן פריי זייער „גויאישע״ פאנטאזיע, דערציילן מיט פרטי־פרטים, וואס פארגליווערן דאס בלוט אין די אדערן. מיט אזא אכזריותדיקער תאוה, וואס רינט ווי א טריפהגע סלינע פון זייערע חזירישע ליפן...

און דו זיצסט צווישן זיי א פארטראגענער, די ווונדן צעגליען זיך אין דיין הארץ. דו הערסט, דו זעסט אלץ... אין צימער, וואס איז אנגעפילט מיט א געדיכטן רויך, פון די פויערישע לולקעס און ציגארעטן געוויקלטע אין צייטונגס־פאפיר, קנוילט זיך און שפרייט זיך אויס א שווערער בלוט־וואלקן, וואס שטיקט און דריקט אומדערבארעמדיק אויף דיין גאנצן ארעמען און צעבראכענעם וועזן, אויף וועמען ס'איז בגזר געווארן אויך דאס איבערצוטראגן און אויסצוהאלטן...

זיי קומען צו זיי, די פארפייניקטע יידן נישט איינמאל צו חלום ביינאכט; זיי רעדן צו זיי, זיי רופן זיי; זיי באאומרויקן זייער שווערן גוישן שלאף... און דעריבער, אפשר לויערן זיי און זוכן אפ די לעצטע רעשטלעך, וואס זענען פארשטעקט ערגעץ אין גריבער, אין דער טיפעניש פון וואלד; און אז עס באווייזט זיך ווער פון זיי, פון זיין קבר נארע, אין וואלד, — א מענטשלעכער שקעלעט, ווילד באוואקסן, שווער צו דערקענען אין אים א מענטשלעך געשטאלט, — איילן זיי, באזונדערס די יינגע געטרייע אנהענגער פון די אוקראינישע נאציאנאליסטן, מודיע צו זיין וועגן דעם דארט ווו מען דארף...

טראכים דער שוסטער, מיין בעל הבית, געהער צו דער האלב געהיימער סעקטע, „די וואס לערנען די הייליקע שריפט״. ער, ווי אלע אנדערע פון אט דער סעקטע, זענען געשטאנען פון דערווייטנס, זיך נישט באטייליקט, נישט גענאסן אפילו פון דעם אנטיידישן מארד און רויב. א גרימאס

פון שרעק און פאראכטונג פארציט זיך אויף זיין קרענקלעך געזיכט, ווי ער וואלט געבראכט אויף זיינע ליפן דעם נאמען פון שטן אליין, ווען ער דערמאנט דעם נאמען פון איינעם פון זיינע שכנים, וואס האט געמאכט לייצן פאר זיין פערד געשפאן פון רצועות פון יידישע „באהא־מילעס (תפילין).

אבער, אויך ער, טראכים האט נישט קיין ארט אין זיין הארץ פאר באזונדערן צער, פאר דעם פיין און אונטערגאנג פון די יידן. ער, טראכים, זעט אין אלעמען גאטס האנט. די רוט פון זיין צארן וואס איז אויסגעגאסן געווארן אויף די זינדיקע מענטשן, פאר זייערע גרויסע זינד, ווי עס שטייט געשריבן אין דער הייליקער שריפט... און אויך זיי, די וואס שלאגן און פייניקן, וועלן נישט אנטרינען פון גאטס צארן און זיין שווערער שטראף, אין טאג פון משפט. ער לייענט אין יעדער פרייער שעה די הייליקע שריפט; אבער, ס'רוב פארשטייט ער נישט פיל פון דעם וואס ער לייענט. ער האט א „ביבל" אין דער רוסישער שפראך, אן אלטן אמעריקאנישע אויסגאבע. און ער ווענדעט זיך נאך מיין הילף, צומאל, אויפצוקלערן און פארטייטשן אים דעם מיין פון די פסוקים, וואס ער באנעמט נישט ווי ס'געהער צו זיין. איך באמי זיך צו דערנענטערן צו זיין פארשטאנד, דעם פשט פון די פסוקים אין א פשוטער פאלקס־שפראך. אבער, סרוב, שטעלט אים מיין פשוטער פירוש נישט צופרידן. ער פארלאזט זיך נישט אויף מיר און גיט צו זיין אייגענעם פאנטאסטיש־מיסטישן פירוש צו די ווערטער. ער זוכט און געפינט אין די הייליקע פסוקים באשייד פאר דעם צארן און אומגליק וואס האט אראפגענידערט אויף דער וועלט. און אויך א טיר פון תשובה און דערלייזונג פאר זיין בלאנדזשענדיקער פויערישער נשמה...

טראכים איז א שוואכער און קרענקלעכר מענטש. ער לייד פון א שווערער אסטמא. אמאל באפאלט אים א הוסטן, מאטערט אים א לענגערע צייט, ביז זיין געזיכט ווערט קרענקלעך בלוי. ער פיבערט אין טויט אנגסטן, גלייך ווי זיין סוף וואלט געקומען. ווען דער הוסט לאזט אים אפ, ווישטער אפ דעם שווייס פון דעם רויטלעך־געל געווארענעם פנים, און הויבט אן שטיל און שווער ארויסצוברענגען פון זיין מויל, אייבצלנע אפגעריסענע ווערטער, ווי איינער, וואס קערט זיך אקארשט צוריק, א

געלייטערטער פון יסורים, פון א גרויסן נסיון, ער האט א שווערע און בייזע נבואה פאר דער וועלט און אירע מענטשן...

אט די וועלט, — אזוי האלט טראכים — איז נישט מער ווי א „פולאפ־קע" אכאפ־שטייגעל פארן מענטש גלייך ווי דאס וואס ער, טראכים, האט אוועקגעטעלט דארט, אינעם עק פון שוועל, כדי צו פאנגען די פיל מייז וואס זענען דארט פאראן.ביים ברעג פון כאפ־שטייגל ליגט א שטיקל פעטס און „ווינקט", פארפירט, פארנארט דאס קליינע גיריקע און נארישע חיהלע, עס ציט עס צום אומגליק... אויף יעדן טריט און שריט לויערט די סכנה. ווי א נעץ און פאל־גרוב פאר די פיס פון מענטש און נאר דער גרויסער חסד און דערבארמונג פון גאט איז בכוח אים צו באשיצן און אפהיטן...

אבער, אליין איז ער, טראכים, מיט זיינע יענעוועלטיקע מחשבות, צווישן זיינע פריינד אין דארף און אויסער אים, צווישן זיין פוערים־שבט און זיין פאלק אינעם לאנד ארום. זיי זענען אריינגעטאן מיט לייב און לעבן אין דער טומאה פון דער וועלט, אזוי ווי עס האט זי אויסגעמייסטערט און צוגעריכט היטלער און זיינע העלפער. דער הפקר־זאמען וואס איז פארזייט געווארן אויף דער דאזיקער ערד, סיסטעמאטיש און אומאויפ־הערלעך אין געדאנק און אין טאט, איז אויפגעגאנגען אין א גיפטיקן געבלי. עס האבן זיך אויפגעלעזט אלע רינגען פון מאראל, פון מענטש און געזעלשאפט. עס זענען פארשוועכט און צונישט געווארן אלע ווערטן וואס זענען אנגענומען און פארהייליקט געווארן אין פארלויף פון דורות, געמאכט געווארן צו שאנד און צו שפאט. די קאשמאר־וויזיע פון היטלערן, צו פארוואנדלען אט די ערד אין א „שווארצן קאנטינענט", אין אפרי־קאנישן שקלאפן — קאנטינענט, אינעם דינסט פון דריטן רייך, האלט ביים ווערן ווירקלעכקייט. אויך די, וואס ערשט נעכטן איז אראפגעפאלן דער כתר־מלכות פון זייער קאפ, די, וואס האבן געשווירן אויף די אידעאלן פון פרייהייט, פאר נאציאנאלער און סאציאלער גאולה, געפרעדיקט טרייהייט צו דער שטאלצער מיסיע פון פרייען מענטש, שליסן זיך גוט איין אין שווארצן פראנט, פאסן זיך געהעריק צו, נעמען אויף מיט הכנעה די בייע מאראל. די מאראל פון באצוואונגענע און געבענדיקטע שקלאפן.

עס האבן גוט געוווסט היטלער, זיינע שותפים און העלפער, אז בלויז די יידן א ליין וועלן קיינמאל נישט שלום מאכן, זיך נישט ארייננפאסן אין שקלאפן־רעזשים וואס היטלער האט פארטראכט איינצופירן אין די דורך אים באהערשטע לענדער. און דעריבער האט ער זיי אויסגעמארדעט. די אנדערע אבער, וועלן זיך אונטערגעבן, אנשליסן זיך, וועלן שלום מאכן, זיך איינשפאנען און טראגן דעם יאך פון שווארצער שקלאפעריי. און ער האט קיין טעות נישט געהאט. אט די איינגעווייליקע קעגנזיי־טיקע שחיטה, וואס עס האבן גאנץ זעלבשטענדיק פאר זיך צוגעריכטעט די פאליאקן און אוק־ראינער, האט וועגן דעם עדות געזאגט אין א קלארער און איבערצייגנדער שפראך.

געוויס, מיט דער צייט זענען אנדעקט געווארן, געשאפן און דער־ציילט געווארן לעגענדעס וועגן ווידערשטאנד און אונטערערד באוועגונ־גען, וואס האבן כלומערשט „וואונדער באוויזן", דא, אויף דעם ריזיקן שטח אין מזרח אייראפע, ווו עס האבן געפירט זייער בלוטיקע ממשלה די סאט־ראפן פון „דריטן רייך"; אבער, מען האט גארנישט געהערט וועגן זיי, נישט געשפירט זייער עקזיסטענץ אין אט די שרעקלעכע יארן. וועגן דעם וועט נאך ווייטער דערציילט ווערן.

.9

## ביי דער פאמיליע סאלעצקי

אין שכנות מיט טראכים דעם שוסטער האט געוווינט די „מאזוריש״־פוילישע פאמיליע פון הענריק און יאדוויגא סאלעצקי. זיי האבן אימיגרירט אהער פון מערב־גאליציע און זיך באזעצט דא, אין קראסנא, ווו זיי וווינען שוין א 16 יאר. צווישן זיך און אויך מיט די קינדער, רעדן זיי פויליש. אבער, אויסער זייער הויז, רעדן זיי פארשטייטזיך, אוקראיניש. זיי האלטן אן ענגערע פריינטשאפטס־באציונגען מיט זייערע אוקראאינישע שכנים, נאענטע און ווייטערע, אין דארף און אין דער נאנטער סביבה.

הענריק סאלעצקי קען נישט שרייבן און נישט לייענען, הגם ער איז געקומען פונעם אויפגעקלערטן און פארגעשריטענעם מערב, אבער ער איז א קלוגער פויער, פלייסיק געוויסנהאפט אין דער ארבעט, האט ליב און קען זיין ארבעט ווי זעלטן איינער זיין גלייכן. די פויערן זעען אין אים א מוסטער פון א גוטן לאנווירט. ער טוט זיין ארבעט תמיד אין דער געהעריקער צייט, און אלץ „קלאפט״ ביי אים געהעריג אין זיין פארמעגלעכער און היפשער ווירטשאפט. ער האט אסאך פראקטיק אין דעם לאנד־ווירטשאפטלעכן פאך און די „הצלחה שפילט״ אים תמיד כמעט צו און אלץ קומט, ס׳רוב, ביי אים גוט ארויס״... זיינע שכנים, ווען עס קומט אן זייער שווער אויסצוהאלטן א וועט מיט אים און נאכצוהאלטן שריט מיט זיין ארבעטס־טעמפא, זענען אים מקנא און וואלטן גערן א בעלן געווען צו זען זיינעם א דורכפאל עס זאל זיך טרעפן אמאל אז די זאכן זאלן זיך ביי אים א קער טאן „מיט דער פוטער אראפ״, אבער די פלייסיקע, גע־

שיקטערע און מער פעיקערע שכנים זיינע, סטארן זיך דווקא פון אים צו לערנען, זוכן צו דערנענטערן זיך צו אים ציילן זיך מיט אים צו דער בעסערע שיכט לאנדווירטן אין דארף.

הענריקס פרוי, יאדוויגא, קען לעזן און שרייבן און איז זייער שטאלץ אויף דעם, זי איז זייער א פרומע און פון דער נאטור אויס א גוט הערציקע, זי הארעוועט ווי א בין פון פרימארגן ביז אוונט, הגם זי איז א שוואכע און קרענלעכע, זי איז א ביסל חושד איר מאן, אז ער איז איר נישט טריי.

מיט א געוויסער צייט צוריק איז געשטארבן איר עלצטער זון און זי גלויבט און רעדט דערפון ביי יעדער געלעגנהייט, אזדאס אומגליק איז געקומען אויף איר צוליב די זינד פון איר מאן...

הענריק פירט זיך דווקא אויף ארנטלעך און אנשטענדיק אין שטוב, ווייזט קיינמאל נישט ארויס קיין גראבקייט לגבי זיין ווייב, הגם ער האט זי נישט, זעט אויס, זייער ליב — איז ער אבער א פרומער קאטאליק, א גאטספארכטיקער און ער בויגט אראפ מיט הכנעה דעם קאפ ווען זי מוסרט אים, אמאל, אויס און גיסט אויס איר ביטער הארץ.

יאדוויגא איז א פלייסיקע בעל הבית׳טע, איר הערשאפט־געביט איז די שטוב און אלץ וואס איז ארום די שטוב, אין הויף און אין גרינוואַרג־גארטן, פונקט ווי איר מאן, הענריק, איז דער בעל הבית און די העכסטער אינסטאנץ אויף דער ווירטשאפט מחוץ דעם הויז און גארטן, אין פעלד, שייער א. א. וו.

הענריק איז א מענטש בעל שכל און ווי עס טרעפט, נישט איינמאל, צווישן פויערן, באזיצט ער א מין אויפגעוועקטן, פאליטישן חוש און אפילו אן איבערראשנדיקע אריענטירונגס־פעיקייט. ער גלויבט נישט אין דער פריינטשאפט פון זיינע אוקראינישע שכנים. הגם ער זיצט מיט זיי ביז שפעט אין דער נאכט ביי א גלעזל בראנפן, טרינקענדיק איבער דער מאס, אזוי עס איז אים א ביסל שווער צו שטיין אויף די פיס. אופשטייענדיק ענדלעך פון טיש פון זיינע מיט־טרינקערס — גייט ער זיך נישט לייגן אין בעט שלאפן; ער שטייט אויף דער וואך א גאנצע נאכט, באהלטן ערגעץ אין דער נאענט פון זיין הויז. ער האט צוגעריכט א גוט־פארמאס־קירט באהעלטעניש, א הין גייט ער אריין, אין דער שטאק־פינצטערער

נאכט כאפן א דרימל, אבער זיין אויער איז געשפאנט צו הערן און אויפכאפן יעדן שארך אדער פארדעכטיקע באוועגונג ארום און אין דער נאנט פון זיין הויז.

צי איז עס צוליב דער באנאכטיקער קעלט אין שפעטן הארבסט, אדער דערפאר וואס העניק איז פון דאר נאטור א מענטש „וואס האט א ניכטערן קאפ אויף די פלייצעס" — דער בראנפן האט שוין ווי אויסגעוועפט פון זיין קאפ און ער שטייט אן אויפגעפרישטער און ניכטערער. ערקוקט אויס, ערווארט איך זאל ארויסקומען צו אים און כאפן א שמועס.

ער האט היינט אינדערפרי פארזארגט פאר מיר אן אוקראאינישע צייטונג איך זאל לייענען און אים דערציילן, ווי ווייט מעגלעך, שוין, אויפן פלאץ. וואס איז דארט, איך זאל אים „אפמאלן" ווי זעען אויך די געשעענישן דארט אויפן פראנט, „ביי די גרויסע וואסערן"... איך שטאם דאך פון דארט, פון יענע מקומות, ווי זענען די אויסזיכטן, ווי לאנג קאן עס נאך דויערן? ווען מיין איך, קאנען א שטייגער „די מייניקע" קומען א הער? ער גיט זיך אפ א חשבון וועגן דער גרויס פון דער סכנה וואס דערנענטערט זיך און ער איז שווער באזארגט.

— דארט, אויפן האריזאנט־זעסטו? — די הימלען זענען רויט. דארט איז א פויליש דארף, אנאטשאוו הייסט עם, א שיין און פארמעגלעך דארף, די „באנדעס" האבן עס אונטערגעצונדן, געלאזט אין פייער...

ער, העניק, איז אמת גוט איינגעלעבט און אפילו באפריינדעט מיט זיינע אוקראאינישע שכנים, אבער ער גלויבט זיי נישט, האט צו זיי קיין צוטרוי נישט.

בייטאג קאן ער נאך, דערווייל בלייבן נעבן דער שטוב, ארבעטן אין פעלד, טאן עפעס דא און דארט; אבער ביינאכט דארף ער פארשווינדן ווערן ווייל א טויט־סכנה לויערט אויף אים דא. ער מיינט, אז איך וואלט באדארפט אריבער צו אים אין הויז; ביי טראכימען, וואס איז א קראנקער מענטש, א נוטה למות, איז נישט קיין פלאץ פאר מיר, ער איז ארעם, די ווירטשאפט איז פארנאכלעסיקט, און ער האט אליין נישט וואס צו עסן... ער, העניק, האט גרויס צוטרוי צו מיר. איך וועל זיין א שומר פאר זיין

הויז, איך וועל צוהעלפן דער פרוי אין דער ווירטשאפט, וועל אויפפאסן אויף די קינדער.

די פויערים אין דער געגנט ווייסן וועגן מיר און קענען מיך „ווי אן אייגענעם", אן אוקראינער פון קיעווער געגנט, איך וועל דינען פאר א שוץ, אן אפוטרופוס פאר דער פרוי און קינדער. זי, די פרוי, האט ליב צו שמועסן מיט מיר, הערן מיין עצה. זיין יאדוויגא, זאגט ער, האלט פון מיר שטארק; זי איז א גוט־הארציקע און ארנטלעכע פרוי, און ביי אים אין הויז וועט נישט זיין שטארק שווער פאר מיר; אין די שפעטע הארבסט טעג ווערט די ארבעט וואס אמאל ווייניקער, מ׳קאן נאך א שטיקל צייט ארויספירן די בהמות אויף דער פאשע, דא נישט ווייט פון דער שטוב.

אין דער אמתן האב איך שוין לאנג דערוואַרטעט, אפילו זיך אביסל צוגעגרייט צו אט דעם פארשלאג מצד הענריקן, סיי ווי בין איך געווען, לעצטנס, אן אפטער אייב גייער אין הענריקס הויז, בין געווארן כמעט א בן־בית ביי אים. די קינדער יוזעף 10 יאר אלט און יוזעפא 9 יאר — רופן מיך „וויקא" (פעטער).

כ׳בין אריבער אין הויז פון דער פאמיליע סאלעצקי. דאס הויז פון הענריק סאלעצקי, איז נאר פארהעלטנישמעסיק ניי, צוויי גרוימעקע צי־מערן זענען פאראן אין הויז. איינס ווערט באנוצט אלס עיקרדיק ווינארט. א באק — אויוון און א ברייטע קיך צום קאכן שטייען אין א ווינקל פון צימער און נעבען זיי א ברייט דארפיש בעט אין צווייטן עק פון צימער, ביים פענצטער וואס גייט ארויס אין הויף אריין צו דער זייט פון שטאל שטייט א טיש, אויף ביידע זייטן פון טיש שטייען צוויי לאנגע בענק. דאס צווייטע צימער נוצט מען נאר זומער־צייט; ווינטער הייצט מען דארט נישט, פארשידענע מעבל־שטיק און כלים זענען פאראן אין דעם צימער און אויך א גרויסער שפיגל הענגט אויף דער וואנט.

דאס עיקרדיקע מעבל שטיק איז די „סקריניא" — א מין ריזיקער קאסטן אנגעפילט מיט בגדים, שיך וועש, פאטשיילעס און טיכער גרויסע און קליינע, שווערע און לייכטע אלערליי שטאפן, לייוונטן און פארשידענע אנדערע חפצים. דער קאסטן נעמט אריין אין זיך אומגעהויער פיל זאכן, אז מען ליידיקט אים אמאל אויס, בלויז טיילווייז, ווערט דאס גאנצע צימער

פול מיט פארשידענע מטלטלים, אזוי אז עס איז נישט לייכט דאס צימער א דורכצוגיין.

אין דעם גרויסן, רחבותדיקן הויף שטייט די שטאל אין דרום זייט און נעבן דער שטאל, לעבט אין זיין נארע דער הונט בריס. בייטאג איז ער צוגעבונדן צו א קייט און ביינאכט איז ער „פריי". אין צפון זייט פון דער שטאל געפינען זיך די „סטאדאלע" (שייער), דער מאגאזין און די ווירט־שאפטלעכע נעבן געביידעס. אויך א ברונעם איז דא אויפן הויף, וואס נישט תמיד איז דא אין אים וואסער. דאס הויז און דער הויף הענריקס שטייען אויף א בערגל, און דעריבער איז נישטא קיין סאך וואסער אין זיין ברונעם און ער מוז דעריבער פון צייט צו צייט ברענגען וואסער פון דעם „הראמאדסקי" (קהלישן) ברונעם, אין טאל.

דער הונט „בריס" האט א געקרייזלטן קאפ, ער ליגט אויסגעצויגן אויף אלע פיר פארטראכט און פארטאן אין זיך, ער איז רואיק, אבער א גרוילי־קער צארן גליט אין אים. די אוגן זענען האלב פארמאכט, נאר א קליינער שפאלט בליצט ארויס פון זיי, און זיינע נאז־לעכער זענען ווי געשפאנט און לוישן וואכזאם ארום, פארקרימען זיך פון צייט צו צייט גיפטיק־בייז, ווען זיי דערשפירן עפעס פרעמדס אין דער נאענט. ער שטייט געטריי אויף דער וואך, ער דערשפירט די סכנה פון דערווייטנס און ווארפט אן א שרעק אויף די הינט פון די שכנישע פויערים און אויך זיי, די פוערים־שכנים, קוקן זיך פארזיכטיק ארום, ווען זיי געפונען זיך נאענט צו אים.

איך האב קיינמאל נישט אנגעהאלטן קיין פריינדשאפט מיט הינט. ווי יעדער יידיש קינד מיינסגלייכן האב איך זיך נישט געפילט רואיק און זיכער אין דער נאענט פון א הונט, אויף ווען איך האב געקומט ווי אויף א חיה רעה, וואס איז אויסן בלויז שלעכטס טאן און מיין „באציונג" צו א הונט האט זיך אויסגעדרוקט אין דעם, וואס איך פלעג ווארפן אויף אים א שטיין, מסתמא, כדי צו פארטרייבן דעם פחד מיינעם פאר אים, הגם ער האט אוודאי נישט געהאט די מינדסטע כוונה מיר עפעס שלעכטס צו טאן.

און אט דער בריס, האט זיך דווקא ארויסגעוויזן אלס א זייער נאענטער און געטרייער פריינט מיינער. כ'האב מיך נישט ספעציעל באמיט צו געווינען פאר זיך אט די פריינדשאפט, אפילו נישט באמערקט אין נישט

נאכגעפאלגט דעם גאנג און אנטוויקלונג פון אט דער פריינטשאפט; אבער עס איז געווען אן עכטע און צו מיין הארצן א נאנטע פריינדשאפט אנ־גלייכן, ווען איך האב מיך דערנענטערט צו אים אין שעה׳ן פון עלנט און דערשלאגנקייט, האב איך געטראכט אז עס איז נישטא קיין איין באשע־פעניש צווישן די לעבנדיקע וואס באנעמט און ווייטיקט דעם צער פון דער וועלט ווי ער...

טיילמאל האב איך געטראכט דעריבער, אז אט דער דאזיקער בריס האט עפעס זער בשותפותדיקס מיט מיר, אדער איז מיינער א „ליידנס־ברודער" אין שווערן גורל: — ווייל אויך ער, בריס, לעבט דאך א „דאפלט, לעבן" — ער בילט, רעגט זיך אויף, ווארפט זיך, „שפריגגט פון דער הויט", כדי ווייזן זיך שלעכט, בייז און געפערלעך פאר פרעמדע און לייגט זיך הכנעה׳דיק, מאכט פארשידענע ליבשאפט און טרייהייט קא־זשאלקעס, אזעלכע „חן" גרימאסן, כדי צו געווינען די גינציקייט פון זיין בעל־הבית זיין ברויט געבער; אבער אינעווייניק, אין זיין הארצן — האט ער זיין אייגענעם, הינטישן צער...

פונקט ווי ער לעב איך אויך דאס לעבן פון די וואס זענען ארום מיר, איך זארג זייער זארג, בין פארהארעוועט, פארטאן, באשעפטיקט, פארשפיל און מאך פריילעך די קינדער, מאך א גוטע מינע, נעם אויף פריינטלעך א געוואונטשענעם פרייגד און ווארף א וואכזאם אויג אויף דעם וואס דערוועקט א חשד; מאך — מיט פרייד און זארג מיט אלע ארום מיר, שטיי אויף מיין פאסטן געטריי פון פרימארגן ביז אוונט, ערשט אין די שפעטע אוונט שעה׳ן גיי איך אריין אין מיין צימער, אינעם „קאלטן־חדר" — ווייל „ביי אונדז אין רוסלאנד", שלאפט מען גערן אין א קאלטן צימער. די קאלטע לופט איז זייער גוט — פאר א געשמאקן שלאף... — און לייג זיך אויף מיין געלעגער איינוויקלנדיק זיך אין שטיקער רעשטלעך אלטע פעלצן, קאצן און בגדים־טראנטעס וואס זענען שוין ארויס פון געברויך, כדי צו פראדוצירן ארום מיר א ביסל ווארעמקייט, אין דער שארפער ביינאכטיקער קעלט אין צימער. און דעמאלט, ווען איך בין געווען מיט מיר אליין, איז אראפגעפאלן די טעגלעכע קייט פון מיין האלדז, כ׳בין פריי געווען, אליין מיט מיין צער... מיט זיי בין איך דאן געווען; מיט מיין

אלטער מאמען, מיט מיין פרוי און מיין זון, מיט מיינע ברידער או שוועס־טער וואס האבן מיט אייגענע הענט פאר זיך געגראבן א קבר, אין שרעק פאר די אנגעשטעלטע ביקסן פון מערדער, צוזאמען מיט אלע אנדערע יידן אין מיין געבורט־שטעטל... איך אבער, בין „אנטרינען" געווארן און איך ליג דא אונטער דעם הויפן שמוציקע שמאטעס און „ווארט אויף דער גאולה"...

און אט דערהערט זיך א יאמערנדיקער געביל פון „בריסן". אויך ער טוט אויסלאדן זיין צער אין זיין הינטישן געוויין אין שטאק־פינצטעריש פון דער נאכט... דאכט זיך אזוי קען מען נישט אויסוויינען צער און עלנט אין קיין שום מענטשלעכן לשון...

דער כאר פון די הענער שאלט אויס זיין שרייענדיק געזאנג דעם אויפגיינדיקן מארגנשטערן אנטקעגן. איך כאפ מיך אויף, שאר אראפ פון זיך די שווערע „וויקעלאך" און שטעל זיך אויף די פיס. איך דארף אנג־רייטן א היפשן הויפן האלץ פאר דער קיך, פארן ארויסגיין מיט די קי אויף דער פאשע.

כ'גיי ארויס אויפן הויף, בריס דערקאנט מיך באלד אין די טריט, ער נעמט מיך אויף מיט א שטילן און גינציקן „גוט־מארגן"־געביל. אין א ווילע ארום, שטייט אויך אויף פון שלאף די בעל הבית'טע יאדוויגא, זי איילט צו טאן איר פליכט, מיך צו פארזען מיט פרישטיק־עסן פאר מיין ארויסגיין מיט די בהמות אויף דער פאשע. וואס פריער איך וועל ארוסגיין איז אלץ בעסער, ווייל די פאשע איז באזונדערס געשמאק פאר די בהמות אין דער פייכטקייט פון פרימארגן־טוי.

צוויי קי זענען נאך הענריקן פארבליבן אין זיין ווירטשאפט. איינע איז א גרויסע ראסיקע קו, איר פעל האט שווארצע פלעקן, מ'רופט זי „קראסא", די צווייטע האט א טונקל־ווייסלעכע פעל, מ'רופט זי „בילא". די קי קענען מיך ווי זייער „ווילטעטער" און דערקאנען מיך אין מיינע טריט, אויך אין דער פינצטער. זיי שטערן מיר נישט, געוויינלעך, ווען איך בויג מיך איין צו „פענטען" זייערע פאדערשטע פיס מיט א קורצן שטריק כדי אוממעגלעך צו מאכן פאר זיי דאס נישט דערלויבטע ארומלאדערן, אדער א נישט געוואונטשן דערווייטערן זיך פון פאשע־פעלד. זיי „פארש־

טייען״ מיך אויפן ווונק, דערקענען גוט מיין קול און פאלגן ס׳רוב, הגם נישט תמיד, מיין באפעל נישט צו פאשן זיך דארט ווו מען טאר נישט, איך דארף האלטן וואכזאם אויג אויף זיי, ווייל עס איז זיי שווער אויס־צוהאלטן דעם נסיון און נישט צו גיין צו די תבואה־סטויגן, וואס שטייען נאך דא און דארט אין פעלד. אדער צו דעם קוקורודזע־פעלד וואס ווינקט צו זיי פון־דערווייטנס. זיי ווייסן, אז זיי וועלן באקומען זייער פארדינטע שטראף פאר יעדער פארבאטענעם שריט זייערן, און פונדעסטוועגן פרווון זיי און ריזיקערן יעדנסמאל אויפסניי.

זיי זענען, דאכט זיך, אריינגעטאן „מיט לייב און לעבן״ אין דער אכילה, מיטן פליקן דאס טויאיקע און פרישע גראז, וואס זיי שלינגען מיט איילעניש אראפ, אבער זיי ווארפן אן אויג אויך ווו „מ׳טאר נישט״, דער־נענטערן זיך, כלומרשט, נישט ווילנדיק אהין...

נאכן שטילן דעם ערשטן הונגער, דערוועקט זיך ביי זיי דער חשק צו אן אוואנטורע נאך שטארקער און דעמאלט דערהערט זיך מיין שטימע, שטארק און תקופדיק הילכט זי אפ אין דער פרימארגן־לופט; קודא? — (וואוין?) דער עכא הערט זיך ווייט און די בעל הבית׳טעס פון דארף ווייסן שוין אז דער „מאסקאל״, העגריקס, האט שוין ארויסגעפירט זיינע בהמות אויף דער פאשע, זיי וועקן אויף די קינדער, זאגן זיי מוסר, הלמאי דער „מאסקאל״ שרייט שוין „קודא״ אלענגערע ווייל און „איר כאליעט נאך אויף די געלעגערס״...

די קינדער־פאסטיכער טשוכן זיך אויס, מיט גרויס אומווילן, פון שלאף, און שפארן נישט קיין קללות און זידל־ווערטער אויפן חשבון פון „פאר־שאלטענעם מאסקאל וואס האט, זעט אויס, נישט קיין שלאף אין די אויגן, צו אלדי רוחות...״

אבער אין א ווײַלע ארום זעט מען זיי זיך דערנענטערן, איינגעהילט און איינגעוויקעלט אין לאנגע, ברייטע, בגדים נישט אויף זייער מאס. די פויערטעס־מוטערס האבן זיי אנגעטון די בגדים פון די דערוואקסנע, כדי צו באשיצן זייערע קליינע גופי׳לעך קעגן דער שארפער פרימארגן־קעלט. ביסלעכווייז וועקן זיך די קינדער פון דער פארגליווערטקייט, זייערער קליינע פניסלעך, הויבן אן ארויסקריכן און זיך באפרייען פון דער געדיכ־

טעניש פון די שווערע בגדים און די, אין די לאנגע ארבל געפאנגענע, הענט, הויבן אן רירעוודיק צו ווערן; זיי מאכן די ערשטע פרווון א לויף צו טאן אין פעלד. זייערע פיס ווערן נישט איינמאל געשטרויכעלט פלאנ־טערנדיק זין אין דער פאלע פון לאנגן בגד וואס זיי שלעפן מיט זיך.

די קינדער קלויבן שנעל צונויף דינע צווייגן און טרוקן שטרוי, כדי צו צעלייגן א פייער אין פעלד.

ארום דעם שייטערהויפן וואס צעפלאקערט זיך מיט א מין שטיפערישער פריילעכקייט, באהערשט די קינדער אויך א לעבדיקע און פריילעכע שטימונג און אלע דערנענטערן זיך, שטופן זיך צום „דיאדקא" (פעטער) יעדער וויל ווייזן אדער דערציילן עפעס אינטערסאנטעס.

די זון באפרייט זיך ביסלעכווייז פון דעם פרימארגן־נעפל און הויבט אן שיקן ווארימע און גלעטנדיקע שטראלן; די קינדער באפרייען זיך אויך פון דער לאסט פון די שווערע בגדים אויף זיי, שפרינגען לייכט און עלאס־טיש אין ברייטן פעלד ארום. די מיידעלעך הויבן אן די ערשטע דאס געזאנג, עס העלפן זיי דאן מיט די יונגלעך, זיי גיבן צו כוח און אויסדרוק דעם געזאנג, וואס קלינגט אפּ אין א הילכיקן עכא אין דער ווייט, און זאגט אן דעם דארף די בשורה פון נײַ געקומענעם טאג.

דעמאלט ארדנען די קליינע פאסטוכלעך איין „דיזשורן"; איין גרופע איז באשטימט אכטונג צו געבן אויף די בהמות וואס פאשן זיך און די איבריקע רוען אדער ארדנען איין עפעס א שפּיל און דעמאלט מעג איך מיר דערלויבן אוועקצוגיין אין א זייט, זיך א ביסל אויסרוען, אדער כאפּן א לייכטן דרימל. אמת עס דראט מיר א פלוצומדיקער אליארם אמאל ערנסט און דערשראקן און אמאל א פאלשער אליארם וואס איז „פלאנירט" בכוונה דורך די קונדסים פון דער חברה, כדי מיר א שפּיצל אפּצוטאן, מיך, א באומרואיקטער, אויפרייסן פון מיין געלעגער — אז עפעס האט פאסירט מיט מיין „קראסא" אדער „בילא".

אבער, געוויינלעך, איז עס „מיין שעה", איך ליג פארטאן אין די אייגענע מחשבות, מיטן פנים צו די אומענדלעך ברייטע הימלען, וואס זייער זון מאכט נאך א לעצטן אנשטרענג צו שענקן א ביסל ווארעמקייט דער וועלט, אין אט די שפעטע הארבסטעג.

.10

## צווישן זלאטשאוו און פרעמישליאן

אט דארט נישט ווייט, דרום׳דיק פון מיין געלעגער, ליגט דאס שטעטל פרעמישליאן און קעגנאיבער אויף צפונזייט די שטאט זלאטשאוו און דארט אין מזרח־זייט געפינט די קרייז־הויפטשטאט טארנאפאל. דארט, אין טארנאפאל, האט אמאל געלעבט און געווירקט א זייער חשובער ייד, א נדבן, א ווילטעטער און אויך א טאלאנטפולער און גייסטרייכער מאן, געהייסן האט ער ר׳ יוסף פערל. א שר און נאבלמאן געווען, א פרנס ביי יידן, געפירט א קאמפף קעגן די פאנאטיקער די „ליכט ווידערשפעניקע״, פארשפרייט זיין שוץ איבער אויפגעקלערטע און געלערנטע ביי יידן; ביז בראד, לעמברג און זשאלקיעוו האט זיין השפעה און הערשאפט דערגרייכט.

אסך חשובע און באגאבטע האבן זיך געזאמלט אונטער זיין פאן און צווישן זיי איינע א גרויסע געשטאלט, דער „גאליצישער רמב״ם״, ר׳ נחמן קראכמאל פון זשאלקיעוו. דאס בילד פון ר׳ יוסף פערל האב איך נישט איינמאל געזען אין דער שול וואס האט געטראגן זיין נאמען וואס איז געשטאנען אויף דער פערל־גאס, אין צנטער פון טארנאפאל. ער האט אויסגעזען, דערמאנט מיט זיין הדרת פנים און געשטאלט די אמאליקע יידישע שרים, זיינע פארגענגער אינעם אמאליקן שפאניע: ר׳ חסדאי אבן שפרוט, רבי שמואל הנגיד, און רבי יצחק אברבאנאל. יענע האבן, אמת, רעגירט אין קעניגלעכע הויפן, איבער אלגעמיינע ענינים אין לאנד, אבער זיי זענען אוודאי געווען ווי זייער פארגענגער אין מגילת אסתר וואס אויף

אים איז געזאגט געווארן: „גרויס ביי יידן, באליבט ביי זיינע ברידער, און א דורש טוב פאר זיין פאלק”. זיי האבן אויך אין גלות און אין דער פרעמד מקיים געווען דעם פסוק: „עס וועט נישט אויפהערן א הערשער־סצעפטער פון יהודה און א געזעצגעבער פון זיין שטאם, זיי האבן איינגעהאלטן די שיינע טראדיציע פון תורה וגדולה במקום אחד — האבן בכבוד געהאלטן געלערנטע חכמים, אויך אליין לידער געשריבן און פארפאסט געלערנטע חבורים פאר דעם רום און כבוד פון דער תורה.

אויך ער רבי יוסף האט זיך פאר קעניגן און פירשטן איינגעשטעלט פאר זיין פאלק, האט רעגירט מיט נדיבות זיין געמיינדע, האט באזיצט א שארפע און געלויפיקע פעדער, איז געווען אן „אפיקורס” און אן אוהב תורה אן גלייכן. זיין פארמעגן האט ער איבערגעלאזט בירושה אין דער גרויסער רייכער ביבליאטעק אין וועלכע עס האבן זיך געפונען אסאך כתב־יד׳ן זעלטענע און טייערע און אויך א שול פאר יידישע קינדער אין טארנאפאל. און אט איז אפגעמעקט געווארן יעדער זכר פון דעם ווערק פון ר׳ יוסף פערל, פונקט ווי עס איז פארשניטן געווארן דאס פאלק פאר וועמען ער האט געקעמפט און געווירקט אויף דער דאזיקער ערד.

יא, אט די ערד, דאס וואונדער־שיינע און גאט־געבענשטע פלאכלאנד, איידער עס האט געזען דעם אונטערגאנג און אומקום פון די יידן, איידער עס האט זיך אנגעטרונקע און פארשלונגען טייכן אומשולדיק יידיש בלוט, האט אויך געזען, אין משך פון הונדערטער יארן א גרויס רייך און שטורמיש יידיש לעבן. דא איז געבוירן דאס חסידות, דא אין דער געגנט האט דערזען דאס ליכט פון דער וועלט רבי ישראל בעל־שם טוב — ער און זיין איידעם רבי גרשון זענען געבוירן געווארן אין קוטי, א קליין יידיש שטעטעלע אין גאליציע. פונדאנען איז אויפגעגאנגען אט די וואונדערלעכע באוועגונג און ביז גרויס־פוילן און ווייס־רוסלאנד, אין צפון האבן אירע שליחים דערגרייכט.

נאר דארט אין ווייס־רוסלאנד, האט זי אנגעשלאגן אין ברייטע ליט־וואקישע שטערנס, אין שארפע מוחות, אין דעם קאלטן מארמאר פון חכמה, בינה ודעת (חכמה, פארשטאנד און וויסן — חב״ד) און איז געווארן א טיפע און שטרענגע תורה, לויטער הארבקייט און שטראף־רייד; אין פוילן,

ווידער, איינעם לאנד פון דער גאטהדיקער „שליאכטע״ (אדעל) האט זי געפרוווט דערלאנגען צו די הימלען, זוכן פארשטיין דאס אומפארשטענדלעכע, צו דערגרייכן דאס אומדערגרייכבארע, געזוכט צו דערגיין דעם סוד און דאס רעטעניש פון דער וועלט און זיך פארפלאנטערט אן אויסגאנג (קאצק). דא אבער, אויף דעם פלאכלאנד פון פאדאליע, האט זי בלויז געקענט און געוווסט צוזאגן א קאפיטל תהילים מיט ברען און תמימותדיקער אמונה, האט געקענט זינגען א חסידישן ניגון, דורכגליט מיט בענקשאפט, ליבע, חסד און רחמים, וואס מאכט אויפציטערן און דערהויבט די הערצער... דעריבער איז חסידות געווען דא, די וועלט פון פשוטן פאלקס־מענטשן; יידן פון יעדן־טאג, באשיידן, ווארצלדיק און ערדיש. פרוכטבאר און שפרודלדיק מיט לעבנס פרייד, ווי אט די גאט־געבענטשטע ערד, וואס איז געלעגן אונטער זייערע פיס.

אזוי איז געווען דאס חסידות דא, און אזעלכע זענען געווען אירע רביים און צדיקים, ווי דער שפאלער זיידע, וואס פלעגט אנבינדן „נוטריקן״ (אנפאנגס אותיות פון די ווערטער) אין דער אוקראינישער שפראך, צו העברעאישע ווערטער; ר׳ מאירל פרעמישליאנער וואס פלעגט ליב האבן צו „שמייסן״ זיינע חסידים מיט פאלקסטימלעכע משלים און גלייכווערט־לעך; און אזעלכער איז געווען ער, דאס פלאם פייער פון אהבת ישראל, רבי לוי יצחק דערבארימדיקער, פון בארדיטשעוו, וואס האט זיך אויס־געטענהט מיטן רבונו של עולם אויף פראסט יידיש גערופן אים צו א דין תורה אין סאמע יום־כיפור...

דא, אויף דער ערד, וואס איז געווען די עיקרדיקע „קארן־קאמער״ אין דעם וועלט־טייל, האבן זיך יידן באזעצט נאך אין זייער אלטע צייטן. דער פארצייטיקער רוסישער היסטאריקער, נעסטאר, דערמאנט דעם „יידן־טויער״ אין קיעוו, נאך אין ניינטן יארהונדערט.

און דער קדוש ד״ר יצחק שיפער, וואס איז אומגעקומען אין פיין און אין הונגער אין דעם טויטן־לאגער מיידאנעק, ביי לובלין, האט זיינער צייט ארויסגעזאגט די השערה, אז די דניעפר — „פאראהעס״ (וואסער פאלן) זענען אייגנטלעך דער לעגענדארער סמבטיון, און דער נאמען גאליציע (האליטש) שטאמט פון העברעאישן ווארט „חלוץ״.

דא האבן די יידן געהארעוועט ווי די מילבן, זיך געמערט, געוואקסן און זיך פארשפרייט חרוב געווארן, אומגעקומען און ווידעראמאל אויפגעקומען. יעדעס מאל פונדאסניי אנגעהויבן די סעריע פון אויפקום און אומקום. חורבן און ווידעראופבוי.

דאס איז די ערד פון יידישן מאסן־קדוש השם אין ת״ח — או ת״ט (1647/48), וואס האט נישט כמעט זיין גלייכן, אין דער גרויס פון קרבן פון צענדליקער טויזנטער פשוטע פאלקס־מענטשן, אויפן מזבח פון דער אמונה פון זייערע אבות, אפילו אין דער פיין־און־מארטירער געשיכטע פון אלטן עקדה־פאלק... וועגן דעם דערציילט בלויז אין איינאונאיינציקער ייד, אן אנטרונענער פון דער שחיטה וואס האט עס געזען און פארצייכנט אין א קליין ספרל, וואס הייסט „יון המצולה״.

יא, דא איז געווען דער אייגנטלעכער „ברען־פונקט״ פון דער גאנצער „פאגראם־יבשה״, אין מזרח אייראפע, אין די לעצטע הונדערט יאר. די חורבן געשפענסטער האבן צוערשט דא אנגעהויבן זייער טויט־מארש, פונדאנען געווארפן זייער בלוטיקן שאטן אויף די ווייטערדיקע טיילן פון אט דער יבשה. אויף דער שוועל און סאמע מיט פון חורבן, האט אמת, א פערמענט, אן אומהיימלעכער אומרו ווי דורכגעפיבערט דאס פאלק, צענדליקער טויזנטער זענען אנטלאפן און געזוכט שוץ מעבר לים. אבער מיליאנען זענען געבליבן, געלעבט ווייטער זייערע נסיונות־רייך לעבן, זיך אונטער פארשידענע פאנען געזאמלט. געקעמפט, געגלויבט, געטרוימט. גערופן צו פרייהייט און אויפלעבונג. געווען באגייסטערטע טרוימער און טיכטיקע, באגאבטע אויפטוער. גרויסע און פרעכטיקע ווערק אויפגעשטעלט. אילוזארישע וועלטן אויפגעבויט, גרויסע הויכקייטן אין געדאנק און טאט דערגרייכט, אויפן שוועל און אין סאמע מיטן פון חורבן...

צוויי זענען די גרויסע עדות פון אט דער עפאפיי, וואס האבן איר דעם לעצטן חסד געטאן פאר דער אייביקייט: שלום עליכם און ביאליק. ביידע זענען געבוירן און אויפגעוואקסן אויף דער דאזיקער ערד. איינער האט זיי געגעבן, מיט גרויסער ליבע און גרויס רחמנות, אט אזוי ווי זיי זענען: לאכנדיקע־וויינענדיקע, פריילעך — טרויעריק, זעלבסט זיכער און

שטרויכלענדיקע, טרוימער און אנטוישטע. קלוגע־נאאיווע, טיכטיק־פראק־טישע און א פויגל געפלויגן איבערן דאך...

דער צווייטער האט דעם פלאם פון זייער גרויסער נשמה מיט זיך דערהויבן, וואס אן אור־אלטע קראפט, א ווונדערלעכע, איז אין איר אריינ־געגאסן, און קיינמאל קאן זי זיך נישט אונטערגעבן... זי וואקסט אין אירע ליידן, וואלגערט זיך אין אש פון חורבן, און האפט אויף דער גאולה פון מענטש, געיאגט און פארפאלגט, הענגט אויף גארנישט און איז דאס הארץ פון דער וועלט...

אבער, ווו איז עס ערגעץ, דאס הארץ פון דער וועלט? צי וועט עס נישט צעבראכן ווערן, ווען עס וועט ווערן אפגעדעקט דער שלייער פון דעם טויטן־פעלד, דעם גרויליקן פון אלע שרעקן, אנטקעגן דעם מבול פון מיתות משונות וואס זענען אויסגעגאסן געווארן אויף די ארעמע מענטשן?, אזוי אומשולדיק, אזוי אן יעדער זינד, אן יעדער סיבה, אן יעדער שולד, אזוי אכזריותדיק אזוי אומפארשעמט, ווי נאך קיינמאל נישט זינט דער זכרון פון מענטש געדענקט?

דערווייל זעט מען נישט קיין סימן און זכר דערצו. אין דער לענג און אין דער ברייט פון אט דער ריזיקער „שווארצער יבשה", ווו עס שפרייטן אויס זייער ממשלה היטלער און זיינע תלינים, העלפערס און העלפערס, נישט בלויז די פון פונם „ריין טעאוטאנישן" שטאם, איז טויט דער גלויבן, פארשוועכט געווארן דער כבוד פון מענטש און מוט און העלדישקייט זענען אפגעשטארבן... און עס איז דאך א וווּנדער: אט אויף דער דאזיקער ערד, האט מען נאך פון לאנגע צייטן אן, אזויפיל געזונגען פון העלדן־גייסט פון מענטש. מען האט קרוינען, לויב און רום־קרענץ אנגעטאן אויף די קעפ פון די אומדערשראקענע העלדן, נאציאנאלע העלדן, דרייסטע רעוואלוציא־נערן, טויט פאראכטענדיקע, מוטיקע קעמפער, וואס האבן אן אימה אנגעוור־ארפן אויף די באצווינגער, און באדריקער — וועגן זיי האט געזונגען דאס פאלקס־ליד, לעגענדעס זענען געוועבט געווארן...

און אט ליגט זי אויסגעשפרייט, די שאנדע פון שווייגן, אויף דער דאזיקער ערד, גלייך זי וואלט פארגאסן און פארזונקען געווארן אין שווארצער טומאה...

נאר ערגעץ דארט אין פראג, אין טשעכן־לאנד, האט מען געהערט א גוט־געצילטן שאס, וואס האט צעשמעטערט דעם קאפ פון דעם געסטאפיסט, היידריך, דעם פארטרעטער פון הימלער. און דא... חדשים לאנגע לאנגע, ווען מיר זענען געזעסן פארשפארט אין געטא לעמבערג, האבן מיר געקענט זען, ווי פון יענער זייט געטא־מויער, לויפן די צוגן מיט געגויער פינקט־לעכקייט, יעדע פינף מינוט, קיין מזרח, צום פראנט ביים דנעפער, דאן און וואלגע. זיי האבן געפירט אומאויפהערלעך, אן דער מינדעסטער שטערונג, מכשול אדער פארפאל, דייטשיש מיליטער, וואפן און קריגס־פראוויאנט אין הארצן פון „לאנד פון דער רעוואלוציע״; פאליאקן, אוקראינער און אויך רוסן האבן באדינט די אומאויפהערלעכע קייט פון באן־טראנספארטן.

דאכט זיך אז אפילו קיין איינמאל זענען נישט קאליע געווארן, נישט אראפ די רעלסן פון באן־וועג, קיין איין בריקל נישט צעשטערט געווארן; אנדערש וואלט דאך זיכער אביסל קאליע געווארן, צייטווייליק איבער־געריסן געווארן, אט דער אומאויפהערלעכער טייוולאניש פינקטלעך פונ־קציאנירנדיקער טעמפא.

און צוריקצוועגס, האבן די באן־עשאלאנען געפירט צענדליקער טויזנטער יוגנטלעכע און דערוואקסענע, מענער און פרויען פון אוקרא־אינישע שטעט און דערפער. די זענען זיכער שוין געבוירן, אין גרעסטן טייל שוין דערצויגן געווארן, אין שויס פון דער רעוואלוציע. האבן נישט געזען און נישט געקענט קיין אנדער וועלט אחוץ איר. דערצויגן, געלערנט, גייסטיק און אידעאיש געאיבט און געפארעמט אין ״קאמסאמאל״, דארט האט מען, מן הסתם, זי אינגעשארפט, געפלעגט אין זיי, דעם גייסט פון קרבן־גרייטקייט פאר פרייהייט. זיי זענען דערצויגן און געאיבט געווארן פאר דרייסטן קאמף און טראץ קעגן דעם באצווינגער און אויסנוצער... זיי זענען געפארן אין אפענע וואגאנען און דער געהילך פון זייער מעכטיק ליד, א ווידערקול פון די ברייטע אוקראינישע סטעפעס האט געמאכט אויפציטערן די לופט אין דעם פארפינצטערטן און דערשלאגענעם געטא; מען האט זיי געפירט ווי די פי צו שקלאפן־ארבעט, אין די צוואנגס־ארבעטס־לאגערן אין דייטשלאנד.

ווען איך בין געווען א געפאנגענער אין ארבעטס־לאגער יאנאווסקא

אין לעמבערג בין איך געווען א געוויסע צייט באשעפטיקט ביי דער בויר־ארבעט פון דער באד אויף דער פיעראצקי גאס. אהין האט מען אט די מענטשן געבראכט אויף דיזנפעקציע, באדן און סארטירן זיי. האב איך געהאט די געלעגנהייט צו זען זיי פון דער נאענט, זיך אויסצומישן מיט זיי און שמועסן מיט זיי. דאס איז געווען די סאמע שווארצסטע און דער־דריקנטסטע אנטוישונג אין יענע פינצטערע טעג; אזויווי עס וואלט זיך פאר דיר געעפנט דער תהום פון אומקום אין זיין גאנצער גרויל, אן א פונק פון האפנונג אדער עפעס א שימער פון א ליכט־שטראל. וואס פארא טעמפקייט און געפאלנקייט! וואס פארא קנעכטישע אונטערטעניקייט! א בהמשע כבוד לאזיקייט! און אויך די סלינע פון אלטן האס און שנאה ריינט פון די גראבע, פליישיקע און מגושמדיקע ליפן: ״זשיד, זשיד״ — אטדאס ווארט איז געווען פארבאטן פאר זיי אין משך פון יארן אונטער דעם סאוויעטישן רעזשים. און אט האט מען זיי „פרייגעלאזט״, אראפגענומען דעם שלאס פון מויל, און זיי ווילן אפנים, אניאגן און אויספילן אלץ, וואס זיי האבן נישט באוויזן צוטאן אין משך פון יארן... זשיד, זשיד, — מיט וואס פארא תענוג און געפיל פון דערלייכטערונג ברענגען זיי ארויס, שפייען אויס פון זייערע מיילער אט דאס דאזיקע ווארט, וואס שפיגלט צו אפ קורץ און בארעדעוודיק, ווי טיף זיי זענען פארזונקען אין דעם זומפ, איינגעטונקען אין דער שווארצער קנעכטשאפט און שפלות, וואס זיי האבן גענומען אויף זיך, נישט אן אייגענעם ווילן...

אויך די זענען צווישן די באדריקער... דערצויגענע אויף די אידעאלן פון דער רעוואלוציע, שפעטן איבער דיין אומגליק, פרייען זיך איבער דיין בראך — פון וואנען קומט דאס צו זיי? — — —

און אין פוילן, — אויך דא האט זיך גוט איינגעפאסט דער נאצישער זאטל אויף דעם רוקן פון „פוילישן אונטערמענטש״, ווי עס פלעגן זיי רופן די היטלעריסטן. נישט בלויז די פויערטע, וואס האט געבראכט א יידיש קינד, פאר צוויי קילא צוקער, האט „קאלאבארירט״ (מיטגעארבעט מיטן אקופאנט); אויך דער געוועזענער פוילישער פינאנס־מיניסטער, פעליקס מלינארסקי, דער באקאנטער שריפטשטעלער פערדינאנד געטל דער בארימ־טער ארטיסט סאמבארסקי, און פיל אנדערע פון די העכסטע שפיצן פון

דער פוילישער געזעלשאפט, האבן געטריי געדינט און אפילו עפנטלעך מאניפעסטירט זייער דינסט פאר די נאציס.

די גיפטיקע שנאה וואס האט אלע יארן געשיפעט אין די הערצער, האט געפייערט איר שענדלעכן „נצחון" מיט שאדן־פרייד אויסגעשרייען ארום דעם ברענענדיקן ווארשעווער געטא, פון וואנען עס זענען פון די הענט פון גוטע און אומגליקלעכע יידישע קינדער, געפאלן די טראגישע שאסן־אויסגעשרייען אינעם מדבר פון דער וועלט...

לאחר המעשה, זענען פלוצים אנדעקט געווארן „אונטערערדן" און ווידערשטאנד נעסטן, וואס האבן אפנים עקזיסטירט ערגעץ אויף יענער זייט פון דער ווירקלעכקייט, וואס האבן „וואונדער באוויזן", „גבורה טאטן" און „קרבן גרייטקייט" משטיינס געזאגט... קיינער האט נישט געהערט נישט געזען און נישט געשפירט קיין שום עכא אפילו דערפון אין יענע טעג.

א געוויסער קאלפאק, דער ראש פון א סאוויטישער פארטיזאנען־גרופע וואס האבן אנגעהויבן באוויזן לעבנס צייכנס אין ווינטער 1943, דערציילנ־דיק מיט א סך פאנטאזיע, וועגן זיינע דרייסטע טאטן אינעם דייטשן הינטערלאנד, רעכנט אויס גענוי אלע שטעט, שטעטלעך און דערפער ווו ער און זיינע מענטשן זענען דורכגעגאנגען אין דער גאליציש פאדאלער געגנט.

די עיקר אויפגאבע פון אט די פארטיזאנען, איז אפנים געווען אנצוווארפן א פחד, און א ביסל צוימען דעם אייפער פון קאלאבאראציע (מיטארבעטן מיטן אקופאנט) מצד זייערע פאלקס־ גענאסן, די אוקראינער, וואס זייער הארץ איז ווייט נישט געווען מיט די זיך דערנענטערנדיקע סאוויעטן, און האבן געטאן אלץ, וואס זיי האבן געקענט א ביסל... אויפצוהאלטן די „גאולה", וואס האט זיך אויסגעמאלט אין זייערע אויגן אין דער געשטאלט פון דעם אזוי געהאסטן „קאלכאז". זיי, אט די דאזיקע פארטיזאנען האבן זיך איינדעראמתן צוריקגעהאלטן און זיך באמיט נישט צו רייצן צופיל די דייטשן, סיי צוליבן פחד פאר דער אייזערנער האנט פון די דייטשן וואס האבן געהאלטן אויף זיי אן אויג שטענדיק און אומעטום, ווי אויך פאר מורא פאר די שווערע שטראפן וואס זענען ארויפגעלייגט געווארן אויף די דערפער און זייערע איינוווינער, דארט, ווו עס זענען

אנדעקט געווארן שפורן פון פארטיזאנען, וואס האט פארשטייט זיך ארויסגערופן דעם צארן פון די שווער באשטראפטע אויף די פארטיזאנען און זייערע העלפער צו העכסטער פארביטערונג. די אויפגאבע פון די פארטיזאנען איז געווען בעיקר, אויפצוהאלטן די שמועות און זיי פארשפרייטן אין דער סביבה, אז „עס זענען פאראן און זענען טעטיק סאוויעטיש פארטיזאנען״; אבער, זיי האבן אויסגעמיטן, ווי ווייט מעגלעך, א צוזאמענשטויס, א דירעקטע בארירונג, מיט וואסער ניעט איז דייטשער מיליטער איינהייט. די דייטשן האבן פארמירט און געשיקט קעגן די פארטיזאנען פאליציי גרופן און ס. ס. פארמאציעס, וואס האבן געלויערט, נאכגעשפירט נאך זיי, סיסטעמאטיש און אומאויפהערלעך נאכגעפאלגט זייערע טריט. און זיי איז געלונגען די פארטיזאנען צו איזאלירן, צוברעקלען די גרופן און זיי צעטרייבן, אפזוכן און פארניכטן זייערע באהעלטעבישן, נעסטן אומעטום, ווו זייערע שפורן זענען אנדעקט געווארן. אוודאי צוליב דעם, וואס זיי, די פארטיזאנען האבן נישט באקומען קיין געניגנדע הילף, נישט געהאט פאר זיך די סימפאטיע פון די ארטיקע תושבים. דאס דרינגט ארויס קלאר פון דעם וואס ווערט יא געזאגט און נישט בפירוש דערזאגט אין דער דערציילונג פונעם דערמאנטן קאלפאק, וואס דערציילט לאנג און ברייט, דווקא מיט אזעלכע פרטים, וואס זענען נישט אזוי צוגעפאסט צו די פאסירונגען און געשעענישן דעמאלט, וועגן זיין ווירקן, טאטן און אויפטועז אין דער געגנט, אין יענע טעג.

און עס איז א גרויסער וואונדער; קאלפאק רעכנט אויס געגנוי, ווי געזאגט, אלע מקומות ווו ער איז דורכגעגאנגען פון פאליעסיע צו די קארפאטן און צוריק; ער דערמאנט למשל, די גאליצישע שטעטלעך, פון סקאלאט ביי טארנאפאל ביז דעלאטין וואס ליגט צופוסנס פון די קארפאטן־בערג, און אפילו מיט איין ווארט, דערמאנט ער נישט די יידן, זייער חורבן און אומקום; ער האט דאך אוודאי געזען און געהערט עפעס דערציילן וועגן דעם, ווען ער איז דורכגעגאנגען די דאזיקע מקומות...

א״א איז געווען דער גורל פון די אומגליקלעכע יידן: עלנד און פאראיינזאמט געפלאגט פון אלע זייטן, אין באלאגערונג איינגעשלאסן; אויף הפקר אויסגעשטעלט פאר רויב און מארד, פאר פיין און פארלענדונג.

אז יעדן עכא פון מענטשלעכן געפיל פון ארום — זענען זיי געווען אונטער דער הערשאפט פון די נאציס, און מען האט זיי בישט געשאנקען אפילו קיין איין ווארט פון מיטגעפיל מצד יענע, וואס האבן זיך געגרייט פייערן זייער נצחון איבער דעם פיינט פון דער מענטשהייט, וואס האט זיין וועג צוערשט געשפרייט מיט די טויטע גופים, מיטן אזוי אומשולדיקן פארגאסע־נעם בלוט פון די יידן...

.10

## ווינטער — 1944/1943

די קאלטע טעג האבן זיך גענומען דערנענטערן. מ׳הויבט זיך אן גרייטן צום ווינטער. דער פויער קריכט ווי אריין טיפער אין זיין פעל, ווינטערצייט. ער רוט, שלאפט אסך, ווי ער וואלט וועלן דעקן דעם „דעפיציט״ אין שלאף און רו־צייט, וואס האט זיך ביי אים אנגעזאמלט אינעם „ברען־סעזאן״ פון דער ארבעט, זומער צייט.

ער פאררייכט און ברענגט אין ארדענונג די לאנדווירטשאפטלעכע מכשירים און ארבעטס־געצייג. זארגט פארן רעמאנט פון הויז און שטאל, פאר שוכווארג און ווארעמע בגדים פאר זיך און זיין הויזגעזינט, און דער עיקר פאר האלץ, צו הייצן און אנווארעמען זיין הויז אין די קאלטע טעג; ווארום אן א ווארעם ווינקל אין די טעג פון קעלט און פראסט, איז זיין לעבן קיין לעבן נישט. ארבעט ווערט וואס אמאל ווייניקער די בהמות זענען פארשפארט אין שטאל, און מען דארף זיי בלויז פארזארגן צו דער געהעריקער צייט מיט דער באשטימטער פארציע עסן און טרינקן. די הויז־ווירטין איז באשעפטיקט מיט אירע ארבעטן. דער בעל־הבית איז מער פרייער אויף א שמועס, זיך אפצוגעבן, מיט אליין א קלער טאן, און אויך אויסצוהערן יענעמס מיינונג, וועגן דער לאגע און מעגלעכע אויסזיכטן אין אט די שווערע צייטן... די קינדער פלאנטערן זיך ארום, לאנגווייליקן זיך. עס איז ענג פאר זיי דער פלאץ, אין דער פאר ווינט און קעלט פארמאכטער שטוב.

קיין שול איז אין דערפל נישטא. די קינדער פון דארט מוזן גיין עטלעכע קילאמעטער יעדן טאג, אין דער שול וואס געפינט זיך אין באענטן דארף.

די בעל־הביתטע יאדוויגא, וואס אויף איר ליגט דער עול די קינדער צו דערציען, די זארג, אז זיי זעלן קענען שרייבן און לייענען, האלט, אז עס איז איצט נישט די פאסיקע צייט אוועקצושיקן,טאג־טעגלעך, די קינדער ווייט פון שטוב אין דער שול, וואס איז אין נאענטן דארף. זי מיינט, אז איך,אן אייגענער מענטש וועל קענען לערנען מיט זיי, און די פעולה פון לערנען וועט זיין, אפשר, א פיל גרעסערע, ווי די פון די לערער אין דער דארפישער שול. זי וועט נישט דארפן באכקלערן און שרעקן זיך, ס'זאל חלילה עפעס נישט געשען מיט די קינדער אין די טעג פון רעגן, שניי און קעלט, אויסקוקן זיך די אויגן, זיי זאלן שוין א מאל בשלום צוריק־קערן א היים.

בין איך געווארן א לערער. איך לערן מיט די קינדער אוקראאינישׂ און רעכענען. (פויליש פארשטיי איך טאקע א ביסל, אבער לערנען זיי וועל איך נישט קענען...) די קינדער זענען צוגעבונדן צו מיר און לערנען פלייסיק. און אויך מיינע בעל־הבתים זענען צופרידן און אפילו שטאלץ פון דעם, וואס זיי האבן זייערס אן אייגענעם לערער. הגם ער טוט אלע אנדערע שטוביקע און אויסער שטוביקן ארבעטן, ער איז א „גאספאדר" ווי עס געהער צו זיין.

כ'האב בפירוש אויסגערעדט מיט זיי, אז מיין ארבעט אלס לערער זאל בלייבן א סוד, צוליב כמה וכמה טעמים.

אבער, אין דארף זענען נישטא קיין סודות. יעדער איינער ווייסט וואס עס קאכט זיך ביים שכן אין טעפל. פונעם נאענטן דארף, ווישניאור־טשיק, זענען געקומען צוויי יונגעלייט, באציאנאליסטישע עסקנים, און מיר פארגעשלאגן ארבעטן אלס לערער, אין דער אוקראאינישער שול, וואס אין זייער דארף. איך האב נישט געקאנט גלאט, אן שהיות, אפזאגן זייער פארלאנג און נישט ארויסווייזן גוטן ווילן ארויסצוהעלפן „מיינע ברידער, און פאלקס־גענאסן אין אזא וויכטיקן עניין, ווי די איינציקע, אוקראאינישע שול אין דארף.

עס האט מיך געקאסט פיל מי און אנשטרענגונג אויפצוקלערן זיי און געבן צו פארשטיין, אז איך מוז „בלייבן אין שאטן", ווייל איך קום דאך פון „דארט", פון אוקראאינע וואס ביים דניעפער, און איך בין דאך אן

אנטלאפענער פון א דייטשן־געפאנגענע־לאגער, און עס דראט מיר גרויסע סכנה זיך צו באוויזן אפן, אין דער עפנטלעכקייט. איך האב אמת, געלערנט א מאל, געגאנגען אין שול, איך האב אבער נישט גענוג בילדונג אויף צו זיין א לערער, זיך קיינמאל נישט באשעפטיקט מיט לערנען קינדער אין א שול און איך וועל מיין אויפגאבע בשום אופן נישט קאנען דערפילן ווי עס געהער צו זיין. כ'בין געווען גליקלעך, ממש, ווען עס איז מיר סוף כל סוף געלונגען זיי צו איבערצייגן און זיך ארויסצוקריגן פון אט דער צרה, וואס וואלט אוודאי געבראכט אויף מיר אן אומגליק.

* * *

מיטן אנקומען פון ערשטן שניי, האט זיך דאס דארף אנגעטאן אין א ווייסן, ווינטערדיקן לבוש. די ווענט פון די פויערים־הייזקעס און אויך פון די שטאלן זענען ארומגעדעקט געווארן מיט שטרויענע ווענט פון דערויסן, כדי צו שיצן די לעבדיקע ברואים וואס וווינען אין זיי פון קעלט, פייכטקייט און ווינט.

די פויערים הייזקעס אין קראסנא, שטייען גענוג ווייט אפגעלעגען איינס פון צווייטן. זיי שטייען אפן און נישט געשיצט פון ווינט און שטורעם. מיטן פארשטארקן זיך פון דער קעלט, און פארמערונג פון שניי, וואס האט צוגעדעקט מיט א ווייסער הילע, גלאט און לויטער בלאנקענדיק, דעם גאנצן, רחבותדיקן שטח ארום — זענען אויס די פויערים־כאטקעס, וואס זענען צעווארפן ארום, ווייט און ברייט, מיט בלאנק־ווייסע שניי היטלעך אויף די דעכער, ווי קאמישע הויקערלעך, וואס שטארצן ארויס איבער דעם גלאט־ווייסן שטח ארום. זיי שטייען שטיל, שטום, ווי זיי וואלטן פארגליווערט פארפרוירן געווארן אויף זייער פלאץ. אבער, דער בלויער רויך, וואס דערהויבט זיך לאנגזאם פון די קליינע קוימענדלעך, זאגט עדות וועגן דעם, אז דאס זענען מענטשן־וווינונגען, ווארעמע און פול מיט לעבן.

די בעל־הביתטע זיצט ביים שפינדל, דרייט און שפינט די פלאקס־פעדעמלעך. זינגט דערביי שטיל אונטער א מעלאדיש פאלקס־ראמאנסל, בעת די גרויסע, אייזערנע טעפ, וואס שטייען אויף דער אנגעגליטער קיך־פלאטע, רייסן איבער, מיט א מין צעכעסטער קאכעניש און זידעניש, דעם ריטם פונעם געזאנג און רופן די בעל־הביתטע זי זאל זיך אפגעבן און

זיך פארען מיט זיי ווייל די מיטאג־שעה דערנענטערט זיך, און פינף מיילער ווארטן אויפן עסן.

דער הויז־פאטער שטייט איינגעבויגן ביים עק פון טיש מיט א שארפן מעסער אין האנט. ער שניידט טרוקענע טאבאק־בלעטער; פאמעלעך און מיט אסך געדולד טוט ער זיין ארבעט און דער טאבאק קומט ביי אים ארויס דין, „געשניטן ממש ווי אין דער פאבריק".

אבער אויך א „פאבריק" ממש, א זייער וויכטיקע און עיקרדיקע, איז פאראן אין די פויערים־הייזקעס: „כמעט אין יעדער צווייטער כאטע, פראדוצירט מען היימישן „סאמאגאן" (בראנפן). דער ענין פון טרייבן (פראדוצירן) און טרינקען „„סאמאגאן", פארנעמט א זייער אנגעזען און חשובן פלאץ אין דער ווינטערדיקער באשעפטיקונג פון פויער.

אין די לאנגע מלחמה־יארן, האט מען אין דארף געפילט וואס א מאל שטארקער דעם מאנגל אין שטאטישע פראדוקטן. פארשידענע פראדוקטן אדער ערזאצן פון זיי, ווערן פראדוצירט דורך די פויערעם זעלבסט. מיט זייערע אייגענע מיטלען און געצייג. באזונדערס, א זעלכע פראדוקטן, וואס דער פויער מוז זיי נויטיק און אומבאדינגט האבן. און עס איז בישטא א געברויכס־ארטיקל, א מער נויטיקס פארן פויער, אן וועלכן ער קאן זיך באין אופן נישט באגיין, אן דעם איז פשוט זיין לעבן קיין לעבן נישט, ווי דער „ביטערער טראפן" דער בראנפן. אן בראנפן האט דער רו־טאג, דער יום־טוב קיין שום טעם נישט. איבעם פראדוצירן דעם „סאמאגאן" איז דער פויער ארייגעטאן מיט זיין גאנצן לייב און לעבן. ער לייגט אריין אין דעם ענין זיין דערפינדערישקייט. כיטרעקייט און אויסגעפראקטיצירטע לעבנס און זאכקענטעניש. ווארום דער עסק, מוז קודם כל געמאכט ווערן אין געהיים. מען דארף זיך היטן פון אן „עין־הרע" און קענען גוט פארמאסקירן די גאנצע „פאבריקאציע", מיט אלע אירע נעבן־קלייניקייטן און אויסערלעכע „דערקען־צייכנס" אירע, פאר די אויגן פון די לייט פון דער מאכט, וואס זוכן נאר אן אויסרייד, כדי צו קענען אויסליידיקן די שטוב פון פויער פון אלעם גוטן און נוצלעכן וואס עס איזאין איר פאראן. דער פויער האלט אן עצה מיטזיין שכן און פריינד, וואס האט מער פראקטיק אין דעם ענין, ווי און פון וועלכע מאטעריאלן מען דארף

צוגרייטן די אלקאהלישע „ראשטשינע״, אז די אויסגיביקייט זאל זיין גרויס, און דער טעם פון דער משקה א פיינער און אויס־געצייכנטער.

אין דארף זענען פאראן פיל אויסגעפראקטיצירטע מומחים אין דעם פאך. אבער, יעדער האלט זיין סוד פאר זיך. כ׳האב מיר קיינמאל נישט פארגעשטעלט, אפילו אין חלום נישט געזען אזא פאנטאזיע, אז איך וועל דארפן אויסקוואליפיצירן זיך אין דעם פאך פון טרייבן „סאמאגאן״. ביסלעכווייז, און טאקע בהתמדה בין איך — גויט ברעכט אייזן! — אריין אין דעם ענין, אזוי, אז איך האב כמעט באקומען א „שם״ פון א „מומחה״ צווישן די שכנים אין דארף.

די גאספאדארעס פלעגן מיך איינלאדן פון צייט צו צייט, איך זאל פארזוכן, א„לעק״ טאן פון דער „ראשטשינע״ און זאגן מבינות, צי אין גלייכער באלד צו טרייבן, אויסדאמפן דעם בראנפן, אדער מען קען נאך ווארטן א טאג אדער צוויי. עס איז נישט געווען אזא לייכטע און איינפאכע אויפגאבע ווייל אין א געוויסער מאס האט אויף מיר געלאסטעט דאס אחריות פאר דעם געלונגען פון דער אלקאהאל אויסדאמפונג, וואס מוז פארקומען אין דער צייט, נישט פריער און נישט שפעטער, ווי מען דארף. געוויס, בין איך אויך היינט נישט זיכער, צי איך ווייס פיל אין דעם ענין אבער די הצלחה האט מיר, ווי עס איז, דא און דארט צוגעשפילט. און מיין „פראגנאז״, האט זיך באשטעטיקט אין מערערע פאלן... און אויב איך בין אמאל, פון צייט צו צייט דורכגעפאלן, האב איך שטענדיק געקאנט אנווייזן אויף דער נישט געהעריקער צוגרייטונג, אדער חסרונות פון דעם רוי־מאטעריאל, פון דער „ראשטשינע״ מישונג, אלס סיבה פון מיין דורכפאל. אבער אחוץ דער פאכמענישקייט און קענטעניש ביים מאכן דעם סאמאגאן, מוז מען זיין פארזען און אפשר אויך באגאבט, מיטן קענען טרינקען דעם סאמאגאן... נאר פון פארזוכן אליין, וואס דו נעמסט צו ביסלעך דא און דארט כדי „פעסטצושטעלן די קוואליטעט״, דעם טעם פון דער משקה, דראט דיר די סכנה, אזוי פארטשאדעט צו ווערן, אז ווער ווייסט צו דו וועסט זיין אומשטאנד, זיך צו האלטן אויף די פיס. אבער ווי א „מומחה״ דארפסטו קענען זיך נישט אונטערגעבן דער „קאפשוואכ־קייט״ און האלטן קאפ ביי אלע אומשטענדן און צושטאנדן״...

ווייל האלטן קאפ (און אויך די צונג), איז פאר מיר געווען א פראגע פון לעבן און טויט, דא, צווישן דעם פויערים־פאלק, וואס פון נאטור אויס באציען זיי זיך מיט חשד צו אלעמען, פארפאלגן און קוקן נאך מיט שפיזיקע אויגן נאך יעדן פרעמדן און בפרט נאך אזא איינעם, וואס איז אויף זייער מיסט נישט אויפגעוואקסן, און דער טייוול ווייסט פונוואנען ער שטאמט...

אבער די באשעפטיקונג און די כלומרשטע פאכמענישקייט מיינע אין דעם צוגרייטן דעם סאמאגאן און טאקע דאס קענען טרינקען ווי געהעריק, און נאך אביסל מער דערפון אין דער געזעלשאפט פון די פויערים, ביי יעדער געלעגנהייט, אין די קאלטע טעג און לאנגע נעכט פון ווינטער, באזונדערס אין די רו און יום־טוב טעג, געלעגנהייטלעך אויף שמחות און פארוויילונגען, וואס פאלן ס'רוב אויס ווינטער־צייט, ווען דער פויער האט פרייע צייט פאר זיי. — האבן פיל געהאלפן צו פארשטארקן מיין פאזיציע, פארטיפט און ווי „פארפאנצערט" מיין היימישקייט מיט זיי, מיך פארווארצלט און פארבירגערט צווישן אט דעם פויערים־פאלק.

די זאך זעט מיר היינט אויס ווי עפעס א קאשמאר חלום, אבער, דאכט זיך אז עס איז מיר געלונגען צו דערגרייכן צו „בכבודיקע רעקארדן" אין דער „טרונק־קונסט"... דאס איז, דארף מען וויסן, „א הויכע מדרגה" צווישן די מעלות פון א מענטש אין דעם לעבנס־שטייגער פון דעם פויערים־פאלק.

מיין בעל־הבית און ברויט געבער, הענריק, האט געשטראלט פון גרויס נחת, ווינקענדיק מיט א כיטרען בליק פון די אויגן, בשעת דער סעודה, פאר איר און נאך איר, ציענדיק די אויפמערקזאמקייט פון די ארומיקע אויף דער אויסערגעוויינטלעכער באגאבטקייט, מיט וועלכער עס איז באשאנקען זיין „מאסקאל": „דער קאפ זיינער זיצט גוט אויף די פלייצעס"... ער שלינגט אראפ אנישקשהדיקער פארציע און דער מוח און געדאנק ארבעט ווי קיינמאל גארנישט. פארקערט, וואס מער ער גיסט אריין, ווערט ביי אים דער געדאנק קלארער און ער ווארפט אריין א שארף ווערטל, א געפעפערטן וויץ, צו דער זאך און אין סאמע פינטל אריין...

אזוי זאגן די פויערים, שמועסנדיק וועגן די אייגנשאפטן פון העבריקס „מאסקאל".

יעדע סעודהלע, אדער אזוי א געלעגנהייט פון „מאכן אגלעזל", האט אזא טבע, אז עס דערנענטערט די הערצער, אזוי בשעת דעם טרינקען, נאך דעם און ארום דעם. שווער און פול מיט שטערונגען און שטרויכלונגען איז דער וועג צו דעראבערן דאס פארטרויען און פריינדשאפט פון פויער און דו מוזט וויסן, ווי נאכצוגיין אט דעם ציל, גערולדיק, אומאויפהערלעך, אויסגעהאלטן, מיט אלעמאל באנייטער אנשטרענגונג און וואכזאמקייט.

געוויס, איז אט דער שווערער און אנגעשטרענגטער געראנגל, די דערמידנדיקע און סכנות־פולע מאסקאראדע קיינמאל נישט פלאנירט געווארן דורך מיר פון פאראויס. כ'האב מיר, פארשטייט זיך קיינמאל נישט געקאנט פארשטעלן, ווי וויט שווער די אונטערנעמונג וועט זיין פאר מיר, און ווי וויט עס וועלן דערגרייכן מיין כוח און מעגלעכקייטן עס אויסצוהאלטן. איך בין ארייננגעווארפן געווארן אין א וועלט א פרעמדער, אן אנדערער פון דער אין וועלכער איך בין דערצויגן געווארן און אויסגעוואקסן. פון קינדווייז אן איז ביי מיר געווען איינגעווארצלט א מין געפיל פון פרעמדקייט און אפילו אן עקל צום גאנצן זיין און טון, געבג, מנהגים, שטייגער לעבן, עסן און טרינקען א. א. וו. פון גוי. כ'האב זייער ווייניק געוווסט און געקאנט די וועלט, פון וועלכער עס האט זיך עפעס געטראגן א שווערער טריפנהער ריח, געדראט שטענדיק א רויע און טעמפע ברוטאליטעט... און פונדעסטוועגן האבן זיך אין מיר אנטדעקט אזעלכע כוחות, וואס נאך הייגט קלער איך און שטיי פאר זיי ווי פאר א רעטעניש, וואס איך בין נישט אומשטאנד עס אויפצוקלערן. כ'בין אינגאנצן מיטגעריסן געווארן פון שפיל, כ'בין נישט מיד געווארן, נישט נאכגעלאזט, יעדעס מאל מיט באנייטער דרייסטקייט, העזה און ריזיקא. מיט וואס אמאל מער וואקסנדיקער און שטארקערער „זעלבסטזיכערקייט"... און זי, — די סכנה — האט געשוועבט איבער מיין קאפ טאג און נאכט, אומאויפהערלעך, אין יעדן אויגנבליק... ווייל עמעץ וואלט דאך מיך געקאנט זען, אפילו בכוונה מיר נאכשפירן כדי צו זען מיך א באקעטן... עס איז געווען

זייער פאפולער צווישן די פויערים, און אויך די קינדער פלעגן פלאפלען בשעת דעם שפילן זיך, וועגן דעם, ווי מען דערקענט א ייד...

כ'האב גוט געוווסט וואס עס דערוואַרט מיך, צווישן אט די פריינד מיינע, אויב חלילה, מיין סוד וועט אויפגעדעקט ווערן. אט דער „סוד", וואס איז איינגעשניטן אין מיין לייב... אויב זיי וועלן געוויר ווערן, אז א „יידל" איז גאר דער, וואס האט זיי ביי דער נאז ארומגעפירט און זיי אפילו אין א גרויסער מאס אויף א סכנה אויסגעשטעלט. אט די מענטשן זענען דאך אומדערבארעמדיקע נקמה־נעמער, אן גלייכן. זיי זענען באזונדערס פילבאר און ציגדן זיך אן מיט פלאמיקן צארן אויף יענעם, וואס האט זיי אפגענארט, פארפירט. געווונען זייער צוטרוי, אויסגענוצט זייער גענאד, און עס האט זיך ארויסגעוויזן, אז ער איז גאר א שווינדלער, וואס האט זיך פארשטעלט, זיי אויף א געפאר אויסגעשטעלט, וואס האט אויף זיי געקאנט ברענגען אן אומגליק און אויך א חרפה...

נישט איינמאל, פלעג איך שטיין א לענגערע ווייל ביים שפיגל, וואס איז געהאנגען אין „קאלטן צימער", כדי גוט צו באטראכטן דאס אויסזען פון מיין פנים, די באוועגונגען פון מיינע הענט און אנדערע גלידער, תנועות און העוויות, צי עס זענען חלילה אין זיי פאראנען יידישע קענ־צייכן... כ'האב מיך געאיבט, ווי מען דארף זיצן, אויפשטיין פון פלאץ, ווי צו ענטפערן „יא" אדער „ניין", מסכים אדער נישט מסכים. מיט א פאסיקער באוועגונג פון קאפ, א צי מיט אקסל, א גרימאס פון מויל, שמייכל, איראניע, אפינטל מיטן אויג, — ווי עס טוט עס א פויער. אמאל אויך זיצן א לענגערע צייט און שווייגן, אזוי שווייגן מיט א פנים אן יעדן אויסדרוק, קראצן זיך גוטמוטיק אין דער פאטעליניצע, ווי איינער, וואס האט הנאה פון גארנישט טון. מהיכי תיתידיקע פוילקייט, ווי א פויער...

אזוי האב איך מיר אויך געמוזט צו אייגן מאכן די מנהגים ביים עסן און טרינקען, וואס זענען דאך געווען אזוי אנדערש, ווי די, וואס איך האב געלערנט ביים טאטן אין שטוב...

די מענטשן ארום מיר פלעגן ליב האבן ביי יעדער געלעגנהייט אפצושפעטן, אויסלאכן די מנהגים, געגג, תנועות און העוויות פון א ייד. נישט איינמאל בין איך געווען א צושויער פון אזא „פארשטעלונג" פון

איינעם פון די ייִנגערע שקצים וואָס האָט געשפּילט אַ ייִד — נאָכגעמאַכט דאָס גיין, רעדן, באַנעמען זיך פון ייִד; ער פלעגט אַרויסרופן אַ ווילדן, הילכיקן געלעכטער צווישן די אַנוועזנדיקע, יונגע און אַלטע, וועלכע האָבן געהאַט גרויס הנאה, צוקוקנדיק זיך צו אַזאַ „פאַרשטעלונג"...

כ'געדענק: איינמאָל איז געקומען פון וואַלד אַרויס אַ ייִדישע פרוי. ז'איז געווען דאַר און איינגעשרומפּן, איינגעוויקלט אין אַ מין בגד ,בישט צו דערקענען אַ ווייבעריש צי אַ מענעריש. צעריסן און צעפּוילט. די האָר אויף איר קאָפּ, ווילד צעוואָרפן, העגגען אַראָפּ איבער איר האַלדז און נאַקן און איבער איר איבערגעשראָקן פּינצטער פּנים, אין וועלכן עס האָבן געגליט, געפיבערט צוויי ייִדישע אויגן, ווי זיי וואָלטן געקוקט פאַר זיך און גאָרנישט געזען...

זי איז געזעסן אויף דער ערד ביי דער טיר פון הויז. די בעל־הביתטע, יאַדוויגאַ האָט אַרויסגעטראָגן פון דער שטוב און איר דערלאַנגט, מיט אַ פרומער מינע אויפן פּנים, אַ ביסל מילך אין אַ צעבראָכענער כּלי, וואָס מען נוצט שוין נישט, און אויך אַשטיקל ברויט האָט זי אָוועקגעלייגט נעבן איר אויף דער ערד און זיך דערווייטערט פון איר. די פרוי האָט דאָס שטיקל ברויט אויפגעהויבן צום מויל, די צעבראָכענע כּלי האָט געציטערט אין אירע הענט און טראָפּנס מילך האָבן זיך אויסגעגאָסן אויף איר בגד... זי איז געווען פון די לעצטע רעשטלעך, וואָס האָבן נאָך געטליעט, לעבדיק באַגראָבן, אין אַט די טעג פון שטאַרקער קעלט און פראָסט, ערגעץ אין אַן ערד־נאָרע אין דער טיפעניש פון וואַלד...

איך בין געשטאַנען, פאַרטון אין עפּעס אַן אַרבעט, אַ צען טריט ווייט פון איר, עפּעס האָט זיך אָפּגעריסן אין מיין האַרץ... כ'האָב דאַכט זיך, געמאַכט אייניקע שריט אין דער ריכטונג צום פּלאַץ, וווּ זי איז געזעסן, ביי דער טיר פון הויז; דער קליינער יוזשיק איז מיר אַנטקעגן געלאָפן, ווי ער וואָלט וועלן מיר דעם וועג פאַרשטעלן. ער האָט מיר געזאָגט שטיל אין אויער אַריין: עס איז אַ „זשידוווקאַ", די לייז קריכן אויף איר...

ער האָט געקוקט אויף מיר מיט אויגן, וואָס האָבן אויסגעדרוקט עקל און אַ געוויסע שרעק; דער קוק פון דעם קליינעם יוזשיק האָט מיך אינסטינקטיוו אויפגעהאַלטן אויף מיין אָרט, און מיך ווידער צוריקגעקערט.

צוריקגעבראכט צו דער „ווירקלעכקייט"... צו דער ווירקלעכקייט אין וועלכער איך געפין זיך, צום באוווסטזיין פון דער סכנה, וואס שוועבט איבער מיר...

איך האב אפגעקערט, בייזלעך, מיין פנים פון אים, א שטייגער, ווי ער וואלט מיך מיט עפעס באלעסטיקט אדער געשטערט אומנויטיק, און בין צוריק צו מיין ארבעט.

.11

## איך מאך באקאנטשאפט מיט א גלח

צו אים, דעם קאטוילישן גלח אין דעם גרויסן פוילישן דארף, וואס איז באנט פון קראסנא, וויצין, וואס ליגט אן ערך 20 ק״מ דרום־מערבדיק פון זלאטשעוו, האבן זיך געצויגן די פעדים פון פוילישער „אונטערערד״ אין דער געגנט.

דער גלח יאן וואלטער, איז א קלוגער, געבילדעטער און זייער טיכטיקער מאן. ער שטאמט, אפנים, פון א דייטשער פאמיליע, וואס האט זיך אסימילירט צווישן די פאליאקן, און ער איז א פלאמיקער, פוילישער פאטריאט.

אין יענער צייט, האבן די פאליאקן, וואס האבן זיך קאנצענטרירט אין עטלעכע גרעסערע דערפער, ווו עס האבן געוווינט בלויז פאליאקן, אנגעהויבן ארגאניזירן א ווידערשטאנד־באוועגונג, אנטקעגן דעם דרוק פון די אוקראינישע, נאציאנאליסטישע באנדעס, פון איין זייט, און פון דער פיינטלעכער און עקסטערמינירדיקער שטעלונג צו זיי מצד די דייטשע אקופאנטן, פון דער צווייטער זייט. דער צענטער פון דעם פוילישער אונטערערד איז געווען דאס דארף וויצין.

א הער זענען אנגעקומען, צונויפגעזאמלט זיך, הונדערטער פוילישע דארפס־לייט פון די געמישטע (פויליש־ אוקראינישע) און קלענערע, ריין־פוילישע, דארפישע ישובים. זיי זענען אנטרונען געווארן מיטן לעבן, מיטנעמענדיק מיט זיך בלויז די מער באוועגלעכע זאכן, בהמות, און א טייל שטוב־זאכן, פון זייערע אויסגערויבטע דערפער, וואס זענען צושטערט און

מיטן פייער אורעקגעלאזט געווארן דורך די „באנד־ראוועס" — די אוק־ראינישע נאציאנאליסטן, וואס האבן זיך אזוי גערופן אויפן נאמען פון זייער פירער, סטעפאן באנדערא.

די פאליאקן אין וויצין, באזונדערס די יוגנט, און די וואס האבן זיינער צייט באקומען זייער מיליטערישע אויסאיבונג אין דער פוילישער ארמיי, האבן זיך געגרייט צו שטעלן א ווידערשטאנד. זיי האבן, פון וויצין אויס, אויך געמאכט אנפאלן אויף איינצלנע אוקראינישע דערפער אין דער געגנט, אפגעצאלט, הייסט עס, די אוקראינער מיט דער זעלבער מטבע, גערויבט, געמארדעט און אונטערגעצונדן אוקראינישע הייזער א.א.וו.

די פאליאקן אין דער געגנט האבן געלייגט האפנונג אויף וויצין, אויף דער אנפירונג פון „אונטערערד", וואס האט זיך אויפגעהאלטן דארט און האבן אנגעהאלטן, אויף יעדן בויטפאל, אן ענגן קאנטאקט מיט אט דעם דארף.

אויך „מיין" הענריק פלעגט אפט גיין קיין וויצין און איז געווען פון די איינגייער אינעם הויז פון גלח וואלטער.

די פאליאקן, וואס זענען פון נאטור אויס גענייגט צו התלהבות און פאנטאזיע, האבן א נאמען געגעבן וויצין: „מאלא זשעטשפאספאליטא" (קליינע פוילישע רעפובליק). אין וויצין האט מען צונויפגעזאמלט און מאגאזינירט וואפן און אמוניציע, און עס איז אויפגעשטעלט געווארן א מין „מיליטערישער שטאב", וואס בראש פון אים זענען געשטאנען איניקע אפיצירן פון דער געוועזענער פוילישער ארמיי. אלץ איז פלאנירט און צוגעגרייט געווארן מיט פאכקענטעניש פון געאיבטע און אויסגעביל־דעטע מיליטערלייט. און עס איז אויך געזארגט געווארן דערפאר, אז די „קריגס־גרייטשאפט" און „שלאגפערטיקייט" פון די פאליאקן אין וויצין, זאל אויך דערגרייכן צו די אויערן פון די אנפירער פון די באנדעס און די אוקראינישע פויערים אין דער סביבה, זיי די „היידעמאקעס" זאלן זיך נישט דערוועגן צו פראוואצירן און רייצן די וויצינער. עס איז געווען אין חודש דעצעמבער, אין איינעם פון די טעג, ערב דער קאטוילישער ווינאכט, ווען דער גלח וואלטער האט געמאכט א באזוך אין הויז פון הענריקן אין קראסנא, כדי צו געבן אים און דער פאמיליע זיין ברכה אויף דער שוועל

פון יום־טוב פון יעזוס־געבורט און דעם אנהויב פון נייעם יאר וואס דערנענטערט זיך.

הענריק האט אוודאי, נאך מיט א צייט פריער, דערציילט דעם גלח וואלטער, וועגן דעם „מאסקאל וואס געפינט זיך אין זיין הויז. וועגן זיין אויפפירונג, וועגן דער מאס פון פארטרויען וואס מען מעג אים שענקען, און, ווי עס ווייזט אויס, איז ער בקי אין די קליינע אותיות א.א.וו.

די אינטעליגענטערע צווישן די פאלאקן אין דער געגנט, ווי ווייט זיי האבן נישט עוקר געווען אין מערב גאליציע אדער קאנגרעס פוילן, האבן אויסגעקוקט, געהאפט, אז די ישועה און רעטונג וועט קומען צו זיי פון מזרח. נאך דעם אומברענגען די יידן, האבן זיי געהאלטן, אז איצט קומען זיי, די פאליאקן אינדער ריי. זיי האבן מורא געהאט פארן מארגנדיקן טאג און געגלויבט אז נאר דאס ארייננקומען פון די סאוויעטן, וועט זיי ראטעווען פון אונטערגאנג און אומקום. די פאליאקן האבן געהאלטן אין זייערע הייזער, מיט גרויס פארזיכטיקייט, פארשטייט זיך, רוסן, געוועזענע ארמיי אנגעהעריקע, אדער אויף ארבעט פארשלעפטע, וואס זענען אנטלאפן פון די דייטשע ארבעט און געפאנגען־לאגערן, וואס האבן זיך געפונען הינטער דער פראנט־ליניע און אינעם וויטערן הינטערלאנד.

ווייזט אויס, אז זיי האבן שוין געוווסט, אדער באקומען אנווייזונגען, פון העכערע אינסטאנצן, וועגן דעם קאנטאקט וואס איז איינגעשטעלט געווארן צווישן זייערע פירער אין לאנדאן מיט דער מאסקווער רעגירונג. הגם די ארטיקע פרעסע האט מיט גארנישט דערמאנט, און גארנישט געגעבן אנצוהערן וועגן דעם. זיי, די פאלאקן, האבן אלזא, געזען אין די רוסן, בירגער פון ראטפארבאנד, זייערע פאר־בינדעטע.

דער גלח וואלטער האט געפרווט אנבינדן מיט מיר א געשפרעך אזויווי מען שמועסט מיט איינעם, וואס מען קאן נישט נענטער, אבער מען האט וועגן אים געהערט דערציילן אסך, וועגן זיינע מעלות א.א.וו. ער ווייסט און קען הענריקן ווי א מענטש א בעל שכל; ער רעכנט זיך מיט זיין מיינונג, דערביי איז ער אבער בלויז א פשוטער פויער, אויף וועלכן מען קאן זיך נישט אינגאנצן פארלאזן.

כ׳האב געוווסט און פארשטאנען, אז איך בין ווידער געשטעלט געווארן

פאר א שווערן עגזאמען, וואס קען האבן פאר מיר וויכטיקע פאלגן, צום גוטן און צום שלעכטן...

דער אויפטריט פון „פאטער יאן״ (אזוי האט ער געהייסן ביי מיר, אין זיין אנוועזנהייט און הינטער די אויגן, אין רוסיש, פארשטייט זיך, „אטיעץ יאן״), איז געווען טאקע א פאטערלעכער, האט געשפרודלט מיט חסד, געשטראלט מיט א גינציק,גוטהארציק שמייכעלע, וואס האט זיך ברייט צעגאסן אויף זיין גלאט געזונטן און ראזיק־לויטערן פנים. אט דער שמייכל איז אויסגעגאסן ווי א מאסקע אויפן פנים פון גלח, באזונדערס, ווען ער קומט אין בארירונג מיט זיינע פרומע, גלויביקע. דאס איז א סארט פראפעסיאנעלער „גרים״, אויב מען קאן אזוי זאגן. עס איז אפשר, נישט קיין צביעותדיקע מאסקע, וואס פארדעקט די מחשבות פון הארץ; עס איז א נאטור, אזא, כמעט, אדער געוווינהייט, וואס איז געווארן נאטור. אלץ איז ביי זיי ביי אט די פראפעסיאנעלע, גייסטיקע פאסטוכער, איבונג און שולונג; אויך די צונג זייערע איז געשולט, אין ווארט, אין אויסדרוק. אזוי אויך יעדער באוועגונג מיטן קאפ, מיט די הענט, מיט די אויגן, מיט יעדער אבר, אלץ אז דא גלח, פון קאפ ביז די פיס...

און איך — א יידיש קינד, א זון פון תמימותדיקע, כשרע יידישע טאטע־מאמע, שטעק אריין, דאס ערשטע מאל אין מיין לעבן — מיין האנט אין דער גלאט־ווייסער האנט פונעם גלח. א גרויסער צלם גלאנצט אראפ פון דער ברוסט, פון דער שווארצער גלחישער סוטאנע. איך שטיי זייער נאנט צו אים, און דאס וועקט אין מיר א באהאלטענעם פחד, אן אטאוויזם אזא, אפנים אין מיין בלוט, און א ווייטיקלעכער אפשיי... און איך נעם צוהילף, — אדאנק דער אינספיראציע פון די זיך דערנענטערנדיקע ימים־טובים — אייניקע פסוקים פון דער הייליקער שריפט, כ׳ציטיר די עוואנג־עליע, און די אפאסטאלן... כ׳האב עס נישט פון פריער צוגעגרייט; דער אינסטינקט פון „זעלבסט־פארטיידיקונג״ האט מיך געפירט דירעקט צו זיי, צו יענע פסוקים... פריער פון אלץ, האב איך געדארפט זען ווי ווייט מעגלעך, באהאלטן מיין יידישקייט. צו באזייטיקן, פארטושן, דערשטיקן אין ווארצל יעדן חשד, וואס וואלט אפשר געקאנט דערוועקן זיך ביי דעם, וואס שטייט מיר אנטקעגן, וואס איז זיכער געווינט צו דערמאנען צו

שאנד און חרפה, אין דער יום־טוב דרשה — יהודה איש קריות...

די פסוקים האבן געטאן זייער דינסט אויך אין אן אנדער ריכטונג, צו וועלכן איך האב זיך בכלל נישט מתכוון געווען: זיי האבן אריבערגע־פירט דעם שמועס אויף נישט פאליטישע רעלסן וואס זענען פאר מיר געווען זייער נישט באקוועם. אין ערשטן שמועס מיט אט דעם פאליטיש גוט געשולטן און זייער אינטעליגענטן מענטשן, וועמען איך האב נאך נישט געגוג צייט געהאט כאטש אויבערפלעכלעך קענען צו לערנען. און נאך עפעס: דער גלח האט אין מיר געזען, קודם כל איינעם, „וואס קומט פון דארט פון גאט פארגעסענעם סאוויעטישן דזשונגל", אט דער, וואס איז צו זיין גרויסן שמערץ און בראך געווארן דער „פארבינדעטער" פונעם קאטוילישן פוילן. און ער דארף דאס ברענגען פאר איר, פאר זיין פוילן, די געוווּנשענע און אויסגעבענקטע גאולה... און זיין הארץ איז דאך צעריסן אויף שטיקער: ווי אזוי איז דאס מעגלעך, ווי קאן געמאלט זיין, דער טריומף־מארש פון דערלייזונג און גאולה אין איין מחיצה און אונטער דער שווערער, ביז צום גרויל דערדריקונגדיקער „שוץ" און אפּוטרופסות פון אט די גאט פארלייקענער, וואס זענען נאך צום בייזן מזל, מגושמדיקע „מאסקאלעס", וואס האבן קיינמאל אויף זיך נישט געטראגן געהעריק דעם עול פון הימלישן מלכות, בלאנדזשענדיק פון תמיד אן אין דער פינסטער־קייט פון „פראוואסלאווישער געצנדינעריי", וואס האט טאקע געבראכט אויף זיי דאס אומגליק... און אט האט ער, צו זיין גרויסער און פריידי־קער איבעראשונג אנדעקט, אז עס איז נאך נישט פארוואקסן די סטעזשקע, פארוויסט דאס פעלד, פאר גאטס ווארט און זיין געזעץ, — פון די פסוקים וואס איך האב פאר אים ציטירט, האט ער דאס געלערנט — אויך דארט, טראָץ דער הערשאפט און שווערעהאנט פון אט די שונאים פון יעזוס...

די זאך האט מיר אויסגעזען מערקווירדיק און אומפארשטענלעך, מסתמא א דאנק דעם יידישן סקעפּטיקער און צווייפלער אין מיר, וואס אט דער געבילדעטער און געלערנטער מאן, א מענטש פון ברייטע ברייטע האריזאנטן, א קלוגער, א בקי און באהאונטער, אין מאדערנעם וועלט־באנעם, אין טעאריע און פראקטיק, און אויך אן אויפריכטיקער גלויביקער, זעט אויס דורכגעדרונגען פון אן עכטן ווארעמען רעליגעזן

געפּיל — ווי אַזוי זשע איז נישט פאַרטונקלט געוואָרן דער גלאַנץ און שיין פון אַט דער אמונה ביים גרויליקן שאָטן פון דער יידישער טראַגעדיע? — אומזיסט האָב איך געזוכט, נאָכגעשפּירט נאָך אַ רמז, אַ ווונק, אַ אָנצײַכעניש פון חשבון הנפש, פון מיטגעפיל, פון אַ קרעכץ, ווייניקסטנס אויפן חשבון פון פיין און אומקום פון די יידן, אין אַט דעם שמועס, וואָס פיל, פיל פון זיינע עיקרדיקע פּסוקים זענען געווען אַזוי יידיש, פון שורש און אָפּשטאַם...

פאַרשטייט זיך, אַז פון מיין זייט איז נישט געווען די מינדעסטע איניציאַטיוו פון אינספּירירן און אַ קער טאָן דעם שמועס אין אַט דער ריכטונג, אָבער אין לויף פון שמועס, וואָס אין זיין צענטער איז געשטאַנען אַ פלאַמיקע טיראַדע פון גלח וועגן פוילן, „דעם קריסטוס פון די פעלקער" (לויט דעם באַקאַנטן וואָרט פון מיצקעוויטש), איז געווען און געוועזן אַ פּלאַץ און געלעגנהייט פאַר אַ קרעכץ, אַ צער אויסדרוק, אַ טירל פאַר תשובה אָז חשבון הנפש, אויפן קבר פון דריי מיליאָן פּוילישע יידן.

יאָ, דער שאָטן פון מיליאָנען טויטע יידן, דאָס אומשולדיקע און הייליקע בלוט פון זייערע קליינע קינדערלעך, וואָס איז ווי וואַסער פאַרגאָסן געוואָרן, אויף דער ערד פון פוילן, האָט נישט פאַרטונקלט דעם גלאַנץ פון אַט דער אמונה, וואָס האָט גערופן צוויום־טוב, צו באַגעגענען די בשורה פון געבורט פון איינעם אַ ייד, אין אַלטע צייטן אין גליל לאַנד... עס זעט אויס, אַז די אמונה איזנישטאָ ווידי אין וועלכער איך בין דערצויגן געוואָרן, אויפגעוואַקסן און געוווינט געוואָרן צו איר פון קינדהייט אָן. אַט די אמונה פון גלח באַפאַלט נישט קיין שוואַכקייט פאַר אַ האַרץ אויפציטערדיקן חשבון הנפש, זי ברעכט זיך נישט איין אויך ביים אָנבליק פון פאַרגאָסענעם בלוט פון קלייניקע קינדרלעך, אומשולדיקע און ריינינקע, וואָס גיסט זיך פאַר אירע פיס. זי שטייט פעסט, מיטביידע פיס אויף דעם באָדן פון דער ווירקלעכקייט, אויך די, וואָס איז דורגעווייקט פון בלוט, געשפּאַנט און גרייט צו מלחמה, קאַמפס לוסטיק, אפילו בלוט־דורשטיק און איר פּנים איז געווענדעט צו גאולה און דערלייזונג.

דער מקור, דער אָפּשטאַם פון אַט דעם גלויבן, אַזוי זאָגט מען, איז פון דאָרט, פון יענע יידן, בלייכע אַסקעטן, גאָטזוכער, וואָס האָבן געלעכצט

צו א קעניגרייך פון גערעכטיקייט אויף דער ערד, באגייסטערטע וויזיאנערן און טרוימער פון דער אויסלייזונג פון מענטש, דארט אונטער די לויטערע הימלען פון גליל; דא אבער, האט די אמונה אנגעטאן די שווארצע סוטאנע, א פארקנעפלטע פון האלדז ביז די פוסטריט, פון גלח; נאר דאס ווייסע, שטראלנדיקע פנים זעט מען ארויסקוקן פון דער שווארצקייט. עס פרעדיקט רואיק און געלאסן שיינע ווערטער. טריפט מיט חכמה און געלערנקייט וועגן היסטארישע פראצעסן, שאטן און ליכט, אויפשטייג און ירידה פון דער קולטור פון מענטשן אין אט דער וועלט וואס שטייט פעסט און אומדערשיטערט קעגן די פייערלאוועס פון חורבן וואס באפאלן זי פון צייט צו צייט און האט כלל נישט בדעה זיך איינצוברעכן און ענדיקן אמאל צו אלדי רוחות...

ער, דער גלח איז א ליבהאבער פון געשיכטע. קען זיך אויס אויף איר, עס ווייזט אויס, אז שוין א צייט ווי ער האט נישט געהאט די געלעגנ־הייט צו פירן און זיך פארטיפן אין א שמועס. צו א שארפער אוןליידנשאפטלעכער אויסאנאנדערזעצונג אין דעם ענין. און אט, מיינט ער, אז דא איצט, אין אט דעם אויפטריט, וועלכן ער זעט פאטעטיש ווי א מין קאנפראטאציע פון מערב קעגן מזרח האט ער געפונען דעם געהעריקן פלאץ און געלעגנהייט דערצו.

ער רעדט וועגן דעם אידעישן קריזיס אין דער קולטור וועלט אין די אלטע צייטן אין דער גריכיש רוימישער עפאכע, אין דער איבערברוך תקופה און אויף דער שוועל פון נצחון פון קריסטענטום (ארום דער צייט פון בר־כוכבא אויפשטאנד בערך) ער ציטירט ווערטער און געדאנקען פון די שריפטן פון א באקאנטן גריכיש־רוימישן היסטאריקער און ביאג־ראף פון יענער תקופה. וועמענס נאמען איז אים ארויס פון זכרון און ער קאן זיך נישט דערמאנען. (ער אט בישט געזינדיקט מיט קיין איבער־געטריבענער אבסטינענץ פון ביטערן טראפן) כ'האב געפרווט אים דער־מאנען: פלוטארך, פלוטארכאס? זיין פנים האט אויפגעלויכטן: „יא, טייע־רער — האט ער געזאגט — פלוטארכאס האט ער געהייסן". ער האט גענומען מיין האנט אין זיינער און געהאלטן זי א קליינע ווילע א פארטראכטער א ביסל, און נאכהער האט ער געזאגט, ווי איינער, וואס

ביי אים איז רייף געווארן א וויכטיקער און אנטשיידענער באשלוס: „וועסט זיין מיין פריינד, ווערסט באזוכן מיין הויז"... די שטוב מענטשן, וואס זענען די גאנצע צייט געזעסן שווייגנדיקע, מיט אן אויסדרוק פון דרך ארץ און שטילער פרומער באוואונדערונג, כדי נישט צו שטערן דעם טיפן און וויכטיקן, פאר זיי אומפיירשטענדלעכן, און מסתמא דערהויבענעם שמועס, אבער צופרידענע און אפילו שטאלץ אויף דעם לאנג דויערדנדן באזוך פונעם גלח, און דעם אינטערעס, וואס ער האט ארויסגעוויזן צום „מאסקאל" וואס עסט ביי זייער טיש, זענען אויפגעשטאנען פון זייערע ערטער, און אנגעהויבן זיך דערנענטערן מיט פאמעליכע טריט צו אונדז אין דעם מאמענט ווען דער גלח האט זיך אויפגעהויבן פון זיין פלאץ, וואס איז געווען אַ צייכן, אז דער שמועס האט זיך געענדיקט.

די קינדער, וועלכע זענען די גאנצע צייט געווען אויפן הויף, זענען אויך אריינגעקומען. אלע פיר האבן אונדז ווי ארומגערינגלט אין א קרייז. דער גלח האט זיך געווענדעט צו יאדוויגאן און הענריקן און געזאגט. „איך האף אז פאן אנטאן, (איך, הייסט עס) פילט זיך גוט אין אייער הויז. און איר האט אים ליב. אבער, אין די איצטיקע, סכנהדיקע טעג, וואלט אפשר גלייכער געווען, ער זאל גאסטן אין מיין הויז, אין וויצין; דארט איז די סכנה אסך א קלענערע"... איך האב געדאנקט פאר דער גנענדיקער איינלאדונג, זיך טיף פארנויגט און געזאגט: „כ'בין צוגעבונדן צו די קינדער און צי די מייניקע אין דעם הויז ווי אן אייגענער, ווי איינער פון דער משפחה, מיט זיי וויל איך בלייבן, טיילן מיט זיי דעם בשותפו דיקן גורל, און גאט וועט זיינס טאן"...

דער גלח, די קינדער און די עלטערן האבן געקוקט אויף מיר זייער גערירט, — מסתמא איז א טרויער געלעגן אויף מיין פנים; כ'האב געהאט געגוג סיבות דערצו; זיי האבן ווי ענגער געשלאסן דעם קרייז ארום מיר. דער גלח האט אויסגעשפרייט זיינע הענט צו א ברכה און שטיל געזאגט מיט א גערירטער שטים: „קריסטוס איז נאענט, זיין הילף וועט נישט פאר־ שפעטיקן צו קומען" — ער האט געמאכט דעם צייכן פון צלם איבער אונדז, זיך געזעגנט און פארלאזט דאס הויז.

12 .

# אין יום־טוב טעג

א שטאַרקע קעלט אין דרויסן. דער שניי סקריפּעט אונטער די פיס טריט. א פּראַסטיקע לופט, שאַרף און לויטער־ריין, פילט אויס דעם ווייס בלוילעך־בלאַנקענדיקן אַרום.

ביינאַכט באַדעקן זיך די פענצטער־שויבן מיט א דיקער שנייאיק־אייזיקער שיכט. די שטוב־וואַרימקייט וואָס האָט זיך אַנגעשלאָגן אין די אַנגעשלאָגן אין די געפרווירענע פענצטער, האָט אויסגעמאָלן אויף די שויבן פּראַסטיקע בלומען און א סאָרט שנייאיקע שניצערייען; זיי מאַכן דאָס פענצטער־גלאָז בלינד, מ׳זעט נישט דעם דרויסן. דאָס פּויערים־פאָלק גרייט זיך צו פייערן זיין יום־טוב, נאָר צוויי טעג דויערט דער יום־טוב (פּראַוואָסלאַווּנע האָבן נאָך א דריטן טאָג, א מין חול־המועד), אָבער די יום־טובדיקע שטימונג און אַטמאָספער, באַזונדערס, וואָס שייך עסן און טרינקען, באַזוכן און „קערמעשלעך" פון פריינד און קרובים — האַלט אָן און דויערט כמעט צוויי וואָכן, אייגנטלעך, ביזן א וועקגיין פון די אוקראַיניש־פּראַוואָסלאַווישע (אוניאַטישע) ימים־טובים, וואָס פייערן זייער יום־טוב לויט דעם יוליאַנישן קאַלענדאַר, פערצן טעג נאָך די קאַטוילישע חגאות. דער יום־טוב פאַרטושט די גרעניצן צווישן די געמיינדעס, אין א גרויסער מאָס. מ״איז זיך נוהג צו פייערן און פּראַוועון יום־טוב געמיינזאַם, מ׳מאַכט קעזענזייטיקע באַזוכן אין די יום־טוב טעג, מ״זיצט באַזאַמען, ביים טיש, סעודה און געטראַנק.

די פּאַליאַקן און אוקראַינער זענען טיילווייז פאַרשוועגערט און פאַרוואַנדט

צווישן זיך. נישט זעלטן גייט די פרוי אין קאטוילשן קאשציאל און דער מאן אין פראוואסלאווער צעדקווע און פארקערט. די צוגרייטונגען צום יום־טוב זענען גרויסע און אלגעמיינע. אלץ ווערט צוגעגרייט מיט א ברייטער האנט און בשפעדיקע קוואנטומס: פלייש, פיש, פעטס, בעקעריי און זיסקייטן אסך און אלערליי, דאס מאל פון ווייס מעל, אייער, שמאנט, א. א. וו. נישטא קיין סימן און זכר דערפון, אז ס'איז מלחמה, מאנגל און בויט בושעוועך שוין יארן אין לאנד, אויף דער וועלט. דא איז אלץ פאראן איבערגענוג און ווערט דערלאנגט מיט א ברייטער האנט און היפשע פארציעס אויף דעם סעודה טיש.

צום מאלצייט אין דער הייליקער נאכט וועט מען דערלאנגען נישט ווייניקער ווי עלף מאכלים, אלע אין נשקשהדיקע פארציעס — אנטקעגן די עלף פיין־סטאציעס, וואס יעזוס איז דורכגעגאנגען אויף זיין וועג צו דער קרייצונג. (וויא דאלאראזא) עס איז, אמת, א גרויסער ספק צי די פויערים און זייער הויזגעזונד זענען מכוון און האבן איגזינען די דערמאנטע סטאציעס, בשעת זיי „פארניכטען" איינע נאך דער אנדערע די הויפנס — פארציעס וואס מען דערלאנגט זיי אויפן טיש. אבער די עצם ארבעט, דאס עסן און דאס טרינקען וואס געהער דערצו, ווערט געטאןבשלימות, כמעט מיט איבער־נאטירלעכער מעגלעכקייט... פיל פון זיי וועלן, אמת באקומען בויכווייטיק און אונטער־קרענקען א טאג אדער צוויי ארום נאך דער סעודה; זיי ווייסן עס גוט פון זייער פראקטיק פון די פארגאנגענע יארן, אבער, כאטש אזוי, טוט יעדער איינער פון זיי, סיי יונג און סיי אלט זיין העכסטע מעגלעכקייט כדי צו פארטיליקן ביז ענדע אלץ, וואס ווערט דערלאנגט אויפן טיש און ווער עס ווייזט ארויס באזונדערע מעגלעכקייט דווקא ביי די לעצטע פארציעס, דער פארדינט א באזונדערן שבח...

וואס שייך מיר — האבן זיך אין מיר אנדעקט „אפגרונטן" וואס כ'האב קיינמאל נישט געאנט וועגן זיי. דאכט זיך, אז איך בין קיינמאל נישט געבליבן הינטערשטעליק און ווו כ'האב גענומען כוחות דאס אלץ אויסצו האלטן — דאס איז דער סוד פון די הימלען...

בעת דער סעודה גיסט מען אן פול, יעדעסמאל פונדאסניי, די גלעזלעך מיט שארפער משקה און מען ליידיקט זיי אויס, שנעל מט דער געהעריקער

האנט־באוועגונג. דעם קאפ פארוואָרפן צום האלדז און נאקן, מעשה מאנספערשוין. אויך די ווייבער בלאנדזשען שלאבריק מיט די הענט צווישן די אנגעגאסענע גלעזלעך, ווי אומגערן און געצווונגען כלומרשט, די אויגן זייערע טרערן, זיי דריקן אויס אונטערטעניקייט און רחמנות, אבער אויך זיי פארשעמען נישט דעם טיש חס ושלום... די קינדער טרינקען פארהעלטניס־מעסיק ווייניק; דערפאר אבער לאזן זיי זיך ווידער און ווידער הערן אין א מעלאדישן, קלינגענדיקן געזאנג, לויטער־קלארע שטימעלעך שניידן דורך ווארעם און פריילעך, די פראסטיקע ווינטער־לופט, און הילכן אפ ווייט ארום אין דארף, וואס איז פארזונקען אין א פייערלעכער שטילקייט, איינגעהילט אין א לויטערער, גלאטער, שניידעקע, וועלכער קיין מענטשלעכער פוס באטרעט נישט, אין די שעהן, אין דער שטילקייט פון דער הייליקער נאכט...

די קינדער זינגען „קאלענדע" און די דערוואקסענע באמיען זיך זיי נאכצוהאלטן מיט הייזעריקע שטימען, ווי זיי וואלטן זיך געוואלט דערמאנען אין זייערע אייגענע קינדעריארן. (די „קאלענדע" איז א רעליגעז פאלקס־ליד, וואס די קינדער זינגען אין די ערב חגא טעג, ווען זיי קומען און שטעלן זיך גרופעס־ווייז אונטער די פענצטער כדי אנצוזאגן די בשורה פון אנקומענדיקן יום־טוב, די בשורה אז עס איז געבוירן געווארן דאס „קינד יעזוס").

דאס ליד זינגט וועגן דעם „זשלויב", ווו עס איז צום ערשטן מאל פארוויגט און איינגעשלאפן געווארן דאס קינד יעזוס, אט דער וואס איז באשטימט געווען פון דער השגחה צו ברענגען די בשורה פון דערלייזונג און ישועה פאר די וואס זיצן דא ארום טיש, פון וועלכן עס טראגט זיך א שווערער גערוך פון „סאמאגאן", ביז צום נישט גוט ווערן... אבער דער „זשלייב", דאס הייסט די ברייטע קאריטע אין וועלכער זיי טרינקען און קארמענען יעדן טאג זייערע בהמות, און אין איר טאקע, „הויזן" זיי דאס ביי געבוירענע קינד יעזוס, איז טאקע זייער אייגענער. ער סימבאליזירט זייער יעדן טאג, פון ארבעט און גאר נישט לייכטער מי, און אויך די זאטקייט און שפע, די ברכה פון די הימלען פאר דער מי פון מענטש אויף דער ערד; און אזא איז אויך זייער יום־טובדיקער טיש, ארום

וועלכן זיי זיצן. ער איז זייערער. ער שענקט זיי לעבנס־פרייד, אן עכטע און געזונטע. זי פולט אויס גאנץ און פול זייערע הערצער. אין אט די דומ־פיקע ריחות וואס טראגן זיך פון די מאכלים און געטראנקען אויף אים — דערהויבן זיי זיך פון דער גרויער וואכעדיקייט צו די הויכקייטן פון יום־טוב אויף זייער שטייגער...

אלס א „פראוואסלאווענר" האב אך נאך געמוזט ווידערהאלן די שפיל. צו פראוועז דעם וויינאכט־טיש ביי אונדזער שכן, דעם אוקראינער, וואס האט אנגעהאלטן אן ענגערע פריינדשאפט מיט העלריקן און זיין פאמיליע, — וואסיל ציונא. פארשטייט זיך, אז דאס מאל האב איך שוין געוווסט ווי זיך אויפצופירן, ווי א געניטער אינעם ענין נישט ווי דאס ערשטע מאל ביי העלריקן אין שטוב, וווּ כ'האב געמוזט, אין פארלעגנהייט, פארענטפערן מיין „עם הארצישקייט" מיטן אויסרייד, אז דאס וואס מען האט אמאל געלערנט אין דער קינדהייט, האט אויסגעוועפט פון זכרון. פארשטייט זיך, צוליב די זינד פון די רשעים אין אונדזער צייט, וואס האבן געטאן אלץ צו דערוויטערן און פארפרעמדן דאס פאלק פון גלויבן און טראדיציע, אין מיין געבוירן לאנד, אין אט די לאנגע און שווערע יארן...

אט דער ציונא איז געווען א זייער פעיקער און באגאבטער מענטש, געהאט ממש „גאלדענע הענט". ער איז געווען א קרענקלעכער, האט געליטן פון אשווערע אסטמע און איז געווען באשעפטיקט ביי כלערליי ארבעטן אין אלע שעהן פון טאג, ווען ער פלעגט נישט ליגן אין בעט. ער איז געווען יונג, א דרייסיק יאר אלט. א טעכניקער־מאשיניסט, א כל־יכול: געקענט פארריכטן א זייגער, אויסמייסטערן דעם „סאמאוואר", פאר אויסדאמפן דעם סאמאגאן, פארריכטן א ניי־מאשין. רעמאנטירן א ראדיא־אפאראט. ער האט טאקע אויסגערעכטעט פאר אייגענעם געברויך אזא כלי, וואס מען האט געקענט הערן אויך אים אלע דייטשע „זענדונגס־סטאציעס" אינעם אקופירטן געביט ווי אויך אין דייטשן רייך. די „זענדונגען" זענען, פארשטייט זיך, גרעסטנטייל געווען אין דער דייטשער שפראך, אבער די דייטשן האבן אויסגעטיילט געוויסע שטונדן פאר אוידיציעס אין די שפראכן פאר די פעלקער פון די אקופירטע געביטן. אין דעם אקופאציע שטח אופן מזרח זענען עס געווען די שפראכן אוקראיניש, פויליש, רוסיש, און בעלארוסיש,

ווי אויך סלאוואקיש, אונגאריש, און איטאליעניש פאר די מיליטערישע פארמאציעס פון אט די פעלקער, וואס זענען איינגעשלאסן געווארן און די ראמען פון דער דייטשער פראנט־ארמיי, אין מזרח.

ציונא אליין פלעג צייט האבן צו הערן ראדיע נאר אין די זונטיקס און רוטעג. ער איז געווען א באוווסטזיניקער אוקראינישער נאציאנאליסט אויך די פרוי זיינע, אלענא, איז געווען א פלאמיקע אוקראינישע פאטריאטקע, אבער ביידע זענען נישט געווען קיין אקטיווע פאליטיש־געזעלשאפטלעכע טוער.

די אקטיווע טוער פון אוקראינישן אונטערערד, פלעגן אנקומען פון צייט צו צייט, צו זיין הילף, באנוצן זיך מיט זיין ראט, פאך און זאך־קענטעניש ביים באגיין זיך און פאריכטן פון געווער און וואפן, ראדיא־אפאראטן א. א. וו. אבער זיי האבן אים נישט באלעסטיקט איבער דער מאס, צוליב זיין קרענקלעכקייט און פיזישער שוואכקייט. ביי ציונאן אין הויז בין איך אויך, פארשטייט זיך, געווען אן אוקראינישער נאציאנאליסט, ווי אלע אנדערע, נאר מיר ביידע, ציונא און איך, האבן נישט ארויס־געוויזן קיין גרויסן אינטערעס פאר פאליטיק, און נאר זעלטן ווען, פון מיין זייט, אוודאי נישט מיט קיין באזונדערן חשק — איז אונדז אויסגעקומען צו שמועסן וועגן פאליטישע ענינים. פון נאטור אויס אן ערלעכער און גוט־הארציקער מענטש, האב איך מיטאים אנגעהאלטן פריינדשאפט נאך פון די צייטן פון מיין זיין ביי דמיטרי שערעמעט. דא אין קראסנא, איז די פריינדשאפט געווארן נאך אן ענגערע און נאנטערע, צוליב דער גאר נאענ־טער פריינדשאפט צווישן אים און הענריקן, מיין בעל־הבית און ברויט־געבער. מיט דעם גאסטן ביי ציונאן אין הויז אין די יום־טוב טעג, בין איך געווארן ביי אים א היימישער בן־בית כ׳פלעג אפט ארייננגיין צו אים אויף א שמועס און אמאל אין א רו־טאג כדי צו פארטרייבן די לאנגווייליקייט, האב איך אנגעטאן איוף די אויערן די הער־מושלען פון זיין ראדיא־אפאראט, „כדי צו הערן א ביסל מוזיק"... פיל מוזיק האב איך וואס אן אמת נישט געהאט די געלעגנהייט צו הערן דורך ציונאס ראדיא־אפאראט, אבער, עס איז מיר אויסגעקומען צו הערן אסך אנדערע זאכן, פאר וועלכע איך האב דווקא געהאט אגרויסן אינטערעס.

.13

# די אוקראַיִנישע נאַציאָנאַליסטישע באַוועגונג

ביים צוהערן זיך צו די ראַדיאָ אודיציעס אין דער אוקראַיִנישער שפּראַך, האָב איך געהאַט געלעגנהייט נאָכצופאָלגן די טעטיקייט און אַקטיוויטעט, קענען לערנען די טענדענצן, כאַראַקטער און פאַרנעם פון אָט דער באַוועגונג, נישט בלויז אויף דעם שטח וואָס איז געווען אונטער פּוילישער הערשאַפט ביזן אויסברוך פון דער מלחמה, נאָר צו באַקענען זיך מיט דער זאַך־לאַגע און שטימונגען אויך פון „יענער זייט גרענעץ" און דעם ריזיקער שטח פון דער סאָוויעט אוקראַיִנע.

צוויי זענען געווען די ראַדיאָ־סטאַציעס וועלכע האָבן געשיקט די אודיציעס אין דער אוקראַיִנישער שפּראַך. איינע אין לעמבערג, וואָס איז געווען באַגרעניצט בלויז אויף אייניקע שעה טעגלעך און די צווייטע אין קיעוו, וואָס מען האָט געקאָנט הערן אירע אודיציעס כמעט אין גרעסטן טייל פון די פּאָר נאָכמיטאָג שעהן ווי אויך אין די אָוונט שעהן.

די אוקראַיִנישע אונטערגרונט באַוועגונג אין גאַליציע האָט זיך פאַרמירט אין רעגולערע און געשולטע מיליטערישע פאָרמאַציעס, געוויס מיט דער אינספּיראַציע און הילף פון די דייטשן. באַזונדערס אין דער צייט פון זייער ריקצוג פון דער דניעפּער ליניע און אויף מערב פון איר. זיי האָבן באַקומען דעם נאָמען: „אופּאַ" (אוקראַיִנישע פּאַטריאָטישע אַרמיי). דער הויפּט באַזיס פון אופּאַ איז געווען אין די קאַרפּאַטן בערג, אין דרום גאַליציע, אונטערן שוץ פון די געדיכטע אור — וועלדער אין אָט דער געגנט, האָט מען געשולט טוזנטער אוקראַיִנישער יוגנטלעכע און זיי איינגעשלאָסן אין

שלאכט־איינהייטן. גרויסע וואפן־מאגאזינען און פיל קריגס־מאטעריאל באהאלטן אין אונטערערדישע היילן אין די וועלדער און בערג, זענען גע־שטאנען צו זייער דיספאזיציע. אויך אונטערערדישע שפיטעלער, פארזען מיט קראנקנבעטן, כירורגיש־אפעראטיווע קאבינעטן, לאבאראטאריעס, דאקטוירים און קראנקן־שוועסטער האבן זיך געפונען אין זייער רשות.

אנשפארנדיק זיך אויף דעם צוטרוי און סימפאטיע פון דער אוקראיני־שער באפעלקערונג, וועלכע האט פארזארגט דעם נאציאנאליסטישן אונטערערד מיט פראוויאנט און בגדים א.א.וו. איז דער אונטערגרונט פאקטיש געווען א מין שאטן רעגירונג, וואס האט אויס־געשפרייט איר ממשלה אויף אלע שטאטישע און דארפישע ישובים אין דער געגנט.

נאך א לאנגע צייט, נאכן אריינקומען פון די סאוויעטן קיין גאליציע, האבן די „אופא" — פארמאציעס געווארפן א פחד אויף דעם טייל פון מזרח גאליציע און באדראט די וועגן אין דער היבטערפראנט־ליניע פון סאוויעטישן מיליטער וואס האט מארשירט פאראויס אין דער ריכטונג אויף מערב. זיי האבן געפירט א עקשנותדיקן גארילא־מלחמה אנלענענדיק זיך אויף דער באהאלטענער סימפאטיע און אויף דער ממשותדיקער הילף מצד די ארטיקע אוקראינישע איינוווינער און די באזונדערע אפטיילונגען פון דער סאוויעטישער מ.וו.ד. וואס האבן מיט זיי שפעטער כמעט געפירט א רעגולערע מלחמה, האבן געהאט נישט קיין לייכטע אויפגאבע. די „ריינקונג־אקציע" אין די בערג און אורוועלדער האט געדויערט אלאנגע צייט און עס איז נישט באקאנט, ווען זי איז לחלוטין פארענדיקט געווארן.

די אוקראינישע נאציאנאלע באוועגונג אין גאליציע, האט געהאט איראייגנס א גאנצע נעץ פון קולטור־אינסטיטוציעס, דערציערישע און ווירטשאפטלעכע אנשטאלטן, געזעלשאפטלעכע און קולטור־טוער, א זייער אנגעזעענע און וואגיקע אינטעליגענץ, א רייך און פארצווייגטע פרעסע און פארלאגס־וועזן א.א.וו. זי האט זייער־צייט אויסגעשפרייט איר פאליטישע און מאראלישע ממשלה כמעט אויף דער גאנצער אוקראינישער באפעלקערונג אין דער תקופה פון דער פוילישער הערשאפט אין לאנד — אט די באוועגונג איז געווען דער קוואל, פון וואנען עס האט געשעפט איר כוח די נאציאנאליסטיש — אוקראינישע אונטערערד־באוועגונג, וואס האט

דערקלערט אמלחמה אויף טויט און לעבן דעם סאוויעטישן מאסקאלישן ארײַנדרינגלער... פאר די אוקראַינער אין גאליציע זענען די „מאסקאלעס", וואס זענען אנגעקומען פון מזרח געווען א „פרעמדער קערפער", אין נאציאנאל־קולטורעלן הינזיכט, שוין נישט שמועסנדיק וועגן פחד זייערן פארן „קאלכאז" און אנדערע אײַנריכטונגען און מנהגים פון סאוויעטישן רעזשים וואס זיי האבן פײַנט געהאט שנאת־מות...

געווען א פרעמדער פײַנטלעכער עלעמענט

די געגנערשאפט צום סאוויעטישן רעזשים אין גאליציע, איז דעריבער געווען, אזוי צו זאגן, א „שורשדיקע" און „נאטירלעכע", זעלבסטפאר־שטענדלעך אין א גרויסער מאס. אבער די גרויסע איבערראשונג איז געווען די זאכלאגע אין סאוויעט־אוקראינע גופא. באלד נאכן ארײַנקומען פון די היטלער־הארדעס אהין, האט זיך ארויסגעוויזן, אז גאנץ אוקראינע איז דורכגעדרינגען מיט א מין פלאם־פײַער פון שנאה און פאראט קעגן דעם סאוויעטישן רעזשים. „עס קלינגען ווידער די קלויסטער־גלאקן אין דער לענג און ברייט פון אוקראינא"! האבן פײַערלעך אנגעזאגט די בשורה אלע ראדיא־הילכער און צייטונגס־קעפלעך אויף דעם גאנצן ריזיקן אקופאציע שטח פון די דייטשן, ביז צום דאן און דער וואלגע. צענדליקער און הונדערטער צייט־שריפטן און ביכער זענען געבוירן געווארן און פלוצלונג געוואקסן און אויפגעקומען ווי גיפטיקע שוואמען אויף דעם גאנצן שטח פון סאוויעט־אוקראינע. די דייטשן האבן דאך נישט געקענט קיין אוקראַי־ניש. שרײַבער, פאעטן, און וויסנשאפטלער, אוקראינישע, צווישן זיי געוועזענע מיטגלי־דער פון דער קיעווער אקאדעמיע, האבן דאס אלץ געשאפן, מיט אײַפער און התלהבות אנגעפירט און געפלעגט. זיי האבן געשריבן א גוטן אוקראיניש, געגאסן מיט שלאנגען האס זייער גיפטיקע שוים אויף די „קאצאפעס" (רוסן) און דעם „זשידא־קאמונא". מען האט זיי פרײַגעלאזן און זיי האבן באקומען די געלעגנהייט „אויסצורעדן" זיך דאס הארץ פאר די אלע לאנגע יארן...

איך דערמאן זיך אין א געוויסן צייטונגס־ארטיקל, אין וועלכן עס איז געווען א גרויל־מעשה וועגן הונגער־טעג אין אוקראינא, און וועגן א פרוי,

וואס האט אויפגעגעסן דאס לייב פון איר קינד אין יענע טעג. דער ארטיקל האט געטראגן די אונטערשריפט פון א מיטגליד פון דער אוקראאינישער מלוכה־אקאדעמיע; די צייטונג, אין וועלכער דאס ארטיקל איז פארעפנט־לעכט געווארן, איז געקומען און געטראפן צו מיר, אזש פון פאלטאווע.

דער הערשער פון אוקראינע איז געווען דער פינצטערער אידעאלאג פון שאנד און גרויל באקאנטער, פון דרייטן רייך, אלפרעד ראזענבערג.

די אוקראאינישע יידן האט מען נישט געפירט אין די טויט־לאגערס און קרעמאטאריעס אין פוילן — זיי זענען אויסגעמארדעט געווארן מאסנווייז אויף זייערע וווינערטער. נאר א געוויסע צייט האבן עגזיסטירט געשלאסענע יידן — געטאס אין געוויסע שטעט אין אוקראינע, ווי למשל אין זשיטאמיר. זיי זענען דארט אויסגעגאנגען פון בויט און הונגער. וואס האט נישט געהאט דאס גלייכן אין גאנץ פוילן.

די „קאלכאזניקעס" און די אין „קאמסאמאל" דערצויגענע יוגנט האבן זיי איינגעקלעמט אין א שטרענגער באלאגערונג, האבן נישט געלאזט אריינשמוגלען אין געטא קיין שפייז און עסנווארג. און זיי, די יידן, ווי סאוויעטישע בירגער האבן נישט געהאט קיין פארמעגן, וואס מען זאל קענען פארקויפן אדער פארטוישן פאר א שטיקל ברויט די נשמה צו דערהאלטן.

די אויפפירונג פון די אוקראינער, בירגער פון ראטן־פארבאנד אין משך צענדליקער יארן, די שטארקע שנאה צום סאוויעטישן רעזשים און זיינע אנפירער, מצד די ברייטע באלקס־שיכטן און אינטעליגענטע קרייזן גלייכצייטיק — איז געווען א מאדנע, דערשיטערנדיקע דערשיינונג. ווייל עס איז דאך געווען באקאנט, אז די אנפירער פון סאוויעטישן רעזשים האבן אינוועסטירט גרויסע מיטלען און אסך כוחות אין דעם אינדוסטריעלן אויפבוי־ווערק אין אוקראינע אין די לעצטע עטלעכע צענדליק יאר.

זיי האבן אויפגעבויט דאס ריזן־ווערק דניעפראסטרוי, אויפגעשטעלט א מעכטיקע אינדוסטריע אין אסך שטעט, ווי כארקאוו און אנדערע. און אויך נייע אינדוסטרישטעט אויפגעבויט, סטאלינא, א. אנד.

די אוקראַינישע נאַציאָנאַלע באַוועגונג איז דאָך געשטאַנען אויסער דעם געזעץ אין צאַרישן רוסלאַנד. פּובליקאַציעס אין דער אוקראַינישער שפּראַך זענען געווען כּמעט פאַרבאָטן אונטערן צאַרישן רעזשים; אין די עפנטלעכע שולן האָט מען נישט געלערנט אוקראַיניש. נאָר בלויז רוסיש. ערשט מיטן נצחון פון דער רעוואָלוציע, האָט אויפגעשיינט דאָס מזל פון דער אוקראַינישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג אין רוסלאַנד. זי איז אויפגעבויט געוואָרן ממש פון פונדאַמענט ביז צום דאַך. פון דער דאָרפישער שול אין דער אוקראַינישער שפּראַך, ביז צו דער מלוכה־אַקאַדעמיע אין קיעוו. אַזוי אויך אויף אַלע אַנדערע שטחים פון געזעלשאַפטלעך־קולטורעלן לעבן — צייטונגען. טעאַטער, מלוכהשע און עפנטלעכע אַמטן. און אַ אינסטיטוציעס. אַלץ כּמעט אויסשליסלעך אין דער אוקראַינישער שפּראַך.

מיטן אַריינקומען פון סאָוויעטישן מיליטער, אין האַרבסט, 1939, קיין לעמבערג, האָט זיך באַלד אָנגעהויבן אַ קאָנסעקווענטע אוקראַיניזאַציע פון די דערציונג און קולטור־אינסטיטוציעס אין אָט דער שטאָט, וווּ בלויז 20 פּראָצענט פון אירע איינוווינער זענען געווען אוקראַינער.

די סאָוויעטישע מאַכט האָט געטאָן אַלץ, געמאַכט אַלע אָנשטרענגונגען צו געווינען די סימפּאַטיע פון די אוקראַינער. באַזונדערס, פון דער אוקראַינישער אינטעליגענץ. די סאָוויעטן האָבן דערווייטערט די גרעניצן פון דער אוקראַינע אויסגעברייטערט איר שטח ביז קרים אויף דרום מזרח, און זיי האָבן פּלאַנירט צו פאַרגרעסערן דעם שטח פון אוקראַינע ביז אויף יענער זייט פון די קאַרפּאַטן בערג, אין דרום־מערב.

אַ קענטיקע צאָל פון אוקראַינער האָט אָפּגעגליקט צו דערגרייכן הויכע פּאָזיציעס אין דער אָנפירונג פון ראַטן־פאַרבאַנד און דורכצוהאַלטן אויף זייערע פּאָסטנס, טראָץ אַלע שטורעמס און רייניקונגען, וואָס האָבן געהאַט זייערע גורלדיקע און דראַמאַטישע פאַלגן אין „פּערזאָנען וועקסעל" אין אָט דער אָנפירונג, — ווי וואָראָשילאָוו, טימאָשענקאָ, כרושטשאָוו. ניקיטאַ סערגייעוויטש כרושטשאָוו, וועמען איך האָב געהאַט די געלעגנהייט צו הערן רעדן אויף אַ גרויסער פאַרזאַמלונג פון דער פּראָפעסיאָנעלער אינטעליגענץ אין לעמבערג, אין האַרבסט 1939, איז געווען, אַלס גענעראַל סעקרעטאַר פון דער אוקראַינישער קאָמפּאַרטיי, דער אייגנטלעכער הערשער

אין משך פון נישט ווייניקע און נישט גרינגע יארן פאַרן סאוויעט רעזשים אין אט דעם לאנד.

אט דער רייכער און אומגעהויער פּרוכטבארער לאנד־טייל, איז תמיד געשטאנען אין צענטער פון אינטערעס און זארג מצד דער סאוויעטן מאכט. און די צענטראלע ארגאנען פון דער מלוכה האבן גוט פארשטאנען זיין אנטשיידנדיקע חשיבות פארן פאטענציאל, קיום און פארשריט פון גאנצן ראטן־פארבאנד און זיין פאליטיש־ווירטשאפטלעכן סיסטעם. מאסקווא האט נישט אויפגעהערט צו האלטן א וואכעדיק אויג אויף אוקראינע. מיליאנען אוקראינישע פויערים זענען אריבערגעפירט אדער פארשיקט געווארן אין אינערלעכן רוסלאנד אדער אין אירע ווייטע געביטן, קיין סיביר אדער אין קאלטן צפון. דער נייער דור אבער, וואס איז דארט אויפגעקומען, איז דאך, אין זיין אנטשיידנדיק טייל געבוירן געווארן, אדער וועניקסטנס דער צויגן געווארן אויף דער שויס פון דער רעוואלוציע. קיינמאל האט ער נישט געזען און נישט געוווינט געווארן צו אן אנדער רעזשים, ווי צום סאוויעטישן. דעריבער טאקע איז געוועזן אזוי גרויס און דערשיטערנדיק די פּלוצימדיקע איבערקערענש ווען איז פארגעקומען, ווי איבערנאכט אין אט דעם דאזיקן לאנד, וואס איז דאך הונדערטער יארן געווען אן אינטעג־ראלער טייל פון אט דער ריזיקער מדינה. הגם עס וווינט דא א כמעט איינהייטלעכער נאציאנאלער בלאק פון איבער פערציק מיליאן אוקראינער. וועגן דער שטארקייט פון אט דער שנאה, דעם כאראקטער פארנעם און טיף פון דער פאראט באוועגונג און קאלאבאראציע (שותפותדיקע טעטיקייט) מיט דעם נאצישן שונא — און זי האט דאך גוט געוווסט, ווער עס איז דער פארבינדעטער, אירער, וועלכע עס זענען זיינע אידעאלן און שטרעבונגען. הגם דער גרעסטער טייל אירער האט אפילו זיין שפראך נישט פארשטאנען, — האט מען זיך געקאנט, דאכט זיך, מאכן א באגריף, אין א געניגנדיקער מאס, פון דעם אלעם וואס איז גערעדט, געזונגען און פארגעשטעלט געווארן אין די ראדיא־אודיציעס פון דער קיעווער ראדיאסטאציע, אין יענע טעג, וואס זענען דערגאנגען צו מיינע אויערן מיט דער הילף פון די הער־רערלעך פון ראדיא־אפאראט אין הויז פון מיין פריינד וואסיל ציונא. א, ניין! דאס איז נישט געווען בלויז אן איבערזעצונג פון דעם העץ

און פראפאגאנדע געביל פון געבעלס און זיין געהילף דיטריך, פריטשע, און די אנדערע לייט פון אט דער באנדע — הגם זי איז געווים געשטאנען אונטער דער השגחה פון דעם נאצישן העץ און אגיטאציע אפאראט בכלל. דאס איז געווען א זעלבשטענדיקער, סאמאראדנער און אריגינעלער העץ־אפאראט מיט אן אייגענעם נוסח. מיט אן אייגנארטיקן טייוולאנישן ברען, כוח און טאלאנט. עס האבן זיך אין אים באטייליקט שרייבער, דיכטער, מוזיקער, זינגער, ארטיסטן, געלערנטע, לעקטארן, מעכטיקע אוקראינישע פאלקס־כארן און ועל כולם — און אין דער ערשטער שורה „פארטייאישע" ס׳הייסט, מיטגלידער פון דער אוקראינישער קאמוניסטישער פארטיי, אינוועניקסטע מענטשן, ווייזט אויס, וואס האבן געוווסט צו דערציילן סודות, דערציילן און אפמאלן געשעענישן און פאסירונגען וואס זיי האבן ווי עדות לעבעדיקע, בייגעווווינט דא אדער דארט אין זייער לאנד. זיי פלעגן ציטירן די באשלוסן פון די באזונדערע קאמוניסטישע קאנגרעסן און די רעדעס פון די מנהיגים פון אט דער באוועגונג מיט זאכקענטעניש און גרויסער און געניטער בקיאות. דער ספיקער איז תמיד געווען, דאכט זיך, אן ארטיסט אדער איינער וואס האט באקומען א באזונדערע שולונג אין דעם פאך; זיין שטים איז געווען אנגענעם, ליטער און פלאמיק. ער האט „געשפילט" מיט התלהבות די גיפטיקע העצע, גערופן דאס „ארעמע" אוקראינישע פאלק צו שטעלן זיך צום קאמף אויף לעבן און טויט קעגן דער „מאסקאליש־באלשעויסטיש־יידישערפיאוקע", וואס זויגט אויס דאס בלוט פון דער „מאמע אוקראינע"... ער האט ציטירט די לידער פון טאראס שעווטשענקא, דעם נאציאנאלן דיכטער פון אוקראינע, וואס גליען מיט צארן און נקמה־דורשט קעגן דעם „מאסקאלישן באצווינגער", ער איז זיך פארגאנגען אין א לירישן געזאנג וועגן „דער רומרייכער פארגאנגענ־הייט פון אוקראינישן פאלק" ער האט דערציילט מיט עקסטאז און פלאקער וועגן די „העראישע ווערק פון די זאפאראזשער קאזאקן, וואס האבן געווארפן אן אימה, זיינערצייט, אויף די טערקן און אויף די פוילישע פאנעס"...

אין יענער צייט איז שוין דער דייטשער פראנט געשטאנען אונטערן צייכן פון מפלות און ריקצוג און די האבן אלץ נישט נאכגעלאזט, זייער

התלהבות איז נישט אפגעשוואכט געווארן, און זיי זענען געבליבן מיט מסירת נפש אויף זייערע פאזיציעס, כמעט ביז דער לעצטער מינוט...

דאס אלץ איז נישט געווען מסוגל גרינגער צו מאכן אויף דיין הארץ, וואס האט געהאפט אויף א גיכער ישועה וואס זאל קומען און זי די ישועה האט דווקא פארלאנגזאמט אירע טריט אין יענע שווערע, ווינטערדיקע טעג.

אט די גיפטיקע פראפאגאנדע האט געלאזט נאך זיך בלוטיקע שפורן, איר השפעה האט זיך געלאזט פילן א צייט לאנג נאכן ארייַנקומען פון די סאוויעטן, געפונען איר פארברעכערישן אויסדרוק אין איינצעלנע, לאקאלע, אנטי־יידישע אויסברוכן און אנפאלן און אויך אין א בלוטיקן פאגראם אין דער הויפט־שטאט קיעוו גופא... כ'האב שוין אמת, דאמאלס געוווסט, אז אונדזער יידישער חשבון איז ענטגילטיק פארענדיקט אויף דאזיקער ערד, אבער די עצם דערשיינונג האט דערשיטערט און געדריקט שווער אויף דיין געמיט. אזוי פיל יארן האט מען זיי דערצויגן, געפלעגט אין זיי בייזע געדאנקען, געפירט אויף בייזע וועגן און ווו איז אהינגעקומען די לאנגיעריקע לערע און דערציאונג?

אין יענער צייט איז מיר אויסגעקומען צו הערן א רעדע פון איינעם א נאצישן פראפעסאר, ווי דער ספיקער האט אים פארגעשטעלט, וואס האט ציטירט די ווערטער פון איינעם א יידישן עסקן אין אמעריקע, וואס איז זעט אויס, ארויסגעטרעטן אויף א יידישער פאלקס־פארזאמלונג אין ניו־יארק. לויט דעם נאצישן פראפעסאר, האט דער אובנדערמאנטער עסקן געזאגט אין זיין רעדע אז „מיר (יידן) וועלן מאכן אלע אנשטרענגונגען כדי אויפסנייַ אויפצובויען דאס יידישע לעבן אין די אלע לענדער וואס געפינען זיך, דערווייל נאך, אונטער דער נאצישער־הערשאפט — און דאס וועט זיין אונדזער גרויסע נקמה אין פייַנד”... אויף דעם האט געענטפערט דער נאצישער פראפעסאר, ניין, מיסטער... די דייטשע ווערמאכט האט איבער דעם יידנפראבלעם אין אייראפע א שטריך איבערגעצויגן און דערביי בלייבט עס...

אזוי, בפירוש, האט דער נאצישער פראפעסאר „פרעזענטירט” דאס ווערק פון דער דייטשער ווערמאכט פאר דער וועלט־עפנטלעכקייט, קלאר און אומצווייַדייטיק נאך אין ווינטער 1944...

.14

## דער פראנט האט זיך א ריר געטוען און ווידער אפגעשטעלט

נאכן דורכברעכן די באפעסטיקטע דייטשע פראנט־ליניע ביים דניעפּר, איז דער רעכטער פליגל פון דער סאוויעטישער ארמיי, וואס האט געקעמפט אויף צפון פון קיעוו ארייַנגעדרונגען אין סאוויעטישן וואלין.

די מעכטיקע דייטשע קעגן־אפנסיווע אויף זשיטאמיר איז געווען זייער לעצטער פרווו צו פאריכטן זייער קאליע געווארענע מערכה. צוריק צושטעלן און אייַנצוהאלטן ווי ווייט מעגלעך די פראנט־ליניע וואס האט אנגעהויבן ארויסווייַזן דראענדיקע סמנים פון אויפלעזונג אויפן גאנצן דרום־פראנט, און באזונדערס אין צענטער פון אוקראַינע.

אבער די רוסן, וואס זענען געווען געצוווּנגען זיך צוריק צו ציען פון זשיטאמיר, האבן אויסגעהאלטן דעם מעכטיקן און ווילדן דרוק פון די דייטשן.

צו דער דיספאזיציע פון די דייטשן איז געשטאנען א פארצווייגטע און גוט געפירטע נעץ פון אייַזנבאנען, וואס האט זיי פארבונדן מיט די אפראוויזאציע צענטרן אין הינטערלאנד, וואס האבן אויף א רעגולערן אופן געליפערט אלץ וואס איז נויטיק געווען פארן פראנט. די רוסן, דאקעגן, דאגעגן, זענען געווען געצוווּנגען צו ברענגען אפראוויזאציע צו דער פראנט — ליניע פון הינטערלאנד אויסשליסלעך אויף לאסט־אויטאס אויף די טיילווייַז צושטערטע שאסייען אויף וועלכע די בריקן און אפילו

קליינע בריקלעך זענען אויפגעריסן און צעשטערט געווארן דורך די דייטשן, בעת זייער ריקצוג.

אבער דער סאוויעטישער אפראוויזאציאנס אפאראט, וואס איז דעמאלט שוין געווען פארזען מיט נייע און שטארקע אמעריקאנישע מאשינען, האט געמאכט זיין דינסט מיט גרויסער עפעקטיווקייט און לויבווירדיקע אנשטרענגונגען, און עס איז אים געלונגען צו באהערשן אלע שטערונגען אויף זיין וועג.

נאך דעם ווי די דייטשע אפנסיווע איז איינגעבראכן געווארן, זענען די רוסן גלייך אריבער אין אן ענערגישן קעגן — אנגריף, האבן צוריק געווארפן די דייטשן אויף מערב און געעפנט פאר זיך דעםברייטן טראקט קיין וואלין אין דרום מזרח גאליציע.

אין מערץ 1944 זענען די רוסן צוגעקומען צו דער ליניע טארנאפאל־סקאלאט ס׳הייסט, ארום 50 קילאמעטער פון דעם ארט וו איך האב מיך געפונען. צום אהויב האט זיך געדאכט אז די רוסן וועלן פארזעצן זייער מארש ווייטער ביז לעמבערג, אבער דער פראנט איז שטיין געבליבן, גלייך ווי ער וואלט פארגליווערט געווארן אויף זיין פלאץ, גאנצע פינף חדשים.

מיט א ציטערדיק הארץ, אנגעפילט מיט צער, פלעג איך זיך צו הערן צו די מעלדונגען פון דייטשן ראדיא, אז „דאס געוועזענע טארנאפאל״ (דאס עהמאליגע טארנאפאל), גייט איבער פון האנט צו האנט.

כ׳האב גוט געקענט טארנאפאל, דאס יידישע טארנאפאל, אן אלטע, בכבודיקע, מיט יידיש לעבן ברויזנדיקע קהלה, מיט אן ערווירדיקער און גרויסער יידישער קולטור־טראדיציע, א פרעכטיקע יידישע יוגנט, א רייך און פארביק נאציאנאל־געזעלשאפטלעך יידיש לעבן, און הגם כ׳האב געוווסט אז איצט איז שוין קיין רייד נישט פון דעם טארנאפאל וואס איך האב געקאנט, אזוי שטארק ליב געהאט, ווייל מיינע יידן זענען שוין דארט מער נישטא, זיי זענען שוין לאנג פארשניטן געווארן, אומגעקומען, אוןווארטן שוין נישט ווי איך אויף דער גאולה — האט דאך דער נאענטער און טייערער נאמען געברענט ווי א ווונד אין הארצן.

איינער נאכן אנדערן זענען זיי אויפגעשווומען אין גדעכעניש, די

פנימער פון פריינד חברים, מענטשן פון גייסט, פלייס און טיכטיקייט און אלע — אלע זענען שוין מער בישטא — אויסגעגאנגען אין גרויליקער בויט און פיין...

* * *

מיטן שוואכער ווערן פון דער קעלט האט זיך ווידער פארשטארקט די פארטיזאנישע באוועגונג צווישן די פויערים, די קלענערע פוילישע דערפער זענען פארלאזט געווארן פון זייערע איינוואוינער. די דייטשן וואס האבן נישט געקענט דאס קאנצענטרירן זיך פון די פאלאקן אין זייערע גרע־סערע דערפער, האבן געפרווט ווירקן אויף זיי אויסצוואנדערן קיין מערב, דע רעיקר קיין מערב־גאליציע.

טויזנטער פוילישע משפחות האבן אויסגעפילט די באזונדערע צוגן וואס זענען געשטעלט געווארן — איינגאנצן צו זייער דיספאזיציע און אוועק קיין מערב־גאליציע.

נישט געקוקט אויף זייערע אפטע מפלות און כסדרדיקן ריקצוג אין מזרח, האבן די דייטשן נישט אפגעשוואכט און מיט גארנישט באכגעלאזט דעם אדמיניסטראטיוון דרוק אויף דער באפעלקערונג אין דער גאנצער געגנט. די ציוויל באפעלקערונג איז געווען אונטערגעווארפן דער מילי־טערישער אדמיניסטראציע אין הינטער־פראנט געביט, און זיי האבן פעסט איינגעשפאנט די באפעלקערונג אין דער דייטשער קריגס־מאשין, וואס האט נישט ארויסגעוויזן קיין סימנים פון שוואך ווערן און נאכלאזן אפילו אין סאמע נאענטן הינטער פראנט־געביט. פלוצים האט מען געמאלדן וועגן א „קענקארטן" אקציע, וואס איז אבליגאטאריש פאר אלע איינוואוינער אין שטאט און אין דארף, אויך אין געוויינלעכע, בארמאלע צייטן זענען נישט אלע דארפס איינוואוינער געווען פארזען מיט אידענטיטעט־קארטן; אבער אונטערן דרוק פון דעם שטרענגן דייטשן באפעל, זענען די פויערים און זייער הויז־געזונד מאסנווייז געגאנגען אין די אמטן, כדי זיך צו באזארגן מיט קען־קארטן.

די דייטשן האבן אויסגעליידיקט די תבואה־שפייכלערס אין די דערפער, די שטאלן פון די בהמות, און אוועקגעפירט דעם גאנצן רויב אין „רייך" אריין.

די קאַנטראָליע און אויפזיכט אויף דער באַפעלקערונג איז געוואָרן מיט יעדן טאָג ענגער און שטרענגער.

די דייטשן האָבן זיך באַזונדערס באַמיט שווער צו מאַכן דאָס לעבן פון די אַרטיקע פּאָליאַקן, כדי זיי זאָלן מסכים זיין צו גיין אויף מערב, אַפּנים, מורא האָבנדיק, אַז די פּאָלאַקן זאָלן נישט מאָביליזירט און איינגעשלאָסן ווערן אינעם סאָוועטישן מיליטער, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין דערנענטערן.

צוליב דעם, האָבן זיי, די דייטשן, צוגעלייגט אַ האַנט צום צעפלאַקערן דאָס פייער, צו צעצינדן און אונטערהעצן די שנאה צווישן פּאָליאַקן און אוקראַינער, די לעצטע האָבן זיי געהאַלטן פאַר זייערע פאַרבינדעטע, וואָס קאָנען זיי ברענגען נוצן אויך נאָך זייער פאַרלאָזן דאָס לאַנד, ווייל אַסאַך פון זיי וועלן אוודאי זיך איינשליסן אין די נאַציאָנאַליסטישע אוקראַינישע באַנדעס, וואָס וועלן גראַסירן און טוען שעדיקונגס אַרבעט אינעם סאָוויע־טישן הינטער פראָנט־געביט.

אָבער אַן אָנגעזעענער טייל פון די פּאָליאַקן האָט דווקא אַרויסגעוויזן עקשנות און האָט באַין אופן נישט מסכים געווען צו פאַרלאָזן די אַלט איינגעזעסענע וווין־פּלעצער, ווייזט אויס, אַ דאַנק „אַנווייזונגען פון אויבן" ד. ה. פון די קרייזן פון דער אָנפירונג פון פּוילישן „אונטערערד" אין לאַנד.

אין דער זעלבער צייט האָבן די דייטשן געזאָרגט פאַרן דעמאָנטירן אָדער גרונטלעכע פאַרניכטונג פון אַלע מער וויכטיקע טעכנישע איינריכטונגען אין די גרעסערע שטעט און אויף דער פּראָווינץ.

מחוץ פונעם דירעקטן צוועק פון אָט דער שעדיקונגס־אַרבעט, אוממעגלעך צו מאַכן זיי צו רעמאָנטירן און ווידער אין גאַנג צולאָזן דורך סאָוויעטישע טעכניקער, האָבן זיי אין איינוועגס אין זינען געהאַט דורך דעם שטיל־שטעלן די פאַבריקן און אַלע אַנדערע טעכנישע ווערק און אַרבעט־שטעלן, „אַרויסצווואַרפן אויף דער גאַס" די מאַסע אַרבעטער, באַאַמטע, פּאַכלייט און פונקציאָנערן פון אָט די אַרבעטס־פּלעצער, וואָס זענען גרעסטנטיילס, געווען פּאָליאַקן און זיי אַזוי אַרום צווינגען אויס־צוּוואַנדערן קיין מערב.

עס זענען געווען אויך פיל אוקראַינער, באַזונדערס פון די אינטעליי־

גענטע קרייזן, וואס האבן קאלאבארירט און מיטגעארבעט מיט די דייטשן, וואס האבן אויס־געוואנדערט קיין מערב, מורא האבנדיק פאר נקמה און רעפרעסיעס מצד די סאוויעטן.

די דייטשן האבן זיך באמיט, און עס אויך רעאליזירט אין א גרויסער מאס, איבערצולאזן נאך זיך „פארברענטע ערד", אין טעכנישער הינזיכט, פארקערס און קאמוניקאציע מיטל, עלקטרישע קראפט־ווערק א. א. וו. כדי, ווי ווייט מעגלעך, שווערער צו מאכן דעם פארמארש פון סאוויעטישן מיליטער אויף מערב.

דאס גרויסע עלעקטרישע קראפט און ליכט ווערק אין לעמבערג, צום ביישפיל, איז צושטערט געווארן זייער גרונטלעך און עס איז א וועק א לענגערע צייט ביז עס איז ווידער רעמאנטירט און געלאזט געווארן אין גאנג.

אין משך פון די פינף חדשים וואס דער פראנט האט „גערוט" אין גאליצישער פאדאליע, האבן די דייטשן געהאט גענוג צייט צו רעאליזירן זייערע דעמאנטאזש און שעדיקונגס פלענער, סיסטעמאטיש און גרונטלעך, אבער אין געהיים, בסוד און אויס־באהאלטן פון די אויגן פון דער ארטיקער באפעלקערונג.

דער לאנגער „שטילשטאנד" אויפן פראנט און דער דרוק פון דער דייטשער אדמיניסטראציע אויף דער באפעלקערונג האט פארשטארקט אלץ מער דעם אומרו צווישן די פויערים.

זיי זענען ארויסגעבראכט געווארן פון זייער סטאבילן לעבנסגאנג, אריינגעווארפן געווארן אין א מין תוהו ובוהו אן אויסגאנג. — אלע צייכנס און השערות האבן געוויזן, אמת, אז די שעה פון אריין קומען פון די סאוויעטן דערנענטערט זיך, פון דער צווייטער זייט אבער, האלטן די דייטשן אין איין פארפעסטיקן זיך, האלטן אן אויג און שטרענגע קאנטראל איבער שטאט און דארף, און גרייטן זיך, גיבן ארויס פאראָרדונגען, אויף לענגערער צייט.

אלס פועל יוצא פון דעם צושטאנד איז אפגעשטעלט אדער פארנאַ־כלעסיקט געווארן אין א גרויסער מאס די פאר־פרילינג ארבעט, אין פעלד

און אין דער גאנצער ווירטשאפט. די פויערים האבן זיך אנגעהויבן „קהל׳ן״, צו שמועסן „פאליטיק״, דערציילן, הערן און לאנסירן פלאטקעס און קלאנגען, ליידיק ארומצוגיין און ווילד ווערן... אט דאס שווערע באשע־פעניש, דער פויער, בארואיקט זיך, נעמט זיך צוזאמען, ווערט א סטאטעט־שנער מענטש, ווען די האנט האלט פעסט דאס אקער־אייזן און די אויגן זענען געווענדעט צום ברייטן פרייען פעלד וואס רופט צו ארבעט. ווען דאס אקער־אייזן פאלט אבער ארויס פון זיין האנט כאפט ער גלייך א האק אין איר...

און ווירקלעך, האט זיך פארשטארקט די „באוועגונג״ אין די דערפער, אויף די וועגן און אין די וועלדער. יעדע נאכט און טאג אויף טאג — פאסירן פאלן פון מארד און רויב, איבערפאלן פון יחידים אדער גרופן, וואס קיינער ווייסט נישט אויף זיכער וועמענס האנט פירט אן מיט זיי, ווער דיריגירט און שאפט מיט זיי — פאליאקן אדער אוקראינער, אדער גאר די דייטשן אליין...

יעדנפאלס איז א סכנה זיך צו דערווייטערן א געוויסן מרחק פון דארף, אפילו אין מיטן העלן טאג.

אן אזא לאגע האט זיך פארשארפט אן א שעור די סכנה פאר העניריקן און זיין הויזגעזינד, וואס האבן געוווינט צוזאמען מיט נאך אייניקע פוילישע משפחות אין קראסנע, נאענט צו דער „וועלפישער נארע״ ממש — צום דארף ווישניאוואטשיק, ווו עס האבן זיך אויפגעהאלטן אייניקע פון די אנפירער פון די נאציאנאליסטישע אוקראיישע באנדעס.

העניריקן נעכטיקט נישט אינדערהיים שוי פון א צייט און אויך זיין פרוי און די קינדער גיין אוועק ס׳רוב נעכטיקן אינעם נאענטן אוקראינישן דארף, קראפיווגא, דארט גאסטן זיי, ביי העניריקס נאענטן און געטרייען פריינד, איוואן סאליביי.

כ׳בלייב אליין אלס שומר אין דער שטוב, אמאל גיי איך אויך אריין איבערנעכטיקן די נאכט ביי מיין פריינד וואסיל ציונא, ווייל אויך איך בין נישט „פארזיכערט״ פאר אן איבערפאל אין דער שטאק — פינצטערניש פון דער נאכט.

אין איינעם פון יענע נעכט האט א באוואפנטע גרופע געמאכט אבאזוך

אין הויז פון וואסיל ציונא. דאס איז געווען א גרופע פון יונגע פאליאקן, אפנים, פון דער פוילישער אונטערערדישער ארגאניזאציע וואס ווערט אנגעפירט פון דעם גרויסן פוילישן דארף וויצין.

ציונא איז געלעגן אייניקע שעה׳ן אויף דער פייכטער ערד, און זיי, די באנאכטיקע באזוכער, האבן דורכגעזוכט און „אויסגערוימט״ דאס הויז פון אלץ וואס האט זיך זיי געלוינט מיטצונעמען מיט זיך, און זענען אוועקגעגאנגען. א גאנצע וואך איז דער קרענקלעכער ציונא געלעגן אין בעט נאך דעם „נאכטיקן באזוך״ ביז ער איז, ווי עס, איז אביסל געקומען צו זיך.

דער באזוך ביי ציונאן האט אויפגעברויזט די געמיטער צווישן די אוקראינער און דעם ביסל פאליאקן וואס האבן זיך נאך אויפגעהאלטן אין דערפל קראסנא.

ס׳איז ווי געגעבן געווארן א צייכן, א סיגנאל, אז דער „ענין״ האט דערגרייכט און געקומען אויך קיין קראסנא, אין זייער קליינעם, שטילן דערפל.

די פאליאקן האבן זיך אפגעגעבן א דין וחשבון דערפון, אז פון איצט אן דראט זיי יעדן מאמענט א רעוואנש־אקציע מצד די אוקראינישע באוואפנטע באנדעס, וועמענס שטאב, עס האט, ווארשיינלעך, אויפגעהאלטן זיך אין דעם נאענטן דארףווישניאוושיק.

זיי האבן אויסגעקוקט, אין גרויסער שפאנונג, אויף הילף וואס זאל קומען צו זיי פון וויצין.

די לעצטע עטלעכע נעכט האט זיך קיינער פון זיי בישט געלייגט אויף זיין געלעגער, זיי נעכטיקן, גרויס און קליין, מחוץ פון זייערע הייזער. באהאלטן אין בונקערס, גוט פארמאסקירטע, ערגעץ־ווו אויפן הויף פון דער ווירטשאפט אדער אויסער איר.

אין איינעם פון די קאלטע פרימארגנס, ענדע חודש מערץ, ארויסגייענדיק, ווי תמיד, אויף דער ערשטער „אינספעקציע״ צו זען אויב אלץ איז ווי עס דארף צו זיין אויפן הויף פון דער ווירטשאפט און ארום דער שטוב, האבן זיך פלוצים אנטפלעקט פאר מיינע אויגן רייטער — סילועטן וואס האבן גאלאפירט איבערן פעלד אויף מזרח זייט. כ׳האב בישט

באוויזן צו מאכן עטלעכע טריט אין דער ריכטונג צו דער טיר פון הויז, און אט איז א צווייטע רייטער גרופע וואס דערנענטערט זיך מיט גרויסער שנעלקייט צו אונדזער שטוב אויך פון מערב זייט.

איך האב זיך אריינגעדרוקט אין א נישע פון דער וואנט וואס פירט צום קעלער, ס׳הייסט, אז מען וויל, שטיי איך דארט גלאט אזוי, און אז מ׳וויל, זוך איך דארט א באהעלטעניש... כ׳ווייס נישט צי זיי האבן מיך באמערקט שטייענדיק דארט אדער נישט; יעדנספאל, קיינער פון זיי האט מיר נישט געשענקט קיין אויפמערקזאמקייט. כ׳הער נישט קיין געשריי, אדער געוויין פון דער שטוב וווהין די מענטשן זענען שוין ווייזט אויס אריינגעגאנגען; ס׳הייסט, אפנים, אייגענע, פאליאקן... כ׳האב מיך בארואיקט, אבער איך האב געקלערט, אז עס איז גלייכער פאר מיר, צו בלייבן דערווייל דא אויף מיין פלאץ, ביז דער ענין וועט אינגאנצן אויפגעקלערט ווערן.

די באוועגונג אין שטוב און ארום די שטוב איז געווארן א לעבעדיקע, אבער שטילע; פורן, (וועגענער) זענען אריין אויפן הויף... כ׳האב פארשטאנען אז מ׳לאדט אן אויף זיי די שטוב־זאכן פון העגריקן און זיין הויזגעזונט.

די גאנצע אקציע האט געדויערט אן ערך א האלבע שעה, הגם פאר מיר איז עס געווען א געווען א געצויגן לאנגע ווייל... כ׳האב נישט געוווסט וואס איך זאל טוען מיט זיך, — מיין פלוצימדיקע דערשיינונג, קאן זיין א סכנה פאר מיין לעבן; די מענטשן, קענען מיך דאך נישט, די שפאנונג איז גרויס, אלע ביקסן זענען געלאדן, זיי וועלן אודאי נישט וויגערן זיך צו שיסן, ווען זיי וועלן פלוצים דערזען אן אומבאקאנטן, וואס טויכט אויף פון א באהעלטעניש... כ׳בין געבליבן ווארטן אויף מיין פלאץ, ווי צעמישט און ראטלאז.

די וועגענער און נאך זיי אייניקע רייטער פארלאזן און דערווייטערן זיך פון הויף. זיי זענען אראפ אין טאל נאכהער ווידער, אין גאלאפ בארג ארויף, יא, אהין, קיין וויצין, פירט זייער וועג...

עס איז א טויטע שטילקייט ארום, מ׳הערט נישט קיין קול און קיין שארך. נאר „קראסא" די קו אין שטאל לאזט הערן איר מרוק ווי; א קרעכץ, ווי זי וואלט מיט איר בהמה׳שן אינסטינקט דערפילט, אז עפעס איז נישט

כשורה, דא ארום איר; די פרימארגן פארציע אירע האט מען איר נאך היינט נישט דערלאנגט, אירע אייטערס זענען פול און דריקן; מ׳האט זי היינט נאך נישט געמאלקן...

כ׳גיי ארויס פון מיין באהעלטעניש. אויפן הויף, פאר דער טיר פון דער שטוב, ליגן פארשידענע מטלטלים, וואס זענען איבערגעלאזט געווארן אין איילעניש, אדער עס איז פאר זיי נישט געווען קיין פלאץ אין די וועגענער. איך גיי אריין אין שטוב. אויפן דיל ליגן צעווארפן פארשיי־דענע כלים בינטלעך בגדים, אלץ אויסגעמישט אין אומארדנונג. די מענטשן האבן געטאן זייער ארבעט אין גרויס איילעניש, גענומען נאר דאס סאמע נויטיקסטע און ווײַכטיקסטע און געזען וואס שנעלער אוועקצוגיין פון דא־נען. אזוי, הייסט עס, עס איז חרוב געווארן העכריקס הויז, און איך בין דא אויף די חורבות...

ס׳איז ביי מיר קיין נייעס נישט... כ׳האב שוין געזען, געווארפן געווארן אין פיין און יסורים, געגאנגען אויף חורבות, שוין נישט איינמאל; חורבות, רואינען, אסך נענטערע צו מיין הארץ... אבער, אויך דא האב איך זיך צוגעווינט צו יעדער ווינקל אין דעם דאזיקן הויז; אסך פון די מטלטלים וואס זענען צעזייט און צעווארפן איבער דעם צימער האב איך נישט איינמאל געהאלטן אין מיינע הענט, געבראכט זיי אין ארדענונג, געלייגט אויף זייער פלאץ. און אט האט אויך אהער דערגרייכט די האנט פון חורבן, וואס יאגט מיך אפנים, נאך, פארפאלגט מיך אומאויפהערלעך... פון אט די חורבות דערהויבן זיך נאך נישט דערווייל קיין רויך־וואלקנס, אבער אויך דאס וועט נאך געוויס קומען...

איך גיי ארויס אין שטאל אריין. „קראסא" קוקט אויף מיר מיט אירע גרויסע אויגן, ווי זי וואלט געוואוסט, אז עפעס אומגעווײנלעכס האט פאסירט דא ארום איר... זי לעקט מיין האנט מיט איר צונג, ווי זי וואלט געוואלט זאגן: נאר דו אליין ביסט דא געבליבן און וועסט מיך נישט פארלאזן... און באמת, איך ברענג איר טאקע א היפשע פארציע שמעקע־דיק, פריש היי צום פרישטיק, איך בויג זיך אן און מעלק איר אויס די אייטערס, כדי צו פארגרינגערן אירע בהמישע ליידן...

ארויסגייענדיק פון שטאל באמערק איך א רייטער וואס דערנענטערט

זיך אין גאלאפ צו דער שטוב; איך בלייב שטיין אויף מיין פלאץ און ווארט א ווײלע. און דאן מאך איך א פאר שריט פארויס, ווי איך וואלט אים אנטקעגן געגאנגען... ער דערנענטערט זיך. אין האנט האלט ער א „נאגאן” (גרויסן רעוואלווער) אויסגעשטרעקט פאר זיך. איך בלייב שטיין מיטן געזיכט געווענדעט צו אים.

— „ווו איז הענריק?” — דונערט ער א צעכעסטער מיט א דראענדיקער שטימע; עמיצער פון די שכנים האט אים געזאגט, אז הענריק איז דא געווען, זיך ארומגעדרייט אין די פרימארגן שעהן אין דארף.

— „כ׳האב אים נישט געזען, כ׳ווייס נישט”...

— „זאג דעם אמת, אויב נישט וועל איך דיך דערשיסן ווי א הונט, דא אויפן פלאץ!...

— „איך ווייס נישט, „פאניע” (האר), כ׳בין דא בלויז א דינער”...

— „ווער איז דא געווען אינדערפרי?”

— „געוועזן מענטשן, פאניע”

— אסך?...

עטלעכע צענדליק אוודאי

— וווהין זענען זיי געגאנגען?

— אהין, אין יענער ריכטונג, אויף מזרח...

— און דו ביסט נישט געגאנגען מיט זיי? זיי האבן דיך נישט מיטגענומען?

— נישט גענומען, נישט געגאנגען, כ׳בין נישט קיין פאליאק...

— און ווער איז אין שטוב?

— קיינער נישט, מיין הער...

ער איז אראפ פון פערד, געהייסן מיך האלטן דאס פערד ביים צוימל און איז אריין אין שטוב.

פון שטוב האט זיך דעהערט א שאס.

דער פארשוין האט געשאסן אין שפיגל אריין, וואס איז געהאנגען אויף דער וואנט פון „קאלטן צימער”. מסתמא, כדי אויסצולאדן דאס רציחה פייער וואס האט געברענט אין זיין בלוט. דאס גלאז פון שפיגל האט א בראזג געטאן, אזוי אז מען האט דעם ווידערקול פון צעשאטן גלאז דער־

הערט אינדרויסן. ער האט ווידער אויסגעשאסן און איז ארויס פון שטוב...

„קום מיט מיר, דו ווערט מיר ווייזן ווּעלכער ריכטונג די מענטשן זענען אוועק״... איך וואקל מיך א ווייל, וויל עפעס זאגן, אבער, ער צווינגט מיך צו שווייגן מיט א ווילד־בייזן בליק פון זיינע אויגן.

אויף מיין מזל איז אנגעקומען איינער פון די שכנים, אן אוקראינער, און ער האט צו אים א ווונק געטאן; ווען ער האט זיך צו אים דערבענטערט, האט ער אים איינגערוימט עפעס א סוד אין אויער.

— „ווארט דא, ביז איך וועל צוריקקומען, זע זאלסט מיר נישט פארש־וווּנדן ווערן״...

כ׳האב געוואַרט א ווײַלע ביז ער האט זיך דערווייטערט, און דערנאך האב איך זיך שנעל אפגעטראגן פון פלאץ, גוט ארומקוקנדיק זיך ארום מיר, און דאן אריין אין באהעלטעניש וואס העניק האט געהאט אויסגע־מייסטרעוועט זיינערצייט, אין קארטאפל־פעלד, אין דער נאענט פון די ווירטשאפטלעכע בנינים אין הויף.

דאס באהעלטעניש איז געווען גוט פארמאסקירט. אינעווייניק גרוימיק, פארזעען מיט אייניקע, באקוועמע, ווייכע מיט שטרוי אויסגעבעטע געלעגערס. דארט פלעגט העניק שלאפן בייניאכט אין דער לעצטער צייט. כ׳בין דארט געלעגן באהאלטן אין שטרוי ביז עס איז גוט פינצטער געווארן אינדרויסן. נאכהער בין איך ארויסגעגאנגען און אריין אין שטוב זוכן ערגעץ א שטיקל ברויט מיט וואס דאס חיות צו דערכאפן. נאך לאנגער מי, זוכנדיק אין דער פינצטער, האב איך ענדלעך געפונען א האלבן לעבל ברויט. איך האב דאס ברויט איינגעטונקען אין פרישער מילך און איינגעשלונגען מיט גרויס אפעטיט. כ׳האב פארשטייט זיך אויך געזארגט פאר דער „קראסא״. אפגעפרישט איר געלעגער מיט פרישן שטרוי, דערלאנגט פאר איר א געהעריקע נאכט־פארציע, און זי אויסגע־מאלקן. דאן בין איך ווידער אריין אין באהעלטעניש, דארט די נאכט איבער־צונעכטיקן. איך האב פארשטייט זיך געדארפט צולייגן אן אויער און גוט זיך צוהערן צי עס טוט זיך נישט עפעס אינדערויסן, אויפן הויף. ס׳איז מעגלעך אז בייניאכט זאל מען אונטערצונדן דאס הויז און די איבעריקע בנינים אויפן הויף. און בכלל איז מיר געווען שווער איינצו־

שלאָפן, נאָך דעם אַלעמען וואָס עס האָט אַרום מיר און מיט מיר פּאַסירט אין משך פון פאַרגאַנגענעם טאָג. און איך דאַרף דאָך פּלאַנירן וואָס איך האָב צו טאָן מאָרגן, ווען די נאַכט וועט אַריבער. דאָ טאָר איך נישט בלייבן אַפילו איין טאָג מער. מ׳וועט אַוודאי קומען אויסלייזיקן די שטוב פון אַלעמען וואָס ס׳איז נאָך געבליבן אין איר, און איך בין דאָ לחלוטין איבעריק אַלס שומר...

„עס איז בעסער וואָס „מיינע״ אוקראַיִנער ווייסן אַז איך בין נישט אַוועק מיט די „ליאַכעס״ (פּאַליאַקן)... אָבער, וווּהין וועל איך גיין מאָרגן? — איך מאַך אַ מין איבערזיכט אין געדאַנק פון מיינע אַלע באַקאַנטע און פריינד אין דער סביבה. איך אַנאַליזיר און באַטראַכט אַלע פאַרשידענע מעגלעכקייטן און אויסזיכטן; די פּלענער און געדאַנקען פּלאָנטערן זיך אין מיין מוח, זיי קנוילערן זיך צוזאַמען אין אַ מין שווערן געדיכטן וואָלקן אין מיינע געהירן. איך ראַנגל זיך שווער מיט דעם נעפּל און פינצטערניש וואָס לאָזט זיך אַראָפּ אויף מיר. איך שלאָף איין און פאַרזינק אין אַ טיפן שלאָף.

מיטן קרייען פון די הענער האָב איך מיך אויפגעכאַפּט פון מיין שווערן שלאָף. כ׳בין אַרויס, קריכנדיק פון מיין נאָרע, און בין אַריין אין הויף אַריין. קיין זאַך האָט נישט פּאַסירט אין משך פון דער פאַרגאַנגענער נאַכט; אַלץ איז געבליבן ווי עס איז געווען נעכטן אין אָוונט צי האָט זיך דער אוקראַיִנער צוריקגעקערט אַהער, צי נישט? — די פראַגע האָט נישט קיין שום חשיבות אין איצטיקן אויגנבליק.

כ׳גיי אַריין אין שטוב. כ׳זוך אין דער פינצטערניש און געפין מיין „פּעקל״. — אַ לייוונטן זעקל, ווו עס ליגן מיין ביסל זאַכן. איך נישטער אַרום און געפין נאָך געוויסע זאַכן און חפצים, וואָס קאָנען מיר צונוץ קומען, און לייג זיי אַריין אין זעקל.

כ׳גיי אַריין אין שטאַל, גיב אַ גלעט דער „קראַסאַ״, איבערן האַלדז און נאָכער בינד איך צו אַ שטריק אויף אירע הערנער. זי שטערט מיר נישט דאָסמאָל. אַפילו נישט מיט אַקליינען שאָקל מיטן קאָפּ; אינגאַנצן אונטערטעניק גייט זי מיר נאָך, און רוקט אַרויס רירעוודיק, איר גרויסן קערפּער פון שטאַל. נאָך איר גייט נאָך איר גרויס קאַלב, פון אַ יאָר בערך.

כ׳דארף נישט אצי טאן די „קראסא״ מיטן שטריק זי גייט אליין, מיטן אייגענעם פליס, נאך מיר, אין דעם טונקל געווארנעם שניי, וואס ליגט נאך, באזונדערס אין טאל, דא און דארט אויפן פעלד. די שניי און אייז שיכט ברעכט זיך און זינקט איין אונטער די פוס־טריט און דאס גיין איז שווער און דערמידנדיק. אין דרויסן איז נאך פינצטער, אבער, איך קאן גוט די סביבה און כ׳וועל נישט פארבלאנדזשען אין וועג, אינדערפינצטער־ניש. איך מוז זיך דערווייטערן פון זע־פעלד פון דארף, כל־זמן עס איז נאך פינצטער. כ׳גיי צום נאנטן אוקראאינישן דארף, קראפיוונא, אין הויז פון הענריקס פריינד, איוואן סאליביי.

דער וועג איז דאסמאל זייער לאנג. איך באד מיך אין שוויס, טראץ דער געגנוג שטארקער פרימארגן־קעלט, אין די דאזיקע סוף מערץ־טעג.

אין מזרח רויטלט זיך דער הימל און כ׳האב נאך אלץ צום ציל נישט דערגרייכט. אויך „קראסא״ שלעפט איר שווערן גוף מיט קענטיקער אנשטרענגונג. זי שוויצט אין די „באקעס״ און פון איר קערפער דערהויבט זיך א שווערע פארע. אבער זי גייט פלייסיק, פאלגזאם, ווי זי וואלט געוווסט, אז עס איז נישט קיין צייט פאר ווידער שפעניקייט און בארישער עקשנות. אבער, אט שניידן זיך ארויס פון דער פרימארגן־טונקלקייט די באקאנטע בוימער־סילועטן, שוין נאענט דאס דארף „קראפיווא״.

כ׳בין מיד און מיינע פיס שלעפן זיך ווי שווערע שטיינער וואלטן געהאנגען אויף זיי. אבער דאס דארף דערנענטערט זיך. כ׳דארף נאך אריבער דאס שמאלע בריקל אויף דעם קליינעם טייכל ביים דארף און פון דארט גיין נאך וועלכע הונדערט טריט בארג־אראפ, מען דארף דא גיין פארזיכטיק, פארלאנגזאמען די טריט, אז „קראסא״ זאל זיך נישט אויס־גליטשן און פאלן.

פאמעלעך דערנענטערן מיר זיך צו אונדזער ציל. דא און דארט זעט מען פויערטעס, בעל־הביתטעס, פרי־אויפגעשטאנענע, פארען זיך ביי דער שטוב. כ׳טראג זיי אנטקעגן א „גוט מארגן״ און באקום א פריינטלעכן ענטפער. און אט זעען מיר, איך, קראסא, און איר קאלב, ענדלעך אנגעקומען אויפן הויף פון אונדזער פריינד איוואן סאליביי.

.15

## אין דארף קראפיוונא

ווען מיר זענען אריין אין הויף פון סאליביי זענען שוין אלע דערוואקסענע שטוב־מענטשן געווען אויף די פיס. „גוט מארגן"! — האב איך הויך אויסגערופן, ווי מיט א געפיל פון ערלייכטערונג פון איינעם וואס איז נאך שווערע אין לאנגער מי, ענדלעך אנגעקומען צו זיין געגארטן ציל...

איוואן אליין האט מיך דער ערשטער דערזען און איז מיר געלאפן עטלעכע טריט אנטקעגן, צום אריינגאנג אין הויף, ווו איך בין אנגעקומען, איבעראשט, אבער מאכנדיק אן אנשטעל אז ער האט מיך דערווארט און ענדלעך בין איך בשלום געקומען...

די שטוב מענטשן וואס קענען מיך גוט פון מיינע פריערדיקע באזוכן, ביי זיי אין שטוב, שטופן זיך און קומען נענטער צו מיר, מיך צו זען פון דער נאענט. זייערע פנימער דריקן אויס צופרידנהייט און גינציקייט און זיי שפארן נישט קיין לויבווערטער פאר מיר, שמועסן מיט קענטיקער ווארעמקייט, וועגן מיין „פארשטאנד און מוט" און דער עיקר וועגן דעם, וואס איך האב געוווסט וווהין מען דארף זיך ווענדן אין א נויט. באזונדערס געפעלט עס דער באלעבאסטע, וואס כ'האב געזארגט ווי א לייטישער „גאספאדאר" אויף פאר די בהמות, הגם עס איז געווען פארבונדן מיט גרויסער מי און ריזיקא זיי אהער צו ברענגען. זי קלערט אוודאי אצופ־רידענע, וועגן דעם, אז איך האב זייער געשייט געטאן, וואס איך האב געבראכט אויך א היפשן „נדן" און נישט געקומען מיט ליידיקע הענט.

איוואן לאזט נישט די שטוב־מענטשן, זיי זאלן מיך צופיל באלעס־

טיקן, מיט פראגעס און איבריקע רייד. ער נעמט מיך, פירנדיק מיך אונטערן ארעם, — כ׳בין אוודאי מיד, און עס איז מיר שווער צו שטיין אויף די פיס, אין דער גרויסער קיך אריין. דארט ברענט א פייער, אויפן גרויסן, דארפישן „פריפיעטשאק״ וואס פארשפרייט ארום אליבע ווארעמקייט,וואס מונטערט מיך אויף און מאכט ציטערן פון קעלט מיינע מידע גלידער גלייכצייטיק. ערשט איצט פיל איך ווי מיד כ׳בין, צעבראכן און צעשרויפט. כ׳וואלט זיך געוואלט אנידערלייגן און זיך אביסל אויס־רוען. אבער אויסרוען און צו זיך קומען הייסט ביי די דאזיקע לייט קודם כל אונטערצולענען דאס הארץ מיט א היפשער פארציע עסן, און וואס שייך קעלט, פארקילן זיך א.ד.ג. — איז נישטא קיין בעסער אויסגע־פרווט מיטל דערצו, ווי טעלעכע גלעזלעך בראנפן, וואס דערוואַרעמט דיין אינגעווייד, און מונטערט אויף דיין געמיט כהרף־עין...

פרישטיק איז נאך נישט פארטיק, און אויפן טיש דערלאנגט מען קעז און קארטאפל „ווארעניקעס״ פון נעכטן. זיי קומען כוואליעסווייז אין א באדייטנדער צאל פון די הענט פון דער באלעבאסטע, וואס האט באוויזן מיט גרויס געשיקטקייט, זיי צו דערווארעמען און שנעל זיי צו דערלאנגען פארן גאסט, וואס זיצט ביים טיש אין דער געזעלשאפט פון בעל־הבית אליין, כדי ער זאל האבן מיט וועמען צו טרינקען „לחיים״.

איוואן פרעגט מיך, צי האב איך זיך נישט אנגעשטויסן אין עמיצן, ארייגגייענדיק אין דארף. ארום דארף וואכט א שטרענגע שמירה, בפרט ביינאכט, באזונדערס אין די לעצטע וואכן, זינט עס האט זיך פארשטארקט די שפאנונג אין דער געגנט. באגינען זענען, זעט אויס, די וואך־מענטשן אוועק פון זייערע פאסטנס און געגאנגען שלאפן.

אין קראפיוונא האב איך געהט אסך באקאנטע. און אסך אנדערע האבן אוודאי, געהערט פון מיר. דאס דארף איז געווען באקאנט ווי א מקום פון שטילע און רויקע מענטשן. ס׳רוב נישט פארמעגלעכע און ערד־ארעמע פויערים. סאליביי, מיין גאסטגעבער, איז נישט דווקא פאראינטערעסירט צו האלטן „בסוד״ מיין זיין ביי אים אין הויז. עס איז אבער נישט געוונטשן, אז דער ענין זאל זיין א מין „געשעעניש״ און א טעמע צו שמועסן אין דארף. באזונדערס אין די ערשטע טעג,

בעיקר צוליב די בהמות וואס כ׳האב געבראכט מיט מיר. געוויס וועל איך קאנען פארבלייבן אין זיין הויז ווי לאנג איך וויל. ער האלט שטארק פון מיר ער פרייט זיך זייער, צו גאסטן זיין פריינד, העגריקס, א שטוב־מענטש. און ער איז זיכער אז איך וועל אויך בלייבן צופרידן און הנאה האבן פון הויזן אין זיין באשיידענער שטוב. סיי ווי, צוליב דער געש־פאנטער לאגע, דאס שטענדיקע גרייט זיין צו אלעם וואס קען פאסירן אין די דאזיקע אומרואיקע טעג, ארבעט מען נישט קיין סך, מ׳טוט נאר דאס נויטיקסטע; און אין דער איבריקער צייט רעדט מען, מען שמועסט וועגן דעם וואס געשעט, און וועגן דעם וואס מען קען דערווארטן, ס׳זאל קומען. כ׳וועל נישט דארפן קיין סך ארבעטן. די פאמיליע איז גענוג גרויס און ס׳זענען פאראן גענוג הענט צו דער ארבעט. כ׳וועל זיך קענען אביסל אויסרוען און איבערווארטן דא ביז דער שטורעם וועט פאריבער.

באמת א גרויסע פאמיליע איז דא ביי איוואן סאלאביי. אחוץ איוואן, זיין פרוי און דריי קינדער, וווינען אין דער אנדערער טייל פון דער שטוב זיינע באיארטע עלטערן און א דערוואקסענע שוועסטער. דער אלטער סאלאביי האט אין די יונגע יארן געדינט אין א הויז פון א פוילישן פירץ, א גוט־באזיצער אין דער געגנט. אין זיין הארצן לעבט און גליט א ביטערע שנאה צו די „פאנעס", די גרויסע און קליינע, אויך צו די כלומרשטע פריינד וואס זאמלען זיך אין וויצין. אט דאס דארף וויצין, ווארפט אן אימה אויף דעם דארף קראפיוונא, וואס איז אסך קלענער פון וויצין.

אמת, אן אנדער מיינונג האט דער אלטער סאליביי, א מער סימפאטישע וועגן העגריקן וואס איז א לייטישער מענטש, און האט ליב א טובה צו טאן, און האט זיך גוט איינגעלעבט מיט די „אונדזעריקע", (אוקראינער), אבער א „ליאך" בלייבט שטענדיק א„ליאך". סוף כל סוף אנטשיידעט דאס בלוט פון מענטשן... די פויערים אין קראפיוונא זענען באמת שטילע מענטשן, און גאר ווייניק קאמף און מלחמה גלוסטיק, הגם דאס הארץ פון דארף איז איינגאנצן אויף דער זייט פון די אוקראינישע נאציא־נאליסטן, אין די אוונטן קומען זיך צונויף און זיצן צוזאמען די שכנים. מען שמועסט און מען פאנטאזירט וועגן אויפקום און געבוירן ווערן פון אן אוקראינישער זעלבשטענדיקער און סווערענער „דערזשאווא" (מדינה).

דאס צימער איז באלויכטן מיט א שוואך ליכט, צוליב דעם באפעל צו פארטונקלען די ליכט אין די הייזער פון דארף וואס ליגט הארט הינטער דער פראנט־ליניע. זיי זיצן ענג צוזאמענגעדריקט איינער צום צווייטן אין דעםווארעמען און מיט טאבאק־רויך אנגעפילטן צימער און שמועסן, פאנטאזירן, לאנג און ברייט וועגן דעם וואס גרייט זיך, וואס דראט, וואס קאן קומען. מיט שנאה, כעסאון ביטערניש ריידן זיי וועגן די „מאסקא־לעס”, „ליאכעס”, און אויך וועגן די נישט ווייניקער געהאסטע „ניע־מאקעס”, א פרעמדער, גיריקער, טעמפער און אכזריותדיקער שטאם, וועמענס לשון, מנהגים, און אויפפירונג זיי זענען נישט אימשטאנד אפילו אין דער קלענסטער מאס איינצובייסן...

זיי דערמאנען כמעט נישט די יידן. זיי האבן געוויס געננוג סיבות דערצו. אין דארף גופא האבן געלעבט עטלעכע יידישע משפחות. זיי, די קראפיוונער פויערים, האבן אוודאי נישט געוואוסט, ביז די דייטשן וועלן קומען און זיך מיט זיי באשעפטיקן... פארשטייט זיך, אז כ׳האב נישט געקאנט ארויסווייזן אפילו א סימן, א רמז פון אינטערעס, פאר דעם ענין. אבער עפעס האט דערגרייכט צו מיינע אויערן פון דעם, נישט דירעקט, ביי א געלעגנהייט: ווען עס איז ארויסגעבראכן א צאנקעריי צווישן די שכנים, האט מען נישט איינמאל געהערט, א פארוואורף, א חוזק ווארט, אדער א קנאהדיקער שטאך וועגן דעם, אדער יענעם, וואס איז רייך געווארן פון צוגערויבטן יידישן האב און גוטס...

די פויערים אין קראפיוונא שמועסן, מיט גרויסער זארג, וועגן כוח, שטארקער מיליטערישער ארגאניזאציע, דער מענגע וואפן, און גרעסערע מלחמה קאפאציטעט פון די פוילישע אונטערערד באנדעס אין נאענטן וויצין.

אין וויצין איז געווען א גרויסע בראנפן־ברענערײ נאך פון דער צייט פון דער פוילישער הערשאפט; די ברענעריי איז פארשטייט זיך, געש־טאנען אונטער דער אויפזיכט פון די דייטשן, וואס האבן זי געלאזט אין גאנג, און געפירט מיט דער הילף פון פוילישע ארבעטער, פאכלייט און באאמטע. דורך דער פארמיטלונג פון די דייטשע אויפזעער איבער דער וויצינער בראנפן פאבריק, האבן די פאליאקן אנגעהאלטן א געוויסן

קאנטאקט מיט איינפלוסרייכע דייטשן, וואס האבן געהאט זייערע פאר־בינדונגען אין דער קרייז פארוואלטונג, אין זלאטשאוו.

טראָץ דער נישט גינסטיקער שטימונג און אפילו פיינטלעכער באציאונג צו די פאליאקן מצד די דייטשן, האבן די פאליאקן דאך געהאט קאנטאקטן און פערזענלעכע באקאנטשאפט מיט עטלעכע דייטשע אפיצירן וואס פלעגן קומען, נישט איינמאל, צוגאסט אין דער „פלעבאניא" (דעם גלחס הויז) אין וויצין, אמאל איבערנעכטיקן, אויף א סעודה׳לע און א שמועס כאפן מיט דעם גלח יאן, וועלכער האט געקענט און גערעדט גוט דייטש.

אט דער אומשטאנד, האט, לויט דער מיינונג פון די קראפיוונער, געגעבן א פארטייל, אצוגאב כוח די וויצינער און הגם די פאליאקן האבן וווייט נישט געהאט אויף זייער זייט די סימפאטיע פון די דייטשן, האבן די קראפיוונער מורא געהאט פאר די אינטריגעס און „שמד־שטיק" פון די כיטרע און אינטעליגענטע „ליאכעס", און דעריבער זענען זיי שטענדיק געווען געשפאנט און אין איין שרעק פאר דער סכנה וואס לויערט און דראט אויף זיי מצד וויצין. וויצין ווידער, וואס איז געווען ארוסגערינגלט פון א פיינטלעכן אוקראאינישן ים, האט, ווי איך האב מיר פריער פארגעשטעלט און נאכהער זיך איבערצייגט וועגן דעם, געוואכט טאג און נאכט כדי צו היטן זיך פאר אן אנפאל מצד די אוקראאינער.

אט דער צושטאנד, וועןביידע צדדים זענען געווען פארטאן אין זייערע דאגות, איז, פארשטייט זיך, געווען זייער באקוועם פאר מיר. קיינער האט זיך מיט מיר נעגטער נישט פאראינטערעסירט, נישט געפרעגט, נישט געפארשט און מיך נישט באלעסטיקט איבער דער מאס. איך האב מיך „איינגעבירגערט" צווישן זיי זייער שנעל, געווען ווי איינער פון זיי אין יעדער הינזיכט — זייערע דאגות, ווונטשן, שמועסן פאראינטערעסירונגען, שטימונגען, אנטוישונגען און האפנונגען... כ׳האב נישט א ארויסגעוויזן קיין אינטערעס און נייגיריקייט פאר די אלע האלב־סודות׳־דיקע שמועסן און גערעדערייען וועגן דעם און יענעם, ווי איינער, א שטייגער, וואס האט נישט קיין קאפ פאר די אלע זאכן און האט נישט קיין באזונדערע נייגונג פאר „פאליטיקע".

מיין גאסט געבער, אבער, איז געווען אליין, און באזונדערס, זיין יונגערער ברודער סאווקא, א קלוגער און באגאבטער בחור, א זייער אויפגעוועקטער, א מין „אינטעליגענט פון געבוירנשאפט" און אן „אפענער מוח" ווי עס טרעפט אמאל אין א פארוואָרפענעם דארף, זענען דווקא געווען „אויסגעשפראכענע פאליטיקער". כ׳בין געווען אשווייגער „פון דער נאטור" און ס׳איז נישט לייכט געווען ארויסצובאקומען פון מיין מויל א באמערקונג אדער אזוי א ווארט וועגן פאליטיק אבער, ווייל איך בין געווען זייערס „אן אייגענער", א שטוב־מענטש, האבן זיי נישט געקאנט נישט אויסשמועסן זיך מיט מיר, נישט אראפרעדן פון הארצן פאר מיר, דעם וואס דרוקט זיי, זייער זארג און פחד פאר די טעג וואס קומען.

איוואן איז געווען אנגעזען און געאכטעט אין דארף, צוליב זיין גוטן נאמען און אויך צוליב דעם, מסתמא, וואס ער האט נישט געהערט צו דעם רייכערן שיכט פויערים אין דארף, איז ער באשטימט געווארן פאר א מיטגליד פון דארפישן־ראט אין דער צייט פון דער ערשטער סאוויעטישער הערשאפט, אין די יארן 1939—41, אין גאליציע. זיין ברודער סאווקא ווידער, האט דורכגעמאכט א באזונדערן קורס פאר דארפישע אקטיוויסטן אין דער צייט פון דער סאוועטישער הערשאפט און ווי עס ווייזט אויס, אזוי האט מען דערציילט בסוד אין דארף, האט ער אויך געטאן דינסט, הגם נישט אפן, אין דער סאוויעטישער מ.וו.ד. און אזוי זיצנדיק זאל־בעדריט ביי א גלעזל בראנפן אין אוונט אדער אין א יום־טוב אדער רו־טאג איז א שמועס פארפירט געווארן אויך וועגן „יענע ענינים". כ׳בין אמת נישט קיין מענטש פון פאליטיק, אבער א בעל נסיון, א מענטש מיט „קאפ" און קען „די זאכן פון זייער שורש", ווייל פון דארט שטאם איך דאך, פון דארט געקומען...

זיי זענען זייער באזארגט; אין קעגנטייל צו די וואס ארום זיי, וואס פארשפילן זיך און פארוויגן זיך מיט פאלשע אילוזיעס און נאאיווע פאנ־טאזיעס, זעען זיי די זאכן זייער ניכטער און רעאל; אין א חודש אדער צוויי וועלן קומען אהער די סאוויעטן. געוויס, פיל בלוט וועט נאך פאר־גאסן ווערן. „יענע אין די וועלדער" וועלן נישט שווייגן, דער געראנגל וועט לאנג דויערן און שווער מאכן דאס לעבן אן א שיעור, אבער סוף

כל־סוף וועט זיך דא פארפעסטיקן דאס מאל אויף לאנגע יארן, דער סאַ־וויעטישער רעזשים...

כ׳דארף נישט א לעק טאן דאס הארץ זייערס, אויך דאס הארץ פון סאוזקא פון מ. וו. ד., כדי צו פילן „וואס פאר א טעם עס האט״, ווען זיי זענען פאר זיך און מוזן זיך צוגעוויינען צום געדאנק אז „יענע ווירקלעכ־קייט״, אזוי ווי זיי קענען זי, דערוואַרט, רוקט זיך אן און קומט ווידער צו זיי...

ס׳איז נישטא קיין מענטש וואס איז אזוי צוגעבונדן, ווי צו זיין לעבנס־פאדעם, צו זיין אייגנס, צו זיין פארמעגן צו דעם וואס איז זיינס, זיין ווערק און די פרוכט פון זיין מי און הארעוואניע, ווי דער פויער.

דאס איז נישט קיין „בורזשואזע פסיכאלאגיע״ אדער „אייגנטום גע־לוסט״ א. ד. ג. זאכן פון געוווינהייט אדער דערציאונג, נאר דער לעבנס־ווארצל און — נשמה — פון פויער.

די ערד, דאס פעלד אליין, איז נאך נישט דאס גאנצע פארמעגן; דאס פארמעגן ווערט דערוואַרבן, געשאפן, וואקסט און מערט זיך דער עיקר צוליב דעם „צומיש״ פון שווייס און שווערער מי, שטענדיקע אר־בעט וואס ווייסט נישט פון קיין מידיקייט, שטרענגע אכט געבן אויף אויסמיידן שאדן און פחת, טאן צו דער צייט און ווען מ׳דארף, שטיין שטענדיק אויף דער וואך בייטאג און ביינאכט; מ׳דארף אויסרייסן דאס שלעכטע, שעדלעכע גראז מיטן ווארצל, פונקט ווי מ׳דארף אויפהויבן יע־דעס קערנדל וואס איז אראפגעפאלן און אריין טאן אין זאק. דער פויער דערקענט זיין זאק אין א הויפן פון הונדערט זאק וואס זענען נישט זיינע; אויך דעם פלאקן וואס ער האט אים אויסגעשניצט לויט זיין געשמאק, פאר זיין געברויך, דערקענט ער, געדענקט צו וואס ער איז באשטימט געווען, און צינדט זיך אן מיט כעס, ווען עמיצער האט דעם פלאקן, ארויסגעשלעפט פון זיין פלאץ און ער וואלגערט זיך ערגעץ, נישט אויף זיין ארט.

און מ׳קאן דאך נישט פארגלייכן א פלייסיקן פויער, א „גאספאדאר״ וואס איז ווערט דעם נאמען, מיט א פויער א פוילענצער, וואס פאר־

באכלעסיקט זיין ווירטשאפט. דער עיקר רייכטום פון א פארמעגלעכן פויער איז ס׳רוב זיין בעסערע קוואליטעט ווי אן ערד ארבעטער, וואס געבארט נישט אין זיין ארבעט. אונעס איז די מיינונג פון איוואן און סאווקא, אז אינעם סאוויעטישן־קאלכאזן־רעזשים ווערן באוועלט דווקא די פלייסיקע, פעאיקע און ארבעטזאמע פויערים, בשעת די בטלנים, גארנישט־טוער, כל ערליי לא־יוצלח׳ס, וואס האבן אלע יארן „נישט אריינגעטאן קיין האנט אין קאלטן וואסער״, פארנאכלעסיקט זייער ווירטשאפט, געלאזט זי ווילד וואקסן, נישט געבראכט קיין נוצן נישט זיך און נישט יענעם — זיי שטעלן זיך די ערשטע אין דער ריי, גלייך ווי זיי וואלטן געווען דאס אויבערשטע פון שטייסל, דער „בוימל און זעמל־מעל״ פון דער גאנצער געמיינדע...

און עס איז דאך קלאר, לויט דער מיינונג פון איוואן און סאווקא, אז אזא צוגאנג, אזא באנעם פון א געזעלשאפטלעכן ענין איז אפגעפרעגט און בפירוש שעדלעך פונעם שטאנדפונקט פונעם כלל־אינטערעס, פונעם אינטערעס פון דער מדינה און פאלק אלס גאנצקייט.

א פויער וואס מ׳שניידט אים אפ פון באדן אויף וועלכן ער איז איז געגליכן צו א בוים וואס מ׳האט אים אויסגעריסן מיטן ווארצל; ער ווערט פארטרונקנט, פארפוילט און ער נוצט צו גארנישט.

אזא מין „האלידריגא״ (באקעטער, בארוועסער) וואס האט גארנישט זיין אייגנס, וואס ווייסט נישט אפצוהיטן זיין אייגנטום, האט אויך קיין פארשטענדעניש, קיין הארץ און קיין געפיל, פאר דער מי און דערגרייכונג פון א אנדערן מענטשן, און ער זייעט ארום זיך בלויז אן אטמאספער פון הפקר און שעדיקונג, ווילנדיק און נישט ווילנדיק...

דאס גלייכע לאזט זיך זאגן וועגן אלע אנדערע דערשיינונגען, מנהגים און אויפטוען פון סאוויעטישן שטייגער לעבן. — די רעליגיע, דאס חתונה האבן און דאס גטן זיך, די פארזאמלונגען, רעדעס, די ליוב־געזאנגען און בארימעריי, דאס פלאפלעריי וועגן גליק פון סאוויעטישן מענטש, וואס איז לא היה ולא נברא, און האט נישט דעם מינדעסטן אנהאלט אין דער גרויער און שווערערווירקלעכקייט, וואס רופן ארויס נאר ביטערן חוזק און פאראכטונג, דערציען די מענטשן און דינען אים פאר א ביישפיל און מוסטער ליגן צו זאגן, אפצונארן און חנפענען; די נארמעס,

וואס זענען נישט עפעס אנדערש ווי שווארצע קנעכטשאפט, פאר וועלכע דו באקומסט, פאקטיש, גארנישט אלס אנטשעדיקונג, אחוץ דאס שטיקל ברויט וואס דו עסט, און אויך דאס נישט אין אזא בשפעדיקער מאס; שוין נישט רעדנדיק וועגן א געהעריק מלבוש, מענשלעכע וווינונג א.א.וו. און ועל כולם — דער פחד...

וועגן דעם האט באזונדערס סאווקא זייער און זייער א סך צו דער־ציילן; אויך די וואס פירן אן, הערשן און רעגירן — האבן מורא, אך, ווי זיי ציטערן און פלאטערן! איבער דער אייגענער פעל... דאס איז, לויט דער מיינונג פון סאווקא, איין ריזיקע פרעס פון פחד, וואס איז ווי קאנסטרואירט פון שיכטן וואס ליגן איינע אויף דער אנדערער. יעדע איינע דריקט אויפן צווייטן מיט שרעק און אומרו; אויך די אויבנשטייענ־דיקע, און דער העכסטער פון די העכסטע ווערט געהאלטן אין דער קלעם פון פחד, און אזוי הערשט ער, באוועגט די גאנצע מאשין, מיט א ברענ־שטאף פון שרעק, וואס באווייזט וואונדער...

דיגאנצע קונץ פונעם סיסטעם, שטעקט, לויט דער מיינונג פון פיפיקן סאווקא אין דעם, וואס אלע האבן מורא — אפילו דער וואס האט נישט דעם מינדעסטן פלעק אויף זיין געוויסן. האט נישט געזינדיקט נישט מיט קיין טאט און אפילו נישט מיטן געדאנק, האט אויך מורא און ציטערט פאר זיין הויט, און עס איז דא א גרונט פאר זיין פחד — הגם ער ווייסט, אז ער איז ריין פון יעדן זינד ווי א ניי געבוירן קינד — אין א נישט קלענערע מאס פון דעם וואס איז באמת א זינדיקער; און אויב דו זעסט אדער דו הערסט אז עמעץ זיצט שוין אויף דער באשולדיקונגס־באנק — אליין איינס צי דו ווייסט ווער און פארוואס — דארפסטו זיך פארשטעלן ווי דו אליין וואלסט געזיצן נעבן אים — ווייל, — ווייל אנדערש וועט זיך די מאשין נישט באוועגן. עס וועלן זיך די רעדער נישט דרייען און וועלן קיין וואונדער באווייזן.

וואס זשע איז מיין מיינונג וועגן דעם אלעמען? — וואלט סאווקא א בעלן געווען צו וויסן...

— כ׳מיין, אז אסך זאכן וועלן זיך ענדערן, נאכדעם ווי דער בלוטיקער

מבול וועט זיך איינשטילן, נאך דער מלחמה... ראשית, וועט נאכלאזן אדער אינגאנצן אוועק, דער פחד, וואס האט זיך דער עיקר גענומען און זיך גענערט פון דער דראאונג, פון דער סכנה פון פיינט, וואס האט געלויערט אויף די גרענעצן, אויסקוקנדיק אויף דער געלעגנהייט צו קענען באפאלן, פארכאפן, רויבן און מארדן, — ווי מיר האבן דאס געזען...

געוויס, וועט מען דארפן, נאך די יארן פון חורבן און פארוויסטונג, געניטע און אויסגעפרוווטע הענט, וואס זאלן טאן ערלעכע און געטרייע ארבעט... אין דער ערשטער ריי וועט מען מוזן אנקומען צום פויער, דעם ערד ארבעטער, וואס גענארט נישט אין זיין ארבעט, ווייל נאר ער איז א גאראנטיע קעגן א הונגער־נויט, וואס קען ברענגען א קאטאס־טראפע פארן גאנצן לאנד, נאך די יארן פון חורבן און פארוואָרלאזיקייט. צווייטנס, אלע פאבריקן און דער גאנצער טעכנישער אפאראט ליגן אין חורבות אינעם גאנצן ריזיקן געביט פון מערב־רוסלאנד, און עס וועלן נישט זיין גענוג טראקטארן צו ליפערן אין די קאלכאזן. און — אז עס איז נישטא קיין טראקטאר, איז נישטא קאן קאלכאז... עס פארשטייט זיך, אז נישט בלויז מען וועט נישט שטערן, נאר פארקערט, מען וועט העלפן די זעלבשטענדיקע לאנדווירטן, זיי זאלן קאנען פארזעצן זייער שטילע און געבענטשטע ארבעט, וועלכע איז א ברכה פארן גאנצן לאנד. און פון זיי, די פויערים, לאנדווירטן און ערד־ארבעטער וועט דאך דאס לאנד זיין אפהענגיק נאך אסך יארן, אויסגעשטעלט אויף זייער גענאד און אומגענאד — באזונדערס דערפאר, ווייל מיר האלטן נאך ווייט נישט ביים סוף פון דער מלחמה, וואס וועט ווייטער פאדערן דאס איריקע. און נישט אזוי שנעל וועלן די מענטשן באפרייט ווערן פון דער מילי־טערישער פארמאציע און צוריקגעשיקט ווערן א היים, צושטעלן ארבעטס־הענט פארן דארף. דריטנס, אויך די דערנענטערונג און דאס באקענען זיך מיט דער מערב וועלט, וועט האבן די געהעריקע השפעה, ווייל מיר זענען דאך געוועזן ווי אפגעשלאסן, אפגעשניטן פון דער וועלט אלע יארן, ווען ארום אונדז האבן געלויערט פיינטלעכע, שלעכט־ווינטשנדיקע שכנים; מיר זענען איצט געווארן די פארבינדעטע פון די מערב־פעלקער, זייערע געבילדעטע און פארגעשריטענע הערשער און מנהיגים, טרייע

דעם קריסטלעכן גלויבן, ווען היטלער און זיינע נאציס האבן דערקלערט מלחמה...

די באציאונגען מיטן מערב וועלן זיך אוודאי ענדערן צום בעסערן, אדאנק דעם פערזענלעכן קאנטאקט און אומיטעלבארער באריזונג פון צענדליקער טויזנטער סאוויעטישע בירגער, מיט מענטשן פון מערב, זייערע שטעט, קולטור, לעבענס־שטייגער, א. א. וו. און אלס פועל־יוצא פון דער שטימונגס־ענדערונג, ביי די מענטשן פון דער סאוויעטישער אנ־פירונג, וועלכע האט לעצטנס היפשלעך געענדערט איר באציונג צו די ענינים צו רעליגיע און גלויבן. דער פרעסטיזש פון די רעליגעזע מנהיגים אין רוסלאנד, האט זיך אין דער לעצטער צייט באדייטנד געהויבן, און דאס האט זיכער ארויסגערופן א סימפאטישן אפקלאנג אין דער גאנצער מערב־וועלט. מען שרייבט נישט מער און מען דרוקט נישט קיין ארויס־פאדערנדיקע אנטי־רעליגיעזע ליטעראטור, מ׳איז נישט מבזה עפנטליך די רעליגיע. מ׳דערמאנט און מען מאניפעסטירט דווקא די נעמן פון די נאציאנאלע העלדן פון פאר דער רעוואלוציע; קאטוזאוו, סוואראוו, און אויך כמיעלניצקי... דאס אלץ זענען סימנים און סיגנאלן פון ענדערונגען וועלכע דארפן קומען, מוזן קומען...

ס׳פארשטייט זיך, אז נישט אין איין שמועס באר אין א גאנצע רייע שמועסן איז דאס אלץ געזאגט, ארומגערעדט און אויפגעקלערט געווארן. און דער עיקר, עס איז נישט געשען אין דער פארם, ס׳הייסט אין א קאנצענ־טרירטן אופן, ווי עס איז דא געגעבן געווארן. נאר עס איז צעשפרייט און איינגעפלאכטן געווארן פעדימווייז, אויף א ברייט געוועב פון שטיי־גער־לעבן, אין א יום־טוב, רו־טאג, און געלעגנהייטלעכן ארום טיש זיצן, צוגעפראוועט מיט א גלייכווערטל, און פאלקס־שפרוך. ארויסגעזאגט ווי נאך א לאנגן ישוב הדעת, פארזיכטיק און באשיידן, נישט ווי איינער, וואס לאזט הערן מיט אויטאריטעט זיין מיינונג, נאר ווי א ביסל שעמעוו־דיק, ציריקגעהאלטן, געפרווט ארויסזאגן א געדאנק, און ווארטן און זען ווי אזוי ער וועט אויפגענומען ווערן פון די מיטשמועסנדיקע...

געוויס, האב איך מיך געמוזט באמיען צוצעטרייבן א ביסל די וואל־קענס, צו באלעבן די געמיטער, אויפמונטערן די הערצער, ברענגען זיי

עפעס א טרייסט־ווארט, וואס איז אין א געוויסער מאס עלול געווען צו פארשטארקן מיין אנזען און צו באפעסטיקן מיין „פאזיציע" צווישן זיי, אין כמה וכמה הינזיכטן.

און באמת, איוואן האט נישט פארלאנגט פון מיר צופיל ארבעט, די גאנצע צייט פון מיין זיין ביי אים, אין משך פון עטלעכע וואכן. ער האט אוודאי געקלערט אז עס לוינט זיך אים איך זאל בלייבן אין זיין הויז ביזן ארייננקומען פון די סאוויעטן. ער האט געלייגט אכט אויף מיר, געגעבן מיר מיט שטאלץ און צופרידנקייט אלץ, וואס איך האב געדארפט צו האבן, און אויפגעפאסט, אז איך זאל נישט ארייינפאלן אין עפעס א צו שטורמישן שמועס, אדער אן אויפגערעגטער אויסטענעז זיך מיט זיינע דארפסלייט; אבער, איך האב מיך נישט גוט געפילט אין אט דער נישט זיכערער סביבה, וואס איז געווען אנגעלאדן מיט שפאנונג און אומווילן, האט געווימלט מיט פלאטקעס און קלאנגען און פויערישע נערוועזיטעט, וואס האט נישט איר גלייכן אין פלוצימדיקע, ווילדע אויס־ברוכן, און סכנותדיקער דעספעראציע; כ'האב אבער געמוזט שלום מאכן מיט מיין גורל און ווארטן אויף א נס, וואס זאל מיך ארויסנעמען פון דער קלעם...

און אזא „נס" האט טאקע נישט פארשפעטיקט צו קומען.

16.

# אין דארף וויצין

הענריק, וואס האט זיך אויפגעהאלטן מיט זיין פאמיליע אין וויצין, און אויך דער גלח וואלטער, האבן זיך דערוווּסט, אז איך געפין זיך צוזאמען מיט „קראסא", אין דארף קראפיוונא, ביי איוואן סאלאביי.

אין וויצין האט מען באשלאסן, וויזט אויס, מיך פאר יעדן פרייז ארויסצובאקומען פון קראפיוונא. עס איז נישט געווען קיין לייכטע אויפגאבע. יעדע פראבע פון די וויצינער זיך צו דערנענטערן קיין קראפיוונא, וואלט זיכער געבראכט צו א קעגנזייטיקער שיסעריי, און אפשר אויך צו א בלוטיקער שלאכט, וועלכעביידע צדדים האבן נישט קיין חשק געהאט און טאקע גוט מורא געהאט צו ריזיקירן.

אין וויצין האט מען דעריבער באשלאסן צו שיקן דארקען, א יונג און טיכטיק ווייבל, וואס איז געווען זייער אקטיוו אינעם וויצינער שטאב — צו ברענגען מיך פון קראפיוונע קיין וויצין.

דארקע, א געבוירענע אין אויבערשלעזיע, האט גוט געקענט דייטש. זי האט ארומגעזוכט און געפונען א דייטשן אונטעראפיציר, וואס האט מסכים געווען מיט איר צו פארן קיין קראפיוונע, צו ברענגען מיך און הענריקס קו „קראסא" קיין וויצין.

זיי זענען אנגעקומען אינדערפרי, אין א מיליטערישן וואגן, אין דער באגלייטונג פון א דייטשן סאלדאט, אלס פורמאן, וואס האט אנגעטריבן די צוויי פויערישע פערד, וואס זענען געווען געשפאנט אין וואגן.

א שרעק איז באפאלן מיינע בעלי־בתים און גאסט־געבער, ווען זיי

האבן דערזען, ווי דארקע איז באגלייטונג פון צוויי דייטשן זיצט אין וואגן, וואס דערנענטערט זיך און פארט אריין אין זייער הויף. זיי האבן געקענט דארקען, און פיל געהערט וועגן איר אקטיוויטעט אין וויצינער „שטאב", ווייל זי האט פריער געוווינט צוזאמען מיט איר מאן, א דאר־פישער שניידער, אין קראסנא. כ'פלעג זיין אן אפטער אריינגייער צו זיי און זיי האבן אויך אפט באזוכט העבריקס הויז.

דארקע איז געשיקט אראפגעשפרונגען פון וואגן און איר ערשטע פראגע איז געווען: ווו איז „קראסולא"? — איוואן האט שנעל ארויס־געפירט די קו פון שטאל — דאס קאלב איז קראנק געווארן און מען האט עס געשאכטן מיט עטלעכע טעג פריער — און זי צוגעבינדן צום הינטערשטן ווענטל פון וואגן.

דערנאך האט זיך דארקע א קער געטאן און אריין מיט זיכערע, מיליטערישע טריט אין שטוב אריין. דערזעענדיק מיך שטיין צווישן די איבערגעשראקענע שטוב־מענטשן, האט זי מיך געהייסן נעמען מיין פעקל און תיכף גיין נאך איר...

איך האב אויסגעדרייט מיין פנים צום בעל־הבית. אויף מיין פנים איז אוודאי געלעגן אן אויסדרוק פון פחד און צער; כ'האב נישט געמוזט מאכן קיין באזונדערע אנשטרענגונג פאר דעם, — דער נישט דערוואר־טעטער באזוך האט מיך אזוי איבעראשט, אז איך בין געווען ווי אויפ־געציטערט, און דער אויסדרוק פון פחד און צער איז מיר נישט בא־זונדערס שווער אנגעקומען.

איוואן האט געקוקט אויף מיר אדערשיטערטער. בלייך און אומ־באוועגלעך איז ער געשטאנען אויף זיין ארט, פון גרויס שרעק און זארג. ער האט אוודאי געטראכט פון דער סכנה וואס דראט מיר מצד יענע, דארט, ווייל איך בין אנטלאפן צו די אוקראינער און העבריקס קו מיט־גענומען מיט זיך. מ'האט געקענט זען בחוש, אז ער נעמט עס זייער צום הארצן און איז שטארק דערשיטערט.

מיט אן אראפגעלאזטן קאפ, ווי איינער, וואס אן אומגליק האט זיך פלוצים אויסגעגאסן איבער אים, און ער ווייסט נישט, וואס ער האט צוטאן מיט זיך, און איז אינגאנצן צעמישט, האב איך ארויפגעלייגט

דאס פעקל אויפן אקסל און באכגעגאנגען דארקען, איבערלאזנדיק באך מיר א שוואכן און שטילן „זייט געזונט" צו די שטוב מענטשן, מיינע ברויט־געבער. זיי האבן מיך באגלייט מיט בליקן וואס האבן אויסגעדריקט זארג און שרעק. פונקט ווי מען שיידט זיך מיט א נאענטן מענטש וואס גייט אין א סכנה און מען קאן אים נישט העלפן.

ווען כ׳בין שוין געזעסן אין וואגן, האט דארקע אויף מיר א ווארף געטאן א בליק פול דערשטוינונג, וואס האט אבער אויך אויסגעדריקט איראניע, איבער דעם, וואס איך בין אזוי צעטראגן— און צעמישט, גלייך ווי עפעס א סכנה, חלילה, וואלט מיר געדראט. ווען זי האט אבער באמערקט א דינעם, קוים אנזעבארן שמייכל אויף מיין פנים, האט זי זיך גלייך געכאפט און פארשטאנען מיין שפיל און האט ממזריש אוונק געטאן מיט די אויגן און דערנאך אויסגעבראכן פלוצים אין א געלעכטער, וואס די סיבה זיינע האט זי זיך באמיט, ווי עס איז צו פארענטפערן, מיט א נישט געשטויגענע און נישט געפלויגענע מעשה, פאר איר מיט־פארער, דעם דייטשן אפיציר...

זי איז געווען זייער צופרידן, וואס די אונטערנעמונג איז דורכגעפירט געווארן מיט הצלחה. זי וועט אודאי הערן לויב־ווערטער וועגן איר דרייסטער אונטערנעמונג פונעם מויל פון קסיאנדז וואלטער אליין...

דער וואגן באוועגט זיך לאנגזאם פארויס, בכדי צו דערמעגלעכן דער קו, וואס איז צו אים צוגעבונדען נאכצוגיין אומגעשטערט. איך בין געזעסן אין דעם הינטערשטן טייל פונעם וואגן, מיטן פנים און אויגן געווענדעט צו „קראסא", און דעם שטריק, מיט וועלכן אירע הערנער זענען צוגעבונדן געווען צום הינטערשטן ווענטל פון וואגן, ער, דער שטריק, זאל זיך נישט איבעררייסן און פארפלאנטערן. איך לאז דארקען פארברענגען די צייט אין א לעבהאפטן און אומאונטערבראכענעם שמועס מיט איר דייטש. אויך דארקע ווייסט, אז עס איז גלייכער איך זאל שווייגן, ווייל מיין רוסיש לשון איז כלל נישט געווונטשן אין אנוועזנהייט פון די דייטשן. זי באמיט זיך זעט אויס, ווי ווייט מעגלעך אפצולענקען די אויפמרקזאמקייט פון איר באגלייטער פון מיין פערזאן, פירט מיט אים א ברייטן און זייער לעבעדיקן שמועס, דערציילט וויצן, באווייזט איר

קענטעניש, באהאווגטקייט אין דער דייטשער שפראך, רעדט וועגן דעם און יענעם, שמועסט אזוי אינטים און פריינטלעך וועגן פיקאנטע און דיסקרעטע ענינים — ווייל דער דארט, אינעם עק פון וואגן פארשטייט דאך גישט אפילו א ווארט פונעם דייטשן שמועס...

מיין געמיט האט זיך גישט בלויז בארויקט מיטן ארויספארן אויפן פרייען פעלד, דערפרישט פון דער פרייער לויטערער לופט ארום, וואס איז אביסל דערוואַרעמט אדאנק דעם חסד פון די זון־שטראלן פון אנהויב פרילינג, — נאר עס באהערשט מיר א מין הייטערע שטימונג, א מין זארגלאזע פריילעכקייט שפילט אין הארצן: אט פאר איך ווי א פרייער מענטש און אבאואפענטער דייטש וואכט איבער מיין זיכערקייט; וויצין און קראפיווגא — די פאליאקן און אוקראינער זארגן וועגן מיין זיכערקייט, זיי זענען זיך כמעט מוסר נפש, גייען אין געפאר פאר מייגעטוועגן... דאס איז ווי א מין מלחמה צווישן די ביידע מעטראפאליעס. צוליב מיר ממש, ווי יענער געקריג אינעם אלטן גריכנלאנד, וועגן געבוירנארט פון יענעם בארימטן בלינדן דיכטער...

און איך קער מיך ווידער מיטן פנים צו „קראסולאן", מיין מיטגייערן, אין וועג און גורל, זי קוקט אויף מיר, ווי זי וואלט פארשטאנען מיינע געדאנקען...

„מיר וואנדערן ווידער קראסולא, ווי מיינסטו, אין מיין זכות לעבסטו נאך, ביסטו דא, אדער פארקערט? —

אין די מיטאג שעהן זענען מיר אנגעקומען קיין וויצין. ווי נאר מיר זענען אריין אין דארף אריין, בין איך אראפ פונעם וואגן, אויפגעבונדן דעם שטריק פון קראסאס הערנער, און גענומען זי פירן דורך דער הויפט־גאס פון דארף.

שיינע הייזער, אויך נייע, געבויט טיילווייז אין שטאטישן סטיל, שטייען לענגאויס ביידע זייטן פון גאס. כ׳פרעג וו עס וויגען דא הענריק און יאדוויגא פון קראסנא, א פארבייגייענדיקער פויער ווייזט מיר דעם וועג אהין. אין געציילטע מינוטן בין איך אנגעקומען אין לויף־שריט כמעט, אויפן הויף וו עס וויגען הענריק און זיין פאמיליע. כ׳האב מיך

צוגעאילט גייענדיק צו זיי, קיינער זאל ביי מיר נישט אויסכאפן די בשורה...

הענריק איזגעשטאנען ביים טויער פון הויף, ווי ער וואלט געווארט איך זאל אנקומען. טרערן האבן זיך געזען אין זיינע אויגן, און א קענטיקע גערירטקייט אויף זיין הארפאשנעם, פארהארעוועטן פנים. ער האט אויסגעזען ווי פארעלטערע און איינגעבויגן אין משך פון דער פארהעלטניסמעסיק קורצר צייט, וואס כ'האב אים נישט געזען. ער האט מיר כמעט נישט געענטפערט אויף מיין גוט־מארגן, עס איז אים שווער געווען צו רעדן, קוקנדיק אויף „קראסא" דאס ארעמע רעשטל פון זיין גרויסער מי און פראצע אין משך פון אסך יארן. די קינדער און די פרומע, גאטספארכטיקע בעל־הביתטע האבן מיך ארומגענומען זייער גערירטע, ווי מען נעמט אויף א באענטן מענטש, וואס איז ניצול געווארן פון א סכנה און איז בשלום אהיימגעקומען, צו דער אייגענער משפחה. יאדוויגא האט אויסגעלאדן איר ווייטיק אין א ביטער געוויין...

אויך מיר זענען געראנען טרערן פון די אויגן, כ'האב געהאט גענוג סיבות דערצו, אבער, איך האב מיך ווי ווייט מעגלעך באהערשט, באמיט זיך צו האלטן ווי א מאן צווישן מענער, און זיך נישט ציאכמערען אין א געוויין ווי א פרוי...

* * *

וויצין איז א גרויס און רחבותדיק דארף. דער עיקר דארף ליגט אין טאל. אבער פיל הייזער, שטייען אויף די בערג־שיפועים וואס רינגלען ארום דאס דארף כמעט פון אלע זייטן. דאס איז אן אלט, שטארק באיארט פויליש דארף. דער „פאטער" יאן זאגט אז דאס דארף געדענקט נאך די צייט פון קאזאקן־אויפשטאנד אין כמיעלניצקעס צייטן.

א קליין טייכל שניידט דורך דאס דארף. און דארט העט־ווייט, ביים האריזאנט שליסט עס איין א וואלד־גארטל ארום, אן איינהייטלעכער כמעט, אן אומאונטערבראכענער. אלטע הייזער, איינגעבויגענע פון אלטקייט, און אויך נייע הייזער געדעקטע מיט רויטע דאכוויקעס, אדער, צינק־בלעך, ווייס־בלאנקעדיקע, שטייען לענג־אויס דער הויפט גאס, די איינציקע אייגענטלעך, וואס מען קאן אזוי אנרופן, וואס ציט זיך

דורך דער גאנצער לענג פון דארף און צעטיילט עס ווי אויף צוויי חלקים. צווישן דער בנינים־געדיכטעניש, וואס אויףביידע זייטן גאס, זענען צעזייעט הייזקעס און ווירטשאפטלעכע בנינים, ווי אין א בכיוונדיקן תוהו ובוהו. סטעזשקעס און שמאלע שטעגלעך שלענגלען זיך צווישן די בנינים און גערטנדלעך, דא און דארט אויך א געגנוג ברייטער שטעג, כדי צו דערמעגלעכן דאס ארויספירן און דורכגיין פון די בהמות, וועגענער, און לאנדווירטשאפטלעכע מכשירים. די שטעגן און שמאלע וועגלעך פארבינדן די איינוווינער פון די הייזער מיטן עיקרדיקן וועג, די לאנגע גאס אין דארף.

די פויערים באנוצן זיך דא מערסטנטייל מיט מאדערנע לאנדווירט־שאפטלעכע מכשירים, צום אקערן, זייען שניידן און דרעשען, וואס ווערן באוויגן דורך שייןגעוואקסענע שטארקע, און גוט געפיטערטע פערד. אין משך פון קרוב 20 יאר, די תקופה פון פוילנס זעלבשטענדיקייט, צווישן די צוויי וועלט־מלחמות, איז דאס דארף וויצין געשטאנען ווי א שטארקע פעסונג פאר פאליאקן און דעם ארומיקן אוקראינישן „ים" אין דער סביבה. וויצין גייט אן אלס פארמעגלעך דארף, א שיכט פון אינטעליגענטע מענטשן געפינט זיך אין דארף. די וואס זייער עיקר באשעפטיקונג און וווין ארט איז דארף, לערער, באאמטע, אנגעשטעלטע אין די דארפישע קאפעראטיוון, דער ארבעטס פערסאנאל פון די ווייניקע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען וואס זענען פאראן אין דארף, ווי די בראנפן־ פאבריק, ציגל־ברענעריי א.א.וו. און אויך די פון די נאענטע שטעט, באאמטע א.א.וו. וואס האלטן זיך אויף אין וויצין ווי אין א צווייטער היים, אין רו־יום־טוב און אורלויב־טעג און ביי אלע אנדערע געלעגנהייטן; זיי בילדן וואס אן אמת א סארט עקסקלוסיווע געזעלשאפט פאר זיך, אבער זייער השפעה איז קענטיק און גרויס, דירעקט און אומדירעקט, אויפן לעבן פון דארף בכלל. די פויערים אין דארף זענען ס'רוב באוווסטזיניקע פאליאקן, און רעדן פויליש. פויעריש, דארפיש, צוגעמישט מיט אסך אוקראינישע ווערטער און נישט אזוי לויט די שטרענג־גראמאטישע כללים פון דער שפראך — אבער פויליש.

פון זינט דער אומרואיקער באוועגונג אין דער געגנט, איבערפאלן,

שריפות, רויבערייען און עקסטערמינאַציע אַקציעס מצד די אוקראַינער, איז די צאָל איינוווינער געוואַקסן דרייפאַכיק און דערגרייכט כמעט ביז 10 טויזנט נפשות. דער צושטאַנד פון נויט און סכנה פּאַראַייניקט די הערצער, זיי נעמען אויף זייערע ברידער וואָס אַנטלויפן פון זייערע חרובֿ געוואָרענע היימען, כמעט מיט ליידיקע הענט, — מיט סימפּאַטיע און אַסך פאַרשטענדעניש. זיי מאַכן זיך ענג אין זייערע דירות, כדי אויסצו־טיילן אַ ווינקל פאַר די פּליטים אין זייערע הייזער. עס איז דאָ אַסך יוגנט אין דאָרף. זיי געהערן אוודאי, מערסטנטייל, צו די אָרגאַניזירטע גרופּן פון פּוילישן אונטערערד, וועמענס אָנפירונג געפינט זיך אין דאָרף. זיי גייען אַרום ערנסט. מיט אַ מינע פון אייגענער חשיבות אויף די פּנימער. פּאַראַדירן לויטן פּוילישן שטייגער, מיטן זעלנערישן פּאַך, און שמועסן, און דערציילן וויכטיק און געהיימניספול, וועגן טאַטן פון העלדישקייט און מוט, באַזונדערס אין די אויפגעשפּיצטע אויערן פון די דאָרפישע מיידלעך, וואָס הערן פאַרגאַפטע, מיט צעפלאַמטע פּנימער, זייערע אָטעם־פאַרכאַפּנדיקע דערציילונגען.

נישט געקוקט אויף דער אָפּגעשלאָסנקייט און כמעט באַלאַגערונג צושטאַנד אין וועלכן עס געפינט זיך דאָס דאָרף, צוליב דער לייערנדיקער סכנה אויף די וועגן, און דער כוואַליע פון שנאה מצד די אוקראַינער אין דער געגנט, איז פאַראַן שפּייז, עסן און טרינקען בשפע. אויך שטאָטישע אויסאַרבעטונגען פעלן נישט; עס זענען פאַראַן וועגן וואָס־פירן צו די מאַגאַזינען אין שטאָט, וואָס נאָר די דייטשן האָבן אַ צוטריט צו זיי.

אין דעם הינזיכט איז נישטאָ כמעט קיין סימן און קיין זכר פון דעם, אַז אינדרויסן בושעוועט שוין יאָרן אַט די גיהנומדיקע מלחמה...

פון סאַמע פרימאָרגן גייט אָן אַ שטאַרקע כמעט שטאָטישע באַוועגונג אין דאָרף. גרופּעס מענטשן זאַמלען זיך צו גויף און סודן זיך, מ'דער־ציילט נייעס, קלאַנגען, מ'שמועסט פּאָליטיק. די נאָענטקייט פון פראָנט, די דערוואַרטונג פון דעם, וואָס דאָרף קומען, דער צוריקטריט פון די דייטשן און די עווענטועלע שלאַכטן, וואָס קענען פאָרקומען אין דאָרף, אָדער אין דער נאָענט פון אים. דאָס צוגרייטן באַהעלטעניש פלעצער אין דאָרף אָדער אין נאָענטן וואַלד; און וואָס וועט זיין נאָכן אַריינקומען

פון די סאוועטן, ווי מען דארף זיך דערצו צוגרייטן — דאס זענען די טעמעס פון די שמועסן, וואס הערן נישט אויף ביז האלבער נאכט אינעם גאנצן דארף. דער צושטאנד פון ערב מאכט־ענדערונג, די אלגעמיינע אומזיכערקייט, דאס באכקלערן און השערות וועגן די געשעענישן און ענדערונגען וואס קענען פאסירן און קומען, שטעקט אן דאס פויערים־פאלק מיט א פיבער וואס ברענגט זיי ארויס פון דעם גלייכגעוויכט. זיי ארבטן נישט. זיי טוען בלויז דאסנויטיקסטע, קהלן זיך, ווערן אלארמירט דורך פארשידענע נארעשע און אומזיניקע קלאנגען, וואס ווערן פונאנ־דערלאזט דער טייוול ווייסט דורך וועמען. זיי יאגן זיך ארום ווי פארסמטע מייז, אין אן אפגעשלאסענעם כאפ־שטייגל.

אויף די וועגן פון און אין דארף אריין לויערן סכנות; מ׳פארט, אמת, ווען עס איז דא א דרינגענדיקע נויטווענדיקייט דערצו, קיין זלאטשעוו, פאמארזשאן און פראמישליאן אבער, דער יעניקער, וואס קערט צוריק פון דארט א גאנצער און א געזונטער, ווערט באלד ארומגערינגלט דורך צענדליקער פויערים, גלייך ווי ער וואלט געקומען פון מעבר לים.

די דייטשן פון הינטערן פראנט ריקוויזירן דאס פאר־ווערק פון די ציווילע רייזנדע, מאביליזירן די מענטשען און פארשלעפן זיי אויף ארבעט אויך אויף ווייטע ערטער, פון וואנען עס זענען ביטא קיין אויסזיכטן זיך אומצוקערן, אין דער נאענטער צוקונפט אהיים. זיי קומען אויך אפט איז דארף אריין רעקוויזירן פאר־ווערק, תבואה און בהמות. די גאנצע יוגנט פארשווינדט כהרף עין פון גאנצן זע־שטח, ווי נאר א דייטשיש היטל באווייזט זיך אין דארף.

די אדמיניסטראטיווע צוואנג פון דער דייטשער מאכט איז א זייער אינטענסיווע. אומעטום האבן זיי זייערע מענטשן, וואס איבפארמירן זיי וועגן אלץ און אלעמען. דאס נאך אין זכרון פרישע גרויל בילד פון גהינם וואס איז אויסגעגאסן געווארן אויף די יידן, האלט אין פחד און אין אימה די פויערים. עס איז קלאר פאר זיי, אז עס אז נישטא אזא גרויל וואס די דייטשן זענען נישט מסוגל אדורכצופירן ביז די לעצטע קאנסעקווענצן. כאטש אזוי איז טעטיק אין דארף אן עפעקטיווע, ברייט־פארמאסטענע און סאליד־אוועקגעשטעלטע אונטערערד־ארגאניזאציע וואס

געהעריק געשולטע מענטשן פירן אן מיט איר, אין זייער רשות געפינען זיך געוווער מאגאזינען, גוט־באהאלטענע און פאכמענישע פארמאסקירטע, אין דארף און אין נאענטן וואלד, געשולטע קאמפּס־גרופּן, וואך־אפּטיי־לונגען, בייטאג און ביינאכט, גרייט צו פארטיידיקן דאס דארף, קעגן א פלוצימדיקן אנפאל. צוליב דער עפעקטיווקייט פון פארטיידיקונגס־סיסטעם, ווערן פון צייט צו צייט דורכגעפירט פרעווענטיווע קעגן־אקציעס אויף די נעסטן פון די אוקראינישע באנדעס אין דער נאענטער סביבה, נקמה אקטן און אויך מענטשן־פאנג פון צווישן די אוקראינישע נאציא־נאליסטן. זיי צאלן אפּ די היידעמאקעס פאר זייערע ווילדע טאטן אין די פוילישע דערפער, מאניפעסטירן זייער כוח, כדי אנצוווארפן א שרעק אויף יענע, זיי זאלן נישט וואגן צו פראוואצירן און צו טשעפּן מיט וויצין...

און באמת, וויצין שטייט דערווייל ווי א מעכטיקער פעלז אומדער־שיטערט און די אוקראינישע באנדעס ריזיקירן נישט זיך צו באווייזן אין דער נאענט פון וויצין. אבער עס זעט אוס אז די אוקראינער האבן זיך צונויפגערעדט מיט די דייטשן צו נעמען דעם ענין אין זייערע הענט אריין און געהעריק אנלערנען די וויצינער. זיי האבן פארשפרייט קלאנ־גען, אז סאוויעטישע פארטיזאנער האלטן אן קאנטאקט מיט וויצין. און פיל פון זיי באהאלטן זיך אויס אין דארף. מיט עטלעכע טעג צוריק האבן זיך באוויזן א צאל דייטשן אין דארף, זיי האבן גארנישט רעק־וויזירט און גארנישט גענומען מיט זיך. זיי האבן בלויז אויסגעפרעגט, אויסגעפארשט געוויסע מענטשן, זיך ארומגעדרייט אין שטח פון דארף, ארומגעקוקט די איין און אויס־וועגן פון דארף און אוועקגעפארן. די שטימונג אין דארף איז געווארן א געשפאנטע. עס האט אלעמען ווי באהערשט אן אומהיימלעך געפיל, אז די שטילקייט פארשפּרעכט נישט קיין גוטס...

און באמת, — אין איינעם א פרימארגן האט זיך דערהערט אן אלארם־רוף אין דארף. די פויערים האבן אנגעהויבן ארויסצוגיין פון זייערע הייזער, אין גאס אריין. די וואך האט מודיע געווען אז גרופּעס

מענטשן האבן זיך באוויזן אויף די בערג־שפיצן ארום דארף. די מענטשן גראבן זיך איין, אין פארם פון א צעשיטע קייט אויף די בערג ארום. תחילת האט מען געקלערט, אז דאס איז אפרווו פון אן אנפאל מצד די אוקראינער, די זאך האט אבער אויסגעזען אומפארשטענדלעך, וואס דאס קומט פאר ביים ליכט פון טאג. נישט לויט דעם שטייגער פון די באנדעס, וואס פאר זיי איז נאטירלעך באקוועמער זיך צו דערנענטערן צום דארף אונטערן שוץ פון דער פינסטערניש. אינמיטן דער נאכט.

אין אן ערך האלבער שעה ארום, האט דער קוריער געמאלדן, אז טאנקען און מאשין־געווער געפינען זיך הינטער די מענטשן וואס גראבן זיך איין אויף די בערג. די דייטשן האבן זעט אויס געווארט אויף א פראוואקאציע, אויף א האגל פון קוילן וואס וועלן זיך א שיט טאן אויף זיי פון די מענטשן אין דארף, וועלכע וועלן בטעות אננעמען, אז אוקראינער גרייטן אן אנפאל אויף זיי.

אבער די וויצינער קאמאנדא האט זיך באצייטנס געכאפט אויף דעם טריק, און עס איז אפילו קיין איינציקער שאס נישט אפגעגעבן געווארן אין דער ריכטונג פון די מענטשן וואס האבן זיך איינגעגראבן אויף די בערג ארום. בליץ שנעל איז אדורך איבערן גאנצן דארף די ידיעה: דייטשן! די „כלאפצעס" האבן שנעל באהאלטן דאס געווער און אליין געלם געווארן. די מענטשן זענען אריין אין די הייזער, או ווער עס האט נאך באוויזן, איז אריין אין א באהעלטעניש. אין געציילטע מינוטן ארום, האט זיך דערהערט אקנאלנדיקע שיסעריי איבער אלע טיילן פון דארף. באזונדערס אין דער ריכטונג פון דער דארפישער שול און די בנינים וואס שטייען ארום דעם פלאץ פון קאשציאל, דארט וווּ עס וווינט דער גלח וואלטער. די שיסערייען האבן אוודאי געדויערט איניקע צענדליק מינוט, פיל הייזער און תבואה־שייערן זענען געשטאנען אין פלאמען. עטלעכע מענטשן זענען דערהרגעט און צענדליקער פאר־וווּנדעט געווארן. די דייטשן האבן ווייזט אויס, זיך באמיט צו טרעפן מיט זייערע שיס־סאלוון אין די געווער און אמוניציע־מאגאזינען וואס זענען געווען באהאלטן אין דארף. אבער, זיי האבן נישט געטראפן אין

דעם געוווּנשטן ציל — אַנדערש וואָלט דער חורבן פון דאָרף געווען אַפּולשטענדיקער און די מענטשלעכע קרבנות וואָלטן דערגרייכט אין די הונדערטער.

נאָך דעם, ווי די שיסעריי איז אָפּגעשטעלט געוואָרן, זענען די דייטשן אַריין „דורכקעמען" דאָס דאָרף. אַלע מענער אין צאָל פון עט־לעכע טויזנט, זענען צונויפגעזאַמלט געוואָרן אויפן ברייטן פּלאַץ אַרום קאַשציאָל. דער גלח וואָלטער, וואָס האָט גערעדט דייטש, איז לאַנג און אויספירלעך אויסגעפרעגט געוואָרן וועגן קאָנטאַקט מיט פּאַרטיזאַנער און וועגן געווער און אַמוניציע וואָס זאָל זיין באַהאַלטן אין וויצין. ער האָט פאַרשטייט זיך געענטפערט, אַז ער ווייסט גאָרנישט וועגן דעם. עטלעכע טויזנט פּויערים, אויסגעשטעלט אין פינפלעך, זענען דאַן אונטער אַ שטאַרקער וואַך אָוועקגעפירט געוואָרן אין דעם נאָענטן שטעטל פּאַמאַר־זשאַן, דעם זיץ־אָרט פון דער דייטשער קרייז־קאָמענדאַנטור. אין משך פון צוויי טעג האָט מען זיי אויסגעפאָרשט און פעסטגעשטעלט זייער אידענטישקייט און דאַן זענען כמעט אַלע באַפרייט געוואָרן, און זיך צוריקגעקערט אין דאָרף אַריין.

מיר האָט, כ'ווייס נישט צום וויפלסטן מאָל, אויך דאָס מאָל אָפּגעג־גליקט. כ'האָב געפונען אַ באַהעלטעניש אין אַ קעלער אויף אַ הויף פון אַ פּויערישער ווירטשאַפט, וווּהין די דייטשן זענען נישט אַריינ־געקומען, גאַנץ צופעליק, ביים געניַיען דורכזוכן אַלע פּויערישע וווי־נונגען אין דאָרף; כ'בין אַזויאַרום ניצול געוואָרן פון טויט, ווייל איך האָב דאָך נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט זיך צו לעגיטימירן, אין דער דייטשער זשאַנדמעריע אין פּאַמאַרזשאַן...

עס איז געווען איינער פון די לעצטע נסים וואָס האָבן מיט מיר פּאַסירט אין יענע, איבער אַלע גרויזשרעקלעכע יאָרן. אַ גאַנצן טאָג און אויך די נאַכט נאָך אים בין איך געלעגן אין קעלער. און די קינדער, וואָס האָבן גלייך מיטן פרימאָרגן אָנגעהויבן שטיפן אין הויף, האָבן מיר אָנגעזאָגט די בשורה, אַז די דייטשן האָבן נאָך נעכטן ביינאַכט פאַרלאָזט דאָס דאָרף און קיינער פון זיי געפינט זיך דאָ נישט מער.

17.

## אינעם גלחס הויז

נאך אין די ערשטע טעג, באלד נאך מיין אנקומען קיין וויצין, האב איך באזוכט דעם גלח וואלטער, אין זיין הויז. ער איז געווען צוגעקילט און איז געלעגן קראנק אין זיין צימער און איז נישט גערן געווען מיך אויפצונעמען אין דעם צושטאנד.

ער האט געהייסן מיר איבערגעבן דורך די מענטשן פון שטוב, זיין ווארעמע באגריסונג און ברכה. געגעבן אנווייזונגען מיך אויפצו־נעמען ווי א געוואונטשענעם און חשובן גאסט, אויסדריקנדיק באדויערן וואס דער „פאטער" דער בעל־הבית פון הויז, איז נישט אימשטאנד מיך צו באגריסן ביים גאסט־טיש.

אינעם הויז פון גלח האבן געוויילט עטלעכע פריינט און משפחה אנגעהעריקע, צווישן זיי צוויי יונגעלייט, זין פון א גוטבאזיצער, אין דער געגנט, וואס איז אנטלאפן קיין מערב אדער אויסלאנד באלד נאכן אויסברוך פון דער מלחמה. א יונגע, חנוודיקע בלאנדע דאמע, אינטע־ליגענט און ווילדערצויגן, מיט פיינע סאלאן מאניערן, ווייזט אויס א קרובה, א משפחה־אנגעהעריקע פונם גלח, (זי פלעג אים רופן יאנעק) און צוויי עלטערע הערן וואס פלעגן נישט נעכטיקן אין הויז פון גלח, האבן אבער פארבראכט דארט גאנצע טעג.

די מענטשן האבן שוין געהערט וועגן מיר און זענען געווען גוט אינפארמירט וועגן אלץ וואס איז מיט מיר געשען אין די לעצטע וואכן.

ווי א רוסישער, וואס קומט פון „דארט" פון מזרח, האב איך

ארויסגעוויזן גרויס צוריקגעהאלטנקייט, באשיידנקייט און רעספעקט, לגבי דער חשובער געזעלשאפט, אין וועלכער איך האב זיך געפונען,ביים גאסט טיש פון ערשטער באקאנטשאפט. כ׳האב מיך באמיט צוגעבן מיינע העכסטע מעגלעכקייטן אונטער די נייגעריקע און אויפמערקזאמע בליקן פון פריילין וואנדא, די אויף גוטע מאניערן דערצויגענע בלאנ־דינקע, אין האלטן און באנעמען זיך ביים פיין־געגרייטן גאסט־טיש, מסתמא אויך געמאכט פעלערן, נישט באכגעקומען ווי געהעריק דעם רעגולאמין פון די אנגענומענע פארמען און מנהגים, ווי איינער, וואס איז נאך קיינמאל אין זיין לעבן מיט אזא נסיון נישט געפרוווט געווארן...

איך האב געענטפערט קורץ און העפלעך אויף פראגן וואס זענען געווען געווענדעט צו מיר, מיט א מינע פון א געוויסער טרעמע, נישט זיכערקייט און שעמעוודיקייט, אבער געוויגן, קלאר און טרעפלעך, דאכט זיך... כ׳האב גערעדט ווייניק אויך נאך דעם, ווי דער שמועס האט זיך דערוואָרעמט, אלס פועל יוצא פון שיינע עטלעכע גלעזלעך משקה, וואס זענען אויסגעליידיקט געווארן איינס נאכן אנדערן, און האבן באדייטנד ווייכער געמאכט דעם קראכמאל פון די מאניערן, לויזער געמאכט די שטייפע האלטונג פון די ארום טיש זיצנדיקע, און דער שמועס האט אנגעהויבן פליסן פריי און א ביסעלע צולאזט, ארויס־גייענדיק היפשלעך פון די ראמען פון שטרענגער סאלאנישקייט...

אין געהעריקן מאמענט בין איך אויפגעשטאנען פון מיין פלאץ, זיך טיף פארנייגט, ווי דער מנהג איז אין „ביזאנטישן מזרח״, געדאנקט פאר דעם כבוד וואס איז מיר צוגעטיילט געווארן און זיך געזעגנט. דער אלגעמיינער ווונטש איז געווען אז איך זאל נישט זיין קיין זעלטענער גאסט אין דעם הויז, דאס איז אויך דער ווונטש פון פאטער יאן אליין, ארויסדריקלעך.

העניק און יאדוויגא, הגם זיי זענען אין דער פרעמדע, ווינען נישט אין זייער שטוב, האבן אכט געלייגט דערויף, איך זאל יעדן טאג באקומען מיין עסן, ווי איינער פון דערפאמיליע. זיי האבן געהאט אין

וויצין קרובים און פריינט, וואס האבן זיי פארזארגט מיט אלעם נויטיקן אין עסן און טרינקען. זיכער האבן זיי געלעבט זייער באשיידן און זיך באגנוגנט מיט ווייניק. זיי האבן אבער געזארגט אז איך זאל טיילן מיט זיי זייער ברויט אומאלצייט, באזונדערס, אין די ערשטע וואכן פון מיין אויפהאלטן זיך אין וויצין.

סייווי בין איך באלד געווארן היימיש מיט די פויערים אין דארף. כ׳האב געהאט פיל באקאנטע און פריינט צווישן זיי, און אין אט דער אטמאספער פון צרות הכלל, און נאכפראגע נאך א מיטשמועסער, מען זאל קענען אביסל פארטרייבן די לאנגווייליקייט, און דאס לעס־טיקע ליידיקגיין, האבן מיר נישט אויסגעפעלט קיין איינלאדונגען צו א מיטאג אדער נאכטמאל, אזוי אין די וואכן טעג אדער יום־טוב און רו־טעג. כ׳פלעג אויך פון צייט צו צייט זיך אויפהאלטן עטלעכע טעג ביי א באקאנטן, כדי ארויסצוהעלפן אין דער ווירטשאפט, און דערפאר האב איך באקומען עסן און טרינקען ביד רחבה. כ׳האב זיך באקאנט און באפריינדעט מיט א סך פויערים משפחות, אין דארף, געוווסט און גוט געדענקט זייערע נעמען, די נעמען פון די קינדער, און דאכט זיך קיינמאל נישט פארביטן די נעמען. איך האב גערופן דאס קליינוואַרג ביי זייערע נעמען אונאפילו ביי זייערע צונעמען. זיך מיט זיי אפגעגעבן און געשענקט זיי אויפמערקזאמקייט ווען זיי פלעגן אמאל נישט געזונט ווערן, דעם געמאכט א באנדאזש אויף דעם צעקאליעטשיטן פוס, יענעם ארומגעלייגט א קאמפרעס, אויף זיין ווייטוענדיקן בויך... אז עמעץ האט געבראכט א צייטונג פון שטאט (אין אוקראיניש) האב איך זי דורכגעלייענט און נאכדעם אויסגע־מאלן אויפן טיש די לאגע אויפן פראנט, אויף מזרח ווי אויף מערב, באצייכנט די נעמען פון די ערטער־טייכן א.א.וו. פונקט ווי אין דער צייטונג. כ׳האב געלייענט און געלערנט די צוהערער ריכטיק צוזאגן די שווערע ווערטער, נעמען פון די אלע פונקטן, ווו עס גייען אן שלאכטן אויפן פראנט.

נאך דעם אנפאל פון די דייטשן אויפן דארף, האט געהערשט א

שווערע דערדריקנדיקע שטימונג ביי די פויערים אין דארף. זיי האבן אויסגעקוקט אויף מזרח. ווי אויף דער איינציקער רעטונגס ברעט פאר זיי. און זיי האבן זיך געניויטיקט אין אן אויפמונטערונג אין א שטראל פון האפענונג, אז זייערע ליידן וועלן שוין נישט לאנג דויערן. בין איך געווען צווישן זיי ווי א גוטער „פעטער", וואס שפרודלט מיט א פרייליכן געמיט, וואס לאזט זיך נישט באהערשן פון מרה־שחורה און האט שטענדיק, ביי יעדער סיטואציע עפעס א טרייסט־ווארט. זיי האבן מיר דערפאר אפגעצאלט מיט אויפריכטיקער פריינטשאפט. און בפירוש געטריי געזארגט פאר מיין זיכערקייט. ס'זאל מיר חלילה קיין מכשול נישט געשען. אז עס הט זיך באוויזן א דייטש אין דארף, האט מען מיך באלד געווארנט, איך זאל זיך נישט באווייזן אינדרויסן. ווייל איך האב דאך נישט געהאט קיין דאקומענט, מיט וואס זיך אויס־צווייזן. נעבן יעדן הויז אויפן הויף אדער אויסער אים, איז געווען א גוט פארמאסקירט באהעלטעניש, וווּ מן האט געקענט אריין און איבערווארטן ביז די סכנה וועט אריבער.

עטלעכע טעג נאך די פאסירונגען אין דארף, איז איינגעשטעלט געווארן א דייטשישע „ארטס־קאמענדאנטור" אין דארף. בראש פון דער קאמענדאנטור איז געשטאנען אן אפיציר אין ראנג פון קאפיטאן, מיטן נאמען קליינהויז. אין ציווילן בארוף איז ער ווייזט אויס געווען א לערער, אדער, עפעס ענלעכס דערצו. דאס איז געווען א טיפישע סאלדאטיש־פרייסישע בהמה, ווי זעלטן איינער זיינס גלייכן. זיין אויפ־גאבע איז געווען צו האלטן אויפן אויג די פויערים, צו דינען אלס פאמפע, אויסצופאמפעווען אלץ וואס עס לאזט זיך פון די פויערים אין דארף, פארן „דייטשן נצחון". אזוי האט ער בפירוש געזאגט דעם גלח וואלטער, אז די פויערים דארפן מיט א ברייטער האנט געבן זייער חלק לטובת „דעם דייטשן נצחון"...

נישט געקוקט אויף דער קלאגנדיקער מערכה פון די דייטשן אויף דעם גרעסטן טייל פון די פראנטן, טראָץ דער אומאויהערלעכער „אפּ־רייס־באוועגונג", פון פיינט, ווי עס פלעגן הייסן אין די באריכטן

פון דייטשן גענעראל־שטאב, די ריקצוג מארשן פון די דייטשע ארמייען, אונטער דעם מעכטיקן דרוק פון זייערע קעגנער אויף מזרח און מערב, איז מיט גארנישט פארוואלקנט און באטריבט געווארן דאס געמיט פון קאפיטאן קליינהויז .ער האט געהאלטן אין איין „אויפמונטערן" דאס געמיט פון גלח וואלטער, אז דער נצחון פון די דייטשן איז א זאך וואס שטייט אויסער יעדער ספק. פונקט ווי ער האט אפנים, נישט געצווייפלט אין דעם, אז דאס איז אויך דער ווונטש פון זיין פריינט, וואס דערט אזוי גוט דייטש ,דער גלח וואלטער...

עס איז אנגעגאנגען א מין קאלטע מלחמה, א שווערע, פול מיט שפאנונג, צווישן די פויערים, וואס האבן זיך באמיט אלץ צו באהאלטן פון די אויגן פון קליינהויז און זיינע מענטשן און די דייטשן וואס האבן געהאטלן אין איין זוכן און נישטערן אין די הייזער, שפייכלערס און שטאלן פון די פויערים, כדי אויסצוגעפינען און ארויסרוימען פון דארט אלץ וואס עס האט זיך געלאזט, פארן נצחון...

יעדן טאג כמעט, פלעג קליינהויז ארויסגעבן נייע פאראָרדנונגען און באפעלן און האט געפאדערט, זיי גענוי און פינקטלעך אויספירן; ער פלעגט אלעמאל דערפינדן עפעס א נייע באשעפטיקונג פאר גרויס און קליין. אויף זיין באפעל האבן די דארפס־קינדער געמוזט ארויסגיין אין וואלד און קלייבן עפעס הייל־גראזן אזעלכע, וואס מען האט סאר־טירט, געפאקט אין זעק, געלאדן אויף וועגענער וואס האבן זיי אוועק־געפירט צו דער נאענטער באן־סטאציע. אויך בוי־פלענער פארשידענע אויף א לענגערע צייט אויסגערעכנטע, האט ער געהאט, אט דער קליינהויז, ווי איינער, וואס האט בדעה נאך אנצוציען דא אין דארף אלס הערשער און מאכט־האבער, דער טייוול ווייסט ווי לאנג...

ביי אט דעם צושטאנד, ווען די אויגן פון קליינהויז און זיינע מענטשן האבן געוואכט איבער אלץ און אלעמען, איז דאס לעבן אין דארף געווען שווער נישט איבערצוטראגן. הונדערטער פויערים, געבוי־רענע אין מערב גאליציע, וואס האבן פון דארט אימיגרירט אהער, זיינערצייט, און זיך באזעצט אין דער געגנט, אינוועסטירט פיל מי

און פלייס, אין זייערע ווירטשאפטן אויף דער דאזיקער ערד אין משך פון צענדליקער יארן, האבן סוף כל סוף געכאפט א ישוב און באשלאסן זיך צוריקצוקערן אין זייערע געבוירן ערטער אין מערב. אויך הענריק און זיין פרוי יאדוויגא, וואס האבן געשטאמט פון א קליין דארף ערגעץ אין דער געגנט פון טארנאוו, אין מערב־גאליציע, האבן פארפאקט די רעשטלעך פון זייער באלעבאטישקייט, גענומען מיט זיך די „קראסא" און אוועק אויף מערב.

שווער און שמערצלעך איז געווען זיך צו שיידן, מיט טרערן אין די אויגן האבן זיי זיך געזעגנט מיט מיר. ווייל פאר מיר האט דאך קיין שום זין נישט געהאט מיטצוגיין מיט זיי. בפרט, ווען זיי האבן נאך אליין נישט געוווּסט וואס עס דערווארט זיי דארט; זייערע קרובים זענען בכלל נישט קיין פארמעגלעכע און זיי האבן צוויי קליינע קינדער. איך מוז, אלזא, בלייבן דא, צווישן די הי־געבוירענע, וועלכע האבן נישט וווהין צו גיין. און זיי, א סך פון זיי, פארזיכערן מיר, אז זיי וועלן מיך נישט לאזן אויף הפקר, וועלן נישט אפטאן זייער גענאד פון מיר.

די שטימונג אין הויז פון גלח יאן איז נישט קיין געהויבענע. אבער ער דער גלח ווייסט, אז ער דארף אויסשפרייטן זיין שוץ איבער מיר, און מיך נישט איבערלאזן אויף מיין אייגענעם גורל די לעצטע וואכן בין איך כמעט געווארן א בן־ביתביים גלח אין הויז. מיר שמועסן אמאל שעהן לאנג ביחידות, נעכטיקן ביי אים קען איך נישט, צוליב פארשידענע סיבות. א נאכטלעגער האב איך אין הויז ווו עס האט געוווינט הענריק מיט יאדוויגאן און ביי געלעגנהייט אויך ביי מיינע פריינט — באקאנטע אין דארף. בייטאג ווייל דער גלח מיך האבן נאענט נעבן זיך. פרעגט מיך אפילו, פארוואס איך בין נעכטן, אדער אנומלט נישט געקומען צו אים אינהויז. די לעצטע טעג האט זיך ווי איינגעשטעלט א געוויסע בארואיקונג. די באנדעס באוועגונג איז שטילער געווארן. די דייטשן, וועלכע זענען געווען פאראיבטער־רעסירט צו האלטן זייערע פארבינדונגס־ליניעס הינטערן פראנט, אין א גוטן צושטאנד, באזונדערס די וועגן — מאגיסטראלע ארום לעמבערג,

זענען כלל נישט געווען צופרידן פון דעם ארומוואנדערן פון באנדעס אויף די וועגן, צווישן וועלכע עס קאנען אויך אריינדרינגען בייזוויליקע שעדיקער, וואס זענען אויסן זיי שאדן צו ברענגען. די אוקראינישע באציאנאליסטישע באנדעס, האבן דעריבער באקומען אנווייזונגען זיך צו ווענדן, אבער האבן פון אייגענער איניציאטיוו זיך געוואנדן, קיין דרום גאליציע. אהין איז אריבער זייער אנפירונג און די עיקרדיקע כוחות. די הויפט־באזע זענען געווען די קארפאטן־בערג, די אונטערערדישע הייען דארט און אין די אורוועלדער וואס וואקסן אויף זיי. דארט האבן זיי פלאנירט און אקטיוויזירט א ברייט־פארלייגטע פארטיזאנער־אר־גאניזאציע, וואס האט זיך גוט געלאזט פילן נאך א צייט לאנג נאכן אריינקומען פון די סאוויעטן און איבערנעמען די מאכט איבער גאנץ גאליציע.

צוליב דער זייער גענויער און גרינטלעכער קאנטראל און שטרענגן רעזשים פון די דייטשן, זענען אויך צעברעקלט געווארן און גענומען זיך אויפלעזן אויך די פוילישע אונטערערד גרופן. די יוגנט איז געווען געצוווגגען זיך אויסצובאהאלטן פאר שרעק פארכאפט און פארשלעפט צו ווערן אויף צוואנג ארבעט אין די דייטשע לאגערן. די דייטשן האבן כמעט אומאויפהערלעך געזוכט און אוועקגעפירט באזונדערס די יוגנט, אויף מערב, אויף ארבעט און הינטער פראנט דינסט.

דער גרעסטער טייל פון די אקטיווע, וואס זענען טיילוויז אויך געווען געבוירן אין מערב גאליציע, אדער קינדער און אנגעהעריקע צו א זעלכע, זענען אוועק אויף מערב קיין פוילן וואס אויף יענער זייט סאן. עס זענען דעריבער געבליבן בלויז די, וואס זענען דא געבוירן געווארן, און זענען געווען פארווארצלט אין דער דאזיקער ערד פון דור־דורות.

אויך דער קאטוילישער קלער האט נישט פארלאזט זיינע געמיינדעס. זיי, די גלחים זענען געבליבן אויף זייערע פאסטנס ביז דער לעצטער מינוט. נישט געקוקט אויף אלע סכנות און מעגלעכע נסיונות. דער גרעסטער טייל פון זיי האט זיך זיכער נישט געמאכט קיין אילוזיעס,

וועגן דעם, אז עס דערוואַרטעט זיי אַ דערלייכטערונג, אָדער גאָר אַ דערלייזונג מצד די זיך דערנענטערנדיקע סאָוויעטישע זיגער; אַ טייל ווידער האָבן געהאָפט, אַז דער בונד וואָס איז געשלאָסן געוואָרן צווישן דער פּוילישער עמיגראַציע אין לאָנדאָן, און דער מאָסקווער רעגירונג, וועט אויסשפּרייטן זיין שוץ, איבער זיי, אָבער דער עיקר האָט, זעט אויס, משפּיע געווען דער אויסדריקלעכער באַפעל פון אויבן, נישט צו רירן זיך פון די ערטער, און זיי זענען געבליבן אויף זייערע פּאָסטנס.

אין אָט די אומשטענדן איז ענגער און אינטענסיווער געוואָרן די פריינטשאַפט צווישן מיר און דעם גלח יאַן און זיין הויזגעזינד. אַלע צוזאַמען, מיטן פּאַטער יאַן, האָבן מיר געהאָרעוועט ביים אויסגראָבן און געהעריק אויסבויען און איינאָרדענען אַן אַנטשפּרעכנדיקן בונקער, אַ געראַמע און גוט אַנטשפּרעכנדע אונטערערדישע הייל. אויך די צוויי יונגעלייט וואָס האָבן זיך געפונען ביים גלח, זענען נישט געווען זיכער און באַשירמט, געכאַפּט און פאַרשלעפּט צו ווערן צו היגטער פראָנט צו אַרבעט אָדער אין דייטשע צוואַנגס־לאַגערן. זיי האָבן דעריבער געמוזט, פון צייט צו צייט זוכן שוץ און באַהעלטעניש אין בונקער, וואָס איז געווען גוט געדעקט און פאַרמאַסקירט אין דעם קליינעם וועלדל וואָס האָט אַרומגערינגלט דעם פּלאַץ, פון דער קירך, אין דער נאָענט פון גלחס הויז. פאַרשטייט זיך, אַז איך בין דאָרט געקומען פון צייט צו צייט. אין אַ שעת־סכנה, אויך סתם אַזוי, צו כאַפּן אַ דרימל, אָדער לייענען אַ בוך וואָס איך פלעג נעמען פון דער גרויסער ביבליאָטעק פון „פּאַטער" יאַן. „כ'האָב זיך אַ ביסל אויסגעלערנט צו פאַרשטיין פּויליש", הגם שווערלעך און נישט אַלץ, אָבער רעדן אין דער דאָזיקער שפּראַך איז מיר שווער, כמעט אוממעגלעך, צוליב מיין שווער־האַמעטנער מאַסקאַלישער צונג...

פריילין וואַנדאַ פלעגט נישט פאַרגעסן אַליין צוברענגען אָדער שיקן מיט עמיצן פון דער דינערשאַפט פאַר די הייל־איינוווינער און אויך פאַר מיר אַ ביסל פּראָוויאַנט ס'זאָל זיין מיט וואָס אונטערצולענען

דאס הארץ. מיט באזונדער גענאד האט זי זיך באצויגן צו מיר, דעם „פרעמדן און אינטערעסאנטן" מענטש, וואס איז פארווארפן געווארן אהער, אין איר אומגעבונג. זי האט גערן געהאט מיט מיר צו שמועסן, מסתמא צו פארטרייבן די לאנגווייליקייט און די שטילע מעלאנכאליע, וואס האט ווי א נישט זעבארע פרעס געדריקט אויף די געמיטער אין דעם הויז. טראץ דער שפע פון עסן און טרינקען און אויסערלעכן גלאנץ פון זיינע צימערן און זאלן, מעבל או טעפיכער, בילדער אן כלים וואס האבן פארכאפט דאס אויג, מיט זייער שיינקייט און פראכט. דעם גאנצן אוצר פון גלייכווערטלעך, וויצן, פאלקס־משלים, אנעקדאטן א. א. וו. וואס כ'האב פארמאגט, האב איך צוגעטראגן, מיט א דיסקרעטער אונטערטעניקייט און דינסט־גרייטקייט. שטענדיק אבער אויפפאסנדיק און געניי קאנטראלירנדיק אז עס זאל חס ושלום, נישט זיין עפעס יידישעס אין דעם, כדי א ביסל איר געמיט אויפצוהייטערן און אין איר הארץ פרייד אויפצוועקן... ווייל זי איז דאך אייגנטלעך ווי געשאפן פאר הייטערן געמיט, פרייד, שטיפעריש גלעלכטער, און לעבנס־לוסט וואס זי דארף אויסשטראלן פונעם שפע פון גליק וואס שפרודלט און זינגט אין איר יונג הארץ אויף אלע וואס קומען אין איר מחיצה.

און אט האט א שווערע דריקנדיקער וואלקן זיך פארלייגט אויף איר געמיט. אויפן גאנצן הויז. און א שרעק פון נישט געאנטן לויערט, וואַרפט איר דערדריקנדיקן שאטן אויף אלץ און אלעמען און קיינער איז נישטא וואס קען העלפן אדער א טרייסט ברענגען...

די לענגערע שמועסן ווידער מיט פאטער יאן, האבן בדרך כלל געטראגן אן ערנסטן כאראקטער, הגם זיי פלעגן זיך צומאל ארויסברעכן פונעם סעריעזן נורט אויפן הפקר־פעלד פון שפאס, וואס איז נישט זעלטן געווען אויך נישט דעליקאט און נישט איבערקלייבעריש אין זין, מיין און אפילו אין אויסדרוק און נוסח...

פאטער יאן איז א מאן פון ברייטן וויסן און בילדונג און אויך אן אראטאר און בעגאבטער שמועסער. זיין רעליגיעזע וועלט־אנשויאונג איז אן עכטע און אויפריכטיקע אויף זיין שטייגער. אבער, ער איז א זייער קאמפליצירטע פערזענלעכקייט, נישט סטאביל און זייער אומזיכער. א

גהינם פוןליידנשאפטן ברענט אין אים. ווען ער איז באטרונקען און דאס טרעפט אין דער לעצטער צייט זייער אפט, ווייזט ער ארויס אן איבער־אשנדיקע שלעכטהארציקייט און אפילו ברוטאליטעט און אכזריות...

ער באזיצט א שיינעם, אימפאנירנדיקן מענלעכן אויפטריט און ער פלעגט פאנגען די הערצער פון די פרומע דארפישע ווייבער, וואס טריב־קען דורשטיק זיינע ווערטער וואס ער לאזט הערן, פון דער קירכן־אמבאנע אין די זונטיקס און יום־טובים, הגם זיי פארשטייען זייער ווייניק דעם מיין און באדייט פון די ווערטער. זיי ווייסן, אמת, זענען נישט איינמאל פון דעם געטראפן געווארן, זיי דערציילן וועגן דעם בסוד סודות, כלומרשט, אז די מטבע האט אויך איר אנדערע זייט... אבער דער אומשטאנד שעדיקט מיט גארנישט דעם פרעסטיזש, רעספעקט און יראת הכבוד לגבי אים מצד דער טריי־גלויביקער געמיינדע זיינער. ער פלעגט נישט שפארן קיין קלעפ דער קעכן זיינער ווען דאס עסן וואס זי פלעגט אים דערלאנגען איז נישט געווען צוגעגרייט לויט זיין פיין־פילנדיקן געשמאק, למשל, דער ענין עסן, טרינקען, דאס צוגרייטן, קאכן, פרעגלען און בראטן און דאס דערלאנגען און סערווירןביים טיש איז א גאנצער קולט ביים גלח אין הויז. באזונדערע קענטעניש פאדערט דאס צוגרייטן פלייש־מאכלים און דערלאנגען זיי צום טיש אין פארשידענע אופנים און פארמען. כמעט אין א מיסטעריע, א סוד און געהיימעניש איז אייגעהילט דער עין פון מאכן און געהעריק צוריכטן און אויסבריען דעם סאום וואס ווערט דערלאנגט צום טיש אמאל געפרוירן און אמאל ווארעם. ער ווערט צוגעפראוועט מיט גרינווארג־זאפט, פארשידענע געווירצן און נאך אנדערע סודות וואס זענען באקאנט נאר דער קעכן אליין. צוליב דעם תאווהדיקן פרעסן ארבעט שוין נישט דער מאגן פון פאטער יאן ווי ס'געהער צו זיין. ער ליידט פון א שארפן ברענען אויפן הארצן, וואס פארדארבט אים שטארק דעם אפעטיט, און באטריבט זיין געמיט, צייט־נווייז נישט צום אויס־האלטן.

אין די זונטיקס און יום־טוב טעג פאסט ער ביז ארום עלף פאר מיטאג ווען עס ענדיקט זיך דאס געבעט אין קירך.

די פארפאסט סעודה פראוועט ער, דער גלח ארום האלבער נאכט.

בדי צוהאבן געגוג כוח אין די לענדן אויסצוהאלטן דעם מארגנדיקן תענית. ווען די קעכן ברענגט אים אריין אין זיין חדר דעם מעניו פון דער פארפאסט־סעודה, דארף זי זייער נויטיק האבן דעם חסד פון די הימלען, ווייל יעדעס מאל איז עס פאר איר א שווערער פרווו און העכסטער נסיון. דער שטורעם העגגט איבער איר קאפ. און ווען אלץ גייט ווי עס איז בשלום אריבער, און דער שטורם ברעכט נישט אויס, שטראלט איר פעטגלאנציק פנים פון פרייד. זי מאכט א צייכן פון א צלם איבער איר הארץ — אדאנק דעם גרויסן גענאד פון יעזוס...

אמאל קומט מיר אויס צו זיין אן עד ראיה, ווען דער גלח הויבט אויף דעם שטעקן און לאזט אים אראפ מיט צארן אויפן קאפ און אקסל פון דער ארעמער קעכן. ער איז נישט, זעט אויס ביי דער מיינונג, אז דאס איז אן ענין וואס מען דארף אויסבאהאלטן פון א פרעמד אויג. און אפשר איז ער בכלל נישט קיין האר איבער זיך אליין, דעמאלט ווען דער בייזער גייסט באפאלט אים.

שטייסטו אויף דיין פלאץ ווי א געפלעפטער, און א מינע פון א פילאסאף א „סטאיקער" איז אויסגעגאסן אויף דיין פנים, ס'איז נישט זיכער צו דו קוקסט און זעסט אלץ, אדער דיין בליק איז אזא פאר־טראכטער, און דו קלערסט גאר אריין אינעם תכלית פון דער וועלט... ווייל עס זענען אודאי פאראן אזעלכע מכות־מצווה, וואס זענען אויסן און טאקע בכוח דעם מענטש צו פארבעסרן, און זענען אן אויסגע־פרוווטע רפואה, וואס מען קען זיך אן איר נישט באגיין... ס'איז דא אפילו א בפירושער פסוק אויף דעם...

דאס חתונה האבן איז פארבאטן די קאטוילישע גייסטלעכע. דער פארצייטיקער פארבאט, (צעליבאט) האט דעם עיקר געהאט דעם ציל אויסצומיידן דאס רייך ווערן, אנזאמלען עשירות און געלט־גי־ריקייט, ביי די וואס ווערן געהייליקט פארן דינסט פון דער קירך. אבער אינטימע באציונגען שעדיקן מיט גארנישט זייער פרעס־טיזש. אבער דאס „געגנבעטע געטראנק" פאראורזאכט דאס אנטשטיין פון כלערליי קרענקלעכע קאמפלעקסן, וואס באאומרואיקן די מענטשן במעט אומאויפהערלעך און נעמען אן, צומאל, א נישט שיינע פארם,

עפענען טיר און טויער פאר פארשידענע אפנויגונגען, און אויפריי־צענדיקן נבול פה; דער הויפט העלד פון א גרויסן טייל פון די וויצן און אנעקדאטן איז שטענדיק דער קאטוילישער גלח...

אויך אן ערנסטער שמועס וואס דו פירסט אויג אויף אויג, אויף א פריינדלעכן אינטימען אופן, מיט אזא איינעם, קען זיך אראפ־קייקלען צו דער מדרגה פון ווולגארן נבול פה, אויב דו ביסט נישט געווען גענוג פארזיכטיק מיט דיינע ווערטער און דו האסט זיך ארויס־געכאפט מיט א ווארט וואס האט אויך אן אנדער באדייטונג...

דער פאטער יאן האט באזונדערס ליב געהאט צו דערציילן וועגן דער צייט וואס ער האט פארבראכט אין לעמבערג, אין יענע יארן ווען ער האט דארט געלערנט ווי א סטודענט פון טעאלאגישן פאקולטעט ביי דער לעמבערגער אוניווערסיטעט א. נ. פון קעניג יאן קאזימיר. ער פלעגט פאר מיר אויסמאלן דאס שיינקייט פון לעמבערג, אט די שטאט וואס כ'האב אזוי גוט געקענט, אודאי נישט ווייניקער פון אים. און וואס אזויפיל טייערע און הייליקע זכרונות מיינע זענען פארבונדן מיט איר. ער פלעגט דערציילן וועגן דער גלאנץ־צייט זיינער, וועגן די שטורמישע יוגנט יארן, וואס ער האט פארברענגט אין לעמבערג. יא, אפילו מיט איין ווארט האט ער נישט דערמאנט נישט צום גוטן און נישט צום שלעכטן, די הונדערט טויזנט יידן, וואס האבן געלעבט, געארבעט און געשאפן, געמערט דאס רייכטום און פראכט פון אט דער דאזיקער שטאט. אבער, לויט עס הייסט אין באקאנטן שפריכווארט, האט טאקע דער פאליאק פיינט אלע יידן, אבער יעדער פאליאק האט זיך זיינעם א ייד, און אים האט ער ליב ממש, אהבת נפש. אויך גלח יאן האט געהאט אזא ייד, וועמען ער פלעגט נישט שפארן קיין לויב־ווערטער, שטענדיק, ווען ער פלעגט רעדן וועגן לעמבערג, און יענע יארן וואס ער האט פארברענגט אין אט דער שטאט. דער ייד געווען דער אינהאבער פון א פאפולערער רעסטאראציע, וואס האט זיך געפונען אויפן מארק־פלאץ, נאענט צום שטאטישן מאגיסטראט, און זיינע פוילישע געסט האבן אים גערופן נפטולע.

באפטולע איז געווען א מין ווילטעטער, צווישן אנדערן אויך פאר דער פוילישער סטודענטישער יוגנט אין לעמבערג. צווישן זיינע געסט אין רעסטאראן זענען געווען באאמטע, וואס האבן נישט תמיד געהאט דעם גראשן אין טאש; פריצים וואס פלעגן גאסטן אין לעמבערג, קומען אהין א ביסל פארברענגען און א לעב טאן כדי זיך אויס־צוטשוכען א ביסל פון דער לאנגווייליקייט פון דארפישן לעבן. און סטודענטן, שילער פון דער לעמבערגער אוניווערסיטעט, א טייל פון זיי געננוג פארמעגלעכע צו קענען באצאלן פאר דעם וואס זיי פלעגן קאנסומירן ביי באפטוליען, און א טייל וואס פלעגן עסן און טרינקען ביי אים אין גאסט־הויז אויף א לאנג טערמיניקן קרעדיט... —

„קיינמאל האט ער אונדז נישט דערקוטשעט איבער דער מאס, נישט געמאנט צודרינגלעך דאס באצאלן דעם חוב, געווען אן ארנטלעכער ייד אן א גלייכן... און איז געווען אויך א פלאמיקער פוילישער פאטריאט אויף זיין שטייגער. פלעגט אונטערהאלטן און שטיצן אונ־זערס א נצרך, וואס האט געליטן פון א כראנישן געלט־מאנגל. אט דעם חסד דארף מען קיינמאל נישט פארגעסן דעם יידישן שענקער...“

ער פלעגט שמועסן און דערציילן ווי א באטרונקענער וועגן יענע טעג. זכרונות, שטורמישע איבערלעבונגען, אוואנטורעס... ער פלעגט אויפ־דעקן, אוועקשארן א ביסל, און מער ווי א ביסל — דעם פארהאנג איבער דעם אינטימען לעבן פון דיסטודענטן פון טעאלאגישן פאקול־טעט, וואס האב געגארט צו טרינקען מיט א פול מויל, צו פארזוכן און דעליקטירן זיך מיטן טעם פון זיבד, דערגרונטעווען ביזן דנא, איידער זיי וועלן זיך איינהילן אין דער געהייליקטער גלחישער סוטאנע... און אין אט דעם שטראם פון זכרונות איז מיטגעשלעפט געווארן און דערמאנט צום גוטן אויך דער יידישער שענקער. געוויס. האט ער, דער גלח, געוווסט אויך וועגן דעם ווערק פון אנדערע יידן אין אט דער קעניגלעכער רעזידענץ לעמבערג. וועגן יידישע אלטער־טימלעכקייטן, איינגעהילטע אין געשיכטע פון הונדערטער יארן, וואס האבן זיך געפונען טאקע נישט ווייט פון באפטולעס גאסט־הויז, אויף דער קעגנאיבערדיקער זייט פון גרויסן ראטהויז־בנין, אויף די

גאסן באימאוו און סערבסקא, האט ער נישט גערעדט, נישט דער־ציילט, — עד דער געבילדעטער מאן, וואס קען זיך גוט אויס אין געשיכטע און איז א גרויסער ליבהאבער פון אלטערטימלעכקייטן. ער האט אויך נישט דערציילט, נישט דערמאנט זיך אין דעם, אז דאס נייע לעמבערג, איז כמעט אדער מערסטנטייל געבויט, פלאנירט און אויפגעשטעלט געווארן, דורך יידישע ארכיטעקטן, אונטערנעמער און בוי־פאכלייט, און אויך דאס פאפולערע גלייכווערטל האט ער פארגעסן, אז לעמבערג באשטייט פון „פאלסקיע אוזשענדניצע אי זשידאווסקי קאמיעניצע" (פוילישע באאמטע און יידישע קאמיעניצעס — גרויסע געמויערטע הייזער).

און אויך וועגן דער קאטאסטראפע וואס האט זיך אויסגעגאסן אויף די יידן האט ער נישט גערעדט, נישט ארויסגעוויזן קיין אינטערעס וועגן איר, גלייך ווי עס וואלט נישט געשטורעמט דער גרויליקער בלוטיקער ים פון פיין און ליידן אין דער נאענטער באענט, ווי עס וואלטן נישט געברענט, געשטאנען אין פייער די חורבות, נאענט צו זיין הויז, נאענט צו דער קירך פון יעזוס...

און ער איז דווקא געווען א מאן פון אומגעוויינלעך גייסטיקן פארנעם. געהאט נישט איינמאל דערהויבענע און רעספעקטווירדיקע מאמענטן. א מאן פון ברייטע האריזאנטן, פארשטאנד און ברייטהארציקייט. ער האט זיך גוט אויסגעקענט אין דער קונסט פון דיפלאמאטיע, אין ווארט און טאט, אין זיין פראקטיק און קאנטאקט מיט די מענטשן פון דער דייטשער אדמיניסטראציע און אקופאציע מאכט, האט ער זיך נוהג געווען און געהאלטן לויט דער בעסטער יעזואיטישער טראדיציע, אינעם גייסט פונעם עוואנגעליש־פאאולינישן אנזאג און צוואה: זייט כיטרע ווי די שלאנגען...

זיין וועלט־אנשויאונג און רעליגיעזע דערקענטניש איז געווען אן אויפריכטיקס, א דינאמישע, און מיטרייסנדיקע. זייער פיל האבן מיר געשמועסט און אסך האב איך אין דעם ענין געלערנט פון אים.

דער גלויבן, די רעליגיע, — פלעגט ער זאגן — אינספירירן און שענקען דעם מענטש הארמאניע, גייסטיקע און זעלישע גלייכגעוויכט

און דאס איז זײער עיקר אויפגאבע און ווערט. די אײנציקע טיר און וועג פאר זײן דערלײזונג. די דערלײזונג איז נישט קײן אײנ־מאליק געשעעניש. אדער א נס, וואס טרעפט אײנמאל. נאר אן אומאויפהערלעכע שטרעבונג, געראנגל, א פראצעס פון עליה און ירידה; דער גלויבן שפאנט, באגײסטערט, שפארנט אן דעם מענטשלעכן אנ־שטרענג פלעגט אין אים זעלישע דיסציפלין, לערנט אים, דערמאנט, ווײזט אן ווו עס איז די גרעניץ פון מענטשלעכן קענען און מעג־לעכקײטן...

דעריבער האבן די פארצײטיקע חכמים פארלעגט דעם גן־עדן אויף יענער וועלט — גיט ער צו מיט א שמײכל, וואס זעט כלל נישט אויס אויסצודריקן חוזק אדער שפאס...

ווען כ׳האב געפרווט אמאל ארײנציען און אויפנעמען אין וויכוח דאס ווערק פון די אפיקורסים און ערעטיקער, צווישן וועלכע עס זענען דאך אויך געווען א זעלכע וואס האבן זיך מקריב געווען ווי א קרבן עולה, גאנץ פארצערט געווארן אין די פלאמען אויפן מזבח פון אן אידעאל, הגם זײ האבן דאך נישט געהאט צוגעזיכערט, און אויך נישט פארלאנגט זיך צו פארזיכערן א חלק לעולם הבא. און איך האב געטענהט, אז דאס איז אפשר א העכערע און דערהויבענערע מדרגה פון אמונה, וואס קוקט נישט אויס אויפן שכר פון יענער וועלט, וואס זאל פארגיטיקן איר קרבן, און דאך... האט ער מיר שארף איבערגעריסן און געזאגט: בײן סײ די אמונה און סײ דער קרבן זײערער עפענען ברײט טיר און טויער פאר מענטשלעכן ערגײץ און ווילקיר, פאר זײן שענדלעכן דורכפאל; פארווערימיקן די נשמה, עפענען אפ־גרונטן אונטער זײנע פיס, און דער סוף איז, תוהו ובוהו און קאטאס־טראפע, אזוי ווי מיר האבן עס געזען...

כ׳האב מיך געוואונדערט און נאכגעטראכט וועגן אט דער זעלישער הארמאניע, וואס פילט זיך אפנים, נישט געטראפן, און ווערט גארנישט געשעדיקט בײם אנבליק פון ים פון פײן, עלנט און בלוט ארום... כ׳האב נאכגעטראכט זיך דערמאנענדיק די האלטונג פון דער קאטוי־

לישער גייסטליכטקייט אינעם זעלבסטשטענדיקן פוילן און אויך אין דער תקופה פאר דעם אויפקומען פאר דער פוילישער אומאפהעניקייט.

אין קעגנטייל צו דער האלטונג און אויפפירונג פון אט די קרייזן אין די מערב־לענדער, ווו זיי זענען געקומען צום געזעלשאפטלעך־פאליטישן אויסדרוק אין די צענטרום־פארטייען, וואס האבן געהאט א ליבעראלע באפארבונג, ווי אין פראנקרייך, איטאליע און אויך אין א געוויסער מאס, אינעם פאר היטלערישן דייטשלאנד — איז די פוילישע גייסטלעכקייט געווען דורכאויס שווארץ און רעאקציאנער. זי האט נישט בלויז ענג מיטגעארבעט און זיך אידענטיפיצירט, נאר געווען טאקע דער טרייבענדיקער און אינספירירענדיקער גייסט אין די רעכטס־שטייענדיקע, אויסגעשפראכן רעאקציאנערע און אגרעסיוו־אנטיסעמיטישע פראטייען.

דער פוילישער קלער איז געשטאנען גאנץ און פולשטענדיק אונטער דער פאן פון די עקסטרעמע און באציאנאליסטישע פאנאטיקער, און עס איז אוממעגלעך געווען ארויסצובאקומען פון מויל פון די קירכע־פירשטן, א וועלכע עס איז דעקלאראציע, אפילו א ווייניקער פייערלעכע דערקלערונג, קעגן אנטי יידישע פאגראמען, אדער עקסצעסן, ווי מען האט עס גערופן אין פוילן, אקציעס פון רויב און מארד. קיין גוט ווארט האט מען נישט געקענט פון זיי ארויסבאקומען, לטובת די געררדפטע יידן.

און ווירקלעך, אט די דאזיקע דערציאונג, דער מוסטער ביישפיל און מאראלישע אינספיראציע, וואס זיי, די העכערע און קלענערע דינער פון דער קירך אין פוילן, האבן געגעבן דער גלויביקער מאסע, וואס האט תמיד אויסגעמאכט דעם גרויסן רוב אין פוילישן פאלק, האט זיך געלאזט גוט פילן און איז געקומען נישט איינמאל פארעטעריש און גרויליק צום אויסדרוק, באזונדערס אין די יארן פון דער היטלע־רישע ממשלה. נאר געציילטע עטלעכע טויזנט יידן (פון דריי און א האלבן מיליאן יידן אין פוילן פון פאר דער מלחמה) האבן זיך געראַ־טעוועט אויף דער פוילישער ערד גופא, און די איבריקע צוויי־הונדערט

טויזנט האבן זיך געראטעוועט בלויז אדאנק דעם, וואס זיי האבן זיך אין די אומקום יארן געפונען אויסערפוילן.

געוויס איז פאטער יאן נישט געווען אנדערש, ווי אלע אנדערע זיינע בארופס־קאלעגן אין דעם הינזיכט פון אנטיסעמיטישן קולט, וואס איז געווען א מין מכת מדינה, א מאסן־דערשיינונג, שיער נישט א מין נאציאנאלע טוגענט אין פוילן, אין אזא מאס, וואס האט דאכט זיך נישט געהאט איר גלייכן, מיטן אויסנאם, פארשטייט זיך פון היטלער־דייטשלאנד, אין קיין שום אנדער לאנד אין אייראפע. אבער דאכט זיך, אז עס איז מיר נישט אויסגעקומען צו הערן פון זיין מויל קיין באמערקונג, א גראבן אנטיסעמיטישן וויץ, אדער אזוי א גיפטיק ווארט וועגן יידן. אבער, עס איז קיין צווייפל נישט, אז ער וואלט געווען אויפגעטרייסעלט ביז די טיפעניש פון דער נשמה, ווען ער וואלט זיך דערוווסט, אז זיינער א בן־בית און א פריינט איז א ייד גאר, און דערצו א פוילישער ייד, און דווקא א נאענטער שכן פון זיין לעמבערג... אבער, ער האט נישט געוווסט. עס איז אים נישט איינגעפאלן. נישט אויפגעקומען ביי אים דער מינדעסטער חשד, און ער האט מיר געשענקט זיין אויפריכטיקע פריינטשאפט. זיין פאטערלעכן שוץ, ממש. און זיך באמיט מיך אויסצוהיטן פון יעדער סכנה.

עס איז געווען זיין געדאנק, צוליב דער פארשארפטער דייטשער קאנטראל אין דארף און איבער די מענטשן וואס האבן געוווינט אין אים, אז איך זאל „טרען דינסט פאר אים, אין דער ראל פון א מין שמש אין קירך, סיי ווי בין איך שוין געווען גענוג בקי אין אלע זיינע מנהגים, געגנג א.א.וו. אין דער קירך און אויסער איר. ער האט אויך גערן געהאט, אמאל מיט מיר צו שמועסן און פרעגן מיין מיינונג וועגן דער „קאזאניע" (דרשה), וואס ער האט געהאלטן פון דער קירכן אמבאנע. און איך האב געמוזט באזונדערס גוט געדענקן, די פסוקים פון דער הייליקער שריפט, אויף וועלכער די דרשה איז געווען געבויט.

כ'בין אין אלגעמיין נישט געווען געצוווּנגען אפט צו באזוכן די קירך. דער גלח פלעגט זיך וויצלען, אז ער האט גענוג קירכן באזוכער און דאוונער פרומערע פון מיר, אבער נישט איינמאל פלעג איך קוקן

אויף דעם קניענדיקן עולם אין דער קירך און א ווארף טאן א בליק אויף דעם געקרייציקטן, וואס קוקט אויף זיי פון דער וואנט אראפ...״
יא, — האב איך מיר דעמאלטגעטראכט, דו, יעזוס און איך, זענען מיר דא די איינציקע יידן, דו העגגסט שוין, און איך ווייס נאך נישט, ווי עס וועט אויספאלן מיין גורל... ווי דו זעסט, בין איך א שמש דא, באמי מיך, פונקט ווי דו, טו אין דעם, צו דערנענטערן א ביסל אט די צום הימלישן קעניגרייך...

נישט איינמאל אין דער לעצטער צייט האט מיך ארומגעכאפט א הייטערע און שפאסיקע שטימונג. מיין פאזיציע, איז, ווי עס איז, געווען א זיכערע. הגם, איך בין אודאי נישט געווען אויסער יעדער סכנה, אבער די אלע משונהדיקע גלגולים וואס כ׳בין דורכגעגאנגען, די כוחות וואס האבן זיך אנטפלעקט אין מיר, די אלע נסיונות דורכצוהאלטן, דאס ריזיקאלישע און שפאנענדיקע שפיל, וואס האט מיך ווי פאר־וואנדלט אין אן אנדער מענטש — דאס האט מיך פארווילט און געפעלן געווארן. געוועקט אין מיר א מין מאדנע זעלבסטזיכערקייט. כ׳בין גע־גאנגען אויף דעם געשפאנטן שטריק ווי איינער, וואס גייט זיכער און זעלבסטפארשטענדלעך אויף א פעסטער און סאלידער בריק, אן פחד, כלומרשט הגם די שארף פון שווערד איז געהאנגען אויף מיין האלדז יעדע רגע און אויגנבליק.

* * *

אין א געוויסן טאג זענען געקומען עטלעכע געסטאפא־לייט צום גלח אין הויז און נאך א הייסן און אויפגערעגטן שמועס האבן זיי מיט זיך מיטגענומען דעם גלח און אין איין וועגס אויך מיטגענומען דעם ראש פון דארפישן ראט און אורעקגעפירט קיין זלאטשעוו. דארט איז געווען דער זיץ־פלאץ פון קרייז־קאמאנדא פון געסטאפא.

א טרויער און אן אימה איז געפאלן אויפן דארף, ווען עס האט זיך, בליץ־שנעל, דערוווסט, אז מען האט דעם גלח אוועקגעפירט קיין זלאטשעוו. ער איז געווען פאר די דארפסמענטשן נישט בלויז דער גייסטיקער פאסטוך, נאר דער אנשפאר און האפנונג. צו אים האבן אויסגעקוקט די אויגן, זיך געווענדעט די הערצער אין א נויט. אן אים

האט זיך זיי געדאכט, וועט קומען א סוף אויף זיי אלע.

דריי טעג האט מען געהאלטן דעם גלח אין זלאטשעוו. מען האט אים לאנג אויסגעפרעגט און געפארשט. געהאלטן אים אין א באזונדערע צעלע אין תפיסה. געדראט, געפייניקט מיט הונגער, געוואלט אויספרעסן ביי אים, ער זאל זיך מודה זיין אין עפעס. אוודאי אין רעזולטאט פון א מסירה, וואס איז דערגאנגען צו דער געסטאפא, אויף אים, דעם גלח און ראש פון דארפישן ראט. גאנצע דריי טעג איז געלעגן א שווערער אומעט אויפן דארף. די מענטשן זענען ארומגעגאנגען ליידיק, גארנישט געטאן, פארזארגט און פארצווייפלט. גלייך זייער לעצטער טעג וואלט אנגעקומען... דעם לעצטן זונטיק האבן די קלויסטער גלעקער געקלונגען מיט אומעטיקע און פאריתומדיקע קלאנגען וואס האבן ווי אלארמירט און גערופן די גאנצע דארפישע באפעלקערונג צום קירכן־פלאץ די ווייבער אין דארף האבן זיך צונויפגעזאמלט גרופענווייז און ביטער געוויינט, געיאמערט אויף קולי־קולות.

אויפן דריטן טאג אין אוונט איז געקומען די ידיעה אין דארף אריין, אז דער גלח און ראש פון דארף זענען באפרייט געווארן און מארגן אינדערפרי וועלן זיי צוריקקומען אין דארף אריין. א שטורעם פון פרייד האט ארומגענומען דאס דארף. די גאנצע נאכט איז מען געווען וואך. דער גרעסטער טייל אייגוווינער האט קיין אויג נישט צוגעטאן. מען האט איבערגעגעבן, אז דער גלח איז געשטעלט געווארן פאר אמיליטערישן געריכט און איז באפרייט געווארן.

שוין מיטן גרויען פרימארגן איז דער פלאץ ארום דער קירך פול געווען מיט מענער, פרויען און קינדער אין די טויזנטער. א גרויסער צעשטורעמטער ים פון מענטשן. די שפאנונג איז א גרויסע און די דערווארטונג ביז דער העכסטער אקטאווע אנגעצויגן. ארום גיין אינדערפרי האט זיך פון דערווייטנס באוויזן די בריטשקע פון גלח, געשפאנט אין צוויי קאשטאנגע פערד, גאלאפירנדיק בארג אראפ אין דארף אריין. עס גייען פארביי בלויז אייניקע מינוטן און די בריטשקע דערנענטערט זיך צום קירכע פלאץ, וואס איז באדעקט מיט א ים פון קעפ. די פון פרייד און באגייסטערונג צעשטורעמטע מענטשן־

כוואליע, ווערט פלוצים איינגעשטילט. אלע פאלן ווי איין מענטש אויף די קני, בעת די בריטשקע פארט לאנגזאם אריין אין צענטער פון קירכע־פלאץ. דאס איז געווען אן אומגעווײנלעך דערשיטערנדיק און אטעם־פארכאפנדיק בילד.

פלוצים האט אויפגעבליצט אין מיין מוח א מין שטיפערישער געדאנק, אומצווועגדן די אויפמערקזאמקייט פון אט דער גאנצער צעשטורעמטער מענטשן־מאסע פון אט דעם איינדרוקס־פולן און פייערלעכן מאמענט צו מיר... ווי נאר די בריטשקע מיטן גלח האבן זיך דערנענטערט צום פלאץ ווו איך בין געשטאנען ענג צונויפגעדריקט צווישן די פויערים, האב איך מיט א שארפער שטים אויסגערופן מיטן פנים צום גלח, וואס איז געזעסן פייערלעך און שטראלנדיק פון באגייסטערונג אויף זיין זיץ־פלאץ: „האבעמוס פאפאם! (מיר האבן א פאטער) — מיט אט דעם רוף, זאגן אן די פארזאמלטע קארדינאלן אין דעם פאפסטלעכן קאנקלאוו דעם פאלק, אז דער נייער פויפסט איז אויסגעווײלט געווארן).

די בריטשקע איז שטיין געבליבן און דער גלח איז אראפ פון איר, צוגעגאנגען צו מיר און מיך ארומגענומען א זייער גערירטער. איך בין כלל נישט געווען אזוי שטארק גערירט אינעווייניק, אין הארץ, אבער דער ענין איז מיר געפעלן און איך האב דערפון הנאה געהאט... כ'האב דאכט זיך בשעת מעשה א קלער געטאן: אך, ווען דער טאטע מיינער, עליו השלום, וואלט מיך געזען אין אט דער סיטואציע, א שטייגער...

א פלוצימדיק שושקעריי ווי א שטילער שטורעם, האט אויפגעציטערט אין דעם ריזיקן עולם פארזאמלטע אויף דער גאנצער ברייט און לענג אויף דעם גרויסן קירכן־פלאץ. זיי האבן נישט פארשטאנען, נישט געקאנט אויפקלערן די סיבה פון דעם אומדערווארטעטן זשעסט פון גלח, אזוי עפנטלעך און אין אזא מין מאמענט, הגם זיי האבן געוווסט פון דער פריינטשאפט און גינסטיקער באציונג מצד דעם גלח צו מיר.

געוויס איז מיין אנזען און פרעסטיזש, נאך דער פאסירונג, היפש

געהויבן געווארן אין די אויגן פון די פויערים. זייט דעמאלט האט נישט איינמאל פאסירט, אז די דארפישע קינדער פלעגן צוקומען צו מיר זוכנדיק נעמען מיין האנט צום קושן...

* * *

ס'איז געווען ארום העלפט פון חודש יוני 1944. עס מערן זיך די סמנים, אז די שעה פון ענטשיידונג אויפן פראנט דערנענטערט זיך. די פויערים סודען זיך. דערציילן אז אין דער לעצטער נאכט איז די באוועגונג געווען אן אומגעווייגלעך שטארקע — די „ניעמאקעס" פאקעווען זיך און קלייבן זיך אפנים אין וועג אריין. די סאוויעטישע עראפלאנען קרייזן ארום איבערן דארף און סביבה ביינאכט און לעצטנס אויך ביים ליכט פון טאג. דער קאפיטאן קליינהויז אין שוין זייט עטלעכע טעג נעלם געווארן. עפעס א דייטשער אונטעראפיציר, וואכט נאך אויף זיין פאסטן, אין קליינהויז אמט־קווארטיר, אבער ער גייט יעדע וויל ארויס אין דרויסן, קוקט זיך ארום נערוועז און פארקלערט, ווי ער וואלט געוואלט ארייננזאפן אין זיך די לעצטע איינדרוקן פון דער שיינער לאנדשאפט ארום, איידער ער געזעגנט זיך מיט איר אויף תמיד... די שפאנונג איז גרויס, און דער פחד און זארג פאר די קומענדיקע טעג, פאר דעם, וואס זיי קענען און וועלן מיט זיך ברענגען, איז אויך נישט קליין, אבער דאס דערווארטן און אויס־קוקן אויף דער אנטשיידונג, דער פארלאנג זיך ארויסצוקריגן פונעם קאשמארנעם נעפל פאר יעדן פרייז, איז אן אלגעמיינער.

אין הויז פון גלח גרייט מען זיך פייערן דעם געבורטס־טאג פון פאטער יאן. מען גרייט צו אלץ פאר דעם פייערלעכן אונט־ברויט. עס וועט זיין א זייער פעסטלעכע סעודה. אויך צוויי פלאשן שאמ־פאניער־וויין, א צוריקגעבליבן געשענק פון איינעם פון די דייטשע אפיצירן, וועלן שטיין אויפן טיש. וואנדא האט ספעציעל דעקארירט דאס שיינע גאסט־צימער. עס איז איינגאנצן איינגעטונקען אין גרינס און אין בלומען. עס איז געקומען דער פעסטלעכער אוונט. די געסט קומען זיך צונויף. זיי קומען אין באגלייטונג פון זייערע פרויען. זאמלען זיך אין גרויסן זאל. איך בין אויך צווישן זיי. אין מיין פשוטן בגד,

וואָס זעט כלל נישט אויס אזוי יום־טובדיק, אבער מישט זיך אויס און ווערט ווי פארטושט אין דער יום־טובדיקער אטמאספער ארום, אינעם שיינעם, מיט ליכט פארגאסענעם זאל.

דאס דערנעענטערן זיך פונעם פארבינדעטן אין מזרח, איז, אמת, נישט מסוגל צו אינספירירן א גוט געפיל, לאזן אויפקומען א יום־טובדיקע שטימונג, אין די הערצער פון די פארזאמלטע דא אין זאל. זיי האבן געברענגט מיט זיך אויך גוטע נייעס פון מערב־פראנט. אויך די קריסטלעכע וועלט פייערט אירע נצחונות. פוילן איז נישט איינזאם, אליין אין איר געראנגל. די פוילישע פליער ווערן געלויבט און גע־שטעלט אלס מוסטער אין די פראנט־מעלדונגען, פון די מיליטערישע שטאבן אין מערב. א פוילישע רעגירונג, פארמירט אויף פרעמדע ערד, אויף דער עמיגראציע, וועט זיך צוריקקערן אין איר פאטערלאנד, באלד נאכן ארייננמארשירן פון די זיגרייכע פארבינדעטע. פיל פון די פארזאמלטע זענען אהער געקומען ערשט מיט אייניקע וואכן צוריק, פון די נאענטע שטעטלעך ארום. זיי האלטן אז אין די שטעט קענען פארקומען שווערע שלאכטן, אין דארף אבער, עווענטועל, קלייגע פארפאסטן צוזאמענשטויסן, און אפשר וועלן די דייטשן אוועק פון דאנען אין דער שטיל, אן איין שאס אפילו.

דער פייערלעכער צוזאמענטרעף טראגט א מין נאציאנאלע באפאר־בונג. באזונדערס אין אזא גורלדיקער שעה, ביי דער אנוועזנהייט פון אט די אלע, וואס זענען אין מערסטנטייל „געוועזענע נכבדים”, באאמטע, מלוכהשע אמט טרעגער און געזעלשאפטלעכע עסקנים, וואס זייער שיף איז אונטערגעגאנגען. זיי זעען נאך אלץ וואס האט פאסירט, ווי א קאש־מאר חלום, וואס איז פלוצלונג אויסגעגאסן געווארן אויף זיי, און זיי האבן נאך נישט פארלוירן די האפנונג אז אלץ וועט נאך זיין ווי געוועזן...

דער שמועס איז א לעבדיקער און א מונטערער. ווי דער שטייגער איז ביי פאליאקן, דורכגענומען מיט א ליריש סענטימענטאלער צעגאר־סענקייט וועגן גלאנץ און פראכט פון די פארגאנגענע טעג. זכרונות, באגעגענישן, איבערלעבונגען און פאסירונגען אין דער פארגאנגענהייט, וואס איז נאך אזוי נאענט און שוין אזוי ווייט. בענקשאפט, באגערן,

האפנונגען אין ווונטשן, אז דאס אזוי פלוצים־טראגיש איבערגעריסענע און פארלוירענע, זאל נאך ווידער צוריקקומען.

כ'בין געזעסן ווי אין א זייטיק ווינקל, ווייל נישט אלע איינגעלא־דענע געסט האבן מיך געקענט. און איך האב דאך נישט געקענט זיך מיטבאטייליקן אין שמועס גלייך מיט אלע סיי צוליב מיין רוסישן לשון און סיי צוליב דעם עיקרדיקן קעגנשטאנד פון שמועס, צו וועלכע איך האב קיין שום שייכות נישט געהאט, צו וועלכע איך האב, באטירלעך, נישט געהאט וואס צוצוגעבן.

פאטער יאן איז אריינגעקומען אין זאל. אלע האבן זיך אויפגע־שטעלט און שטיל שטיינגעבליבן אויף זייערע פלעצער. די געסט ווערן געבעטן יעדער צו פארנעמען זיין פלאץ ביי די צוגעגרייטע טישן. דער גלח זאגט א קורץ געבעט. אלע הערן אויס, שטייענדיק שטיל מיט געבויגענע קעפ, די ווערטער פון געבעט, וועלכע דערמאנען אויך די מאמע פוילן, וואס בויטיקט זיך אין גאטס גענאד און שנעלער הילף.

עס איז געקומען מיין ריי צו באגריסן דעם סאלעניזאנט פון היינטיקן אוונט. איך הויב אן מיטן ערשטן פסוק פון עוואנגעליום פון יוחנן (יאן־יוחנן): „צום אנהויב איז געווען דאס ווארט"... כ'רעד וועגן גאטס ווארט פון דערלייזונג אין מויל פון די וואס טוען זיין שליחות צווישן פאלק... וועגן מענטשלעכן לשון, די קרוין פון דער יצירה, וואס איז פארשוועכט געווארן דורך שקר, האס, אויפגערייצטע, נידריקע אינסטינקטן, אכזריותדיקע, אין אומשולדיק פארגאסן בלוט פארכלינעטע, וועגן גאטס ווארט דורך זיינע נביאים, וואס מוז און דארף מקוים ווערן און וועט נישט אנטוישן...

געוויס האב איך מיך באמיט נישט ארויסצוברענגען קיין יידישע אקצענטן אין מיינע רייד. די סכנה האט נאך אלץ נישט אויפגעהערט שוועבן איבער מיין קאפ. אבער, געווען איז עס מסתמא א יידישע רעדע (אויף רוסיש, פאר פוילישע צוהערער) און זיי האבן זיך צוגעהערט צו די ווערטער, קאנצענטרירטע, גלייך ווי זיי וואלטן ארויס־געקומען פון זייערע אייגענע הערצער, — „נישט שווערע הארמאטן וואס זייהען חורבן און אומקום. נישט קאלכאוויונס צו פארברענען

אומשולדיקע, קליינע קינדער האבן געהאט די פאסטוכער פון גליל, באר פלאמיקע תהילים פסוקים, אנגעזאפטע מיט צער, רחמנות און טרייסט פארן מענטש. און זיי האבן באוויזן אונטערטעניק צו מאכן די הערצער, צו פארשפרייטן זייער הערשאפט איבערן מעכטיקן רוים...

א געפרעסטע שטילקייט איז געווען אין זאל, בלויז דער ווידער־קול פון הארמאטן־דונערן, וואס זענען דערגאנגען אהער פון דעם שוין נישט ווייטן פראנט, האבן באגלייט די ווערטער וואס זענען דאסמאל ארויסגעבראכט געווארן מיט עכטן, אויפגעציטערטן געפיל, וואס האט כאטש אביסל אויסגעלאדן דעם אין הארצן פארפרעסטן צער... אבער, כדי נישט צו באטריבן און אומעטיק מאכן איבער דער מאס די שטי־מונג פון די ארום דעם טיש זיצנדיקע, וואס זייערע וואנצעס האבן מיר אויס־געזען באטריבט אראפגעלאזענע, מיט אן אויסדרוק פון אבלים אויף זייערע פנימער און נישט ווי פון געסט אויף א שמחה, וואס דער אפעטיט זייערער איז שוין געווען גענוג אנגעשארפט צו די בלישט־שענדיקע גלעזלעך מיט משקה און צו דעם היבש׳ און רייכן כיבוד וואס האט געווארט פאר זיי צוגעגרייט אויפן טיש, האב איך געמאכט א שארפן קער צו טרייסט ווערטער, הייטערקייט, און שפאס, „וועגן דער פריסישער, מיליטערישער גלאריע וואס וואלגערט זיך אין דער שווארץ־צער בלאטע אוקראינע" (סוף סוף בין איך דאך עפעס אן „אוקראי־נער"). דאס איז געווען אן אווערטור, אן אריינפיר און איינלאדונג צו דער פינקלדיקער לאנגער ריי אויסגעשטעלטע גלעזלעך, פול אנ־געגאסענע מיט דער באטעמ׳טער, און אויפמונטערנדיקער משקה. און באמת, הויך האט מען זיי אויפגעהויבן און אויסגעליידיקט ביזן דנא. איינמאל און נאכאמאל, און די סעודה האט זיך אנגעהויבן און גע־גאנגען ווייטער, אין א געהויבענער שטימונג און געהעריקן טעמפא, ווי עס דארף צו זיין.

נאך די זעלבע נאכט, אדער פאר פרימארגן נאך איר האט זיך עפעס א ריר געטאן אויפן פראנט, ווי עס וואלטן געדארפט מקוים ווערן די ווונטשן וואס זענען געקומען צום אויסדרוק אויף דער פריי־

לעכער און רייכער סעודה... אלעגפאלס, די פויערים האבן געבראכט די ידיעה אז זייט גרויען פרימארגן איז א שטארקע און איילקע באַוועגונג אויף די וועגן: טאנקן, געפאנצערטע אויטאס, און מאטאציקלען דייטשע, לויפן אין איילעניש דורכן דארף. די איילעניש איז גרויס. זיי שענקען נישט קיין אויפמערקזאמקייט די פויערים, וואס זענען ארויס פון זייערע הייזקעס אין דרויסן, כדי צוצוקוקן זיך צו דער פיבערהאפטער באוועגונג דורך דער לאנגער גאס אין דארף.

.18

## וואנקא איז דא...

די רוסן האבן דורכגעפירט א פלאנקירנדיקע באוועגונג פון דער זייט פון פאמארזשאנע, כדי צו באדראען דעם הויפט־שאסיי זלאט־שעוו — לעמבערג. די דייטשן האבן זיך צוגעאיילט ארויסצוציען זייערע פארגעריקטע פארמאציעס אין דער ריכטונג פון פראמישליאן־בובריקא, כדי ארויסצוראטעווען זיך פון דער צוואנג וואס האט געדראט זיי איינ־צושליסן, אין רעזולטאט פון דער טיפער רוסישער איינקרייזונגס־באַ־וועגונג. אין די נאָכמיטאג־שעהן אין זעלבן טאג און באזונדערס אין דער נאך אים פאלגנדיקער נאכט, איז כמעט נישט מעגלעך געווען זיך צו דערוויטערן זיך אפילו אויף איין שריט פון דער שטוב. א סך פאר־צייג אנגעלאדן מיט מיליטערישן פראוויאנט און זעלנער האט געיאגט אין גאלאפ, אויך דורך די תבואה פעלדער, אין א ווילדער איילעניש אין דער ריכטונג צו פרעמישליאן. א גאנצע נאכט האט נישט אויפ־געהערט דער רעש און טומל פון די שווערע, מאטאריזירטע טראנס־פארט־מיטל, בעת די געשרייען פון די דייטשן טרייבן אונטער די שאפערן און טראנספארט מאנשאפט זיך נישט אויפצוהאלטן אפילו אויף אן אויגנבליק, אפרוימען פון וועג אלע קאליע געווארענע אויטאס און אנ־דערע פארצייג, אפצולאדן און אוועקצווארפן אין א זייט די שווערסטע משא און איבעריקע לאסט, כדי וואס שנעלער צו אנטלויפן.

קורץ פארן פרימארגן האט די באוועגונג פלוצים אויפגעהערט. ארום איז געווארן שא שטיל... די פויערים און אויך די שטוב־מענטשן

ביים גלח, האבן געהאלטן, אז די דייטשן האבן זיך איינגעגראבן אויף די בערגלעך, אויסערן דארף, כדי אויפצוהאלטן דעם דרוק פון די רוסן אויף די דייטשע אפטיילונגען, וואס זענען אפגעטראטן אין דער ריכטונג פון שאסיי פרעמישליאן־בובריקא. זיי האבן אנגענומען, אז עס וועט זיין א שווערער צוזאמענשטויס, און אפשר א בלוטיקער שלאכט, וואס וועט אנהאלטן א גאנצן טאג, אין דארף, און מעגלעך, עס פארוואנדלען אין הויפענס רואינען.

דער גרעסטער טייל פויערים אין דארף, צווישן זיי דער גלח און זיינע שטוב מענטשן, זענען אוועק אין נאנטן וואלד אריין, כדי צו זוכן שוץ און באהעלטעניש פון די קוילן און שראפנעלן, וואס וועלן אודאי, ווי זיי מיינען זיך שיטן מאסנווייז, אויפן דארף און ארום אים.

איך האב געהאלטן פאר גלייכער ארייננצוגיין אין בונקער וואס האט זיך געפונען אויפן הויף פון גלחס הויז, און דארטן איבערצו־ווארטן ביז די לאגע וועט קלאר ווערן. בערך ארום 10 פארמיטאג האב איך געהערט א שטים וואס האט הויך געשריגן אויף רוסיש: „קטא טאם? וויליעזאי!" (ווער איז דארט, קריך ארויס).

א פריידיקער ציטער איז אין מיר אויפגעגאנגען דערהערנדיק די דריי ווערטער. זע, א וואונדער, האב איך אויגנבליקלעך א טראכט גע־טאן, דער בונקער איז אזוי גוט פארמאסקירט און ער, וואנקא, האט אים גלייך אנדעקט. יא, ער איז טיכטיק, וואנקא, א געזונט אים אין די ביינער...

איך רוק אוועק לאנגזאם דעם צודעק פון בונקער, רוק ארויס דעם קאפ און טראג אנטקעגן וואנקאן, וואס שטייט ביים ארייננגאנג מיט דער אויסגעשטרעקטער ביקס אין האנט א ווארעמען „זדראסטוויטי" (גוטמארגן). ארויסקריכנדיק פון בונקער זאג איך צו אים: קום אריין אין שטוב, וועסט מיט עפעס אונטערלעגנען דאס הארץ, ביסט אוודאי הונגעריק; די דייטשן האבן פארלאזט דאס דארף נאך פאר זובעך־אויפגאנג...

מיין רוסיש לשון און מיין פריינטלעכע איינלאדונג האבן גלייך

געווונען דעם צוטרוי פון וואנקען, ער איז געווען איבערצייגט אז א פריינט רעדט צו אים. א גינציקער שמייכל האט זיך באוויזן אויף זיין מידן פנים. ער האט אויפגעהאנגען די ביקס אויפן אקסל און א זאג געטאן: „כאראשא כאזיאין, פאידיאם" — (גוט בעל־הבית, מירן גיין). מיר זענען אריין אין קיך. איך האב פאר אים אופגעעפנט די שפייז שאנק, און געזאגט — „פאזאלוסטא" (ביטע), עס וויפל דו ווילסט, „סקאלקא אוגאדנא"...

ווי פון אונטער דער ערד זענען פלוצים אויסגעוואקסן גרופעס זעלנער און אריין אין שטוב. מיר אפילו נישט געשענקט קיין אויפ־מערקזאמקייט. אריין אין אלע צימערן פון הויז. ווען זיי האבן געזען אז קיינער איז נישטא, האבן זיי געכאפטאון מיט זיך געגומען וואס עס האט זיך נאר געלאזן. (איינער האט געטראגן א שווער בוך, אן ענציקלא־פעדיע, ווייזט אויס, אונטערן ארעם, צוואיילנדיק זיך, זעט אויס אז עמיצער זאל עס נישט צונעמען פאר אים). אין משך פון עטלעכע מינוטן האבן אלע צימער באקומען אן אויסזען נישט צו דערקענען. איך בין געשטאנען ווי אשטומער עדות. כ'האב זיי נישט געשטערט אפילו מיט א ווארט. איך האב געווארט אויפן אנקומען פון די שטוב־מענטשן.

שפעטער בין איך געווויר געווארן, אז צווישן די וואס זענען די ערשטע אריין אין דארף זענען געווען אסך, וואס זענען נישט לאנג באפרייט געווארן פון תפיסה. ווו זיי זענען געזעסן. פאר פארשידענע קרימינעלע פארברעכנס, און זענען באפרייט געווארן מיטן תנאי זיך אנצושליסן אין דער ערשטער קאמפס־ליניע אויפן פראנט.

אין א קורצער ווייל זענען פון וואלד אנגעקומען די שטוב מענטשן מיטן גלח בראש. ווען זיי האבן דערזען דאס „ווערק" פו די זעלנער, זענען זיי אריינגעפאלן אין גרויס גרימצארן. געווען ביטער אנ־טוישט און פריילין וואנדא האט היסטעריש געשריגן: „אט איז די פרייהייט !". די זעלנער האבן אנגעהויבן איינציקווייז זיך דערווייטערן פון הויז, אונטערן רושם פון געשריי פון פריילין וואנדא. איך האב בלויז געקאנט אויסדריקן מיין מיטגעפיל פאר מיינע גוטע און פריינט־

לעכע גאַסט־געבער. אוודאי וואָלט איך געוואָלט אַנדערש מקבל פּנים זײַן די באַפרײַער אָבער געוויס וואָלט איך נישט געווען בײז אויף זיי אויך אין דעם פאַל, ווען דאָס אַלץ וואָלט געווען מײַן אײגנטום. זיי האָבן דאָך מיט זייער לעבן ריזיקירטאָון מיר געבראַכט די פרייהייט, מיך צוריקגעקערט צו דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, אַט אַזוי ווי און ווער איך בין און איך וועל שוין נישט זײַן מער געצוווּנגען צו טראָגן אַ מאַסקע אויף מײַן פּנים. אין שטענדיקער טויט סכּנה ווײַל איך בין אַ ייד. זיכער בין איך נישט אימשטאַנד זיי אָפּצוצאָלן פאַר דעם גרויסן חסד וואָס זיי האָבן געטאָן מיט מיר. זיי ווייסן זיכער נישט ווי גרויס ס'איז די מתּנה וואָס זיי האָבן מיר געשענקט, פּונקט ווי די אײדעלע און גוטע פרײַלין וואַנדאַ הערט נישט די שטים פון מײַן צעזונגען הארץ, אוודאי מיט אַ גאַנץ אַנדערע אַקצענטירונג פון די ווערטער וואָס זי האָט אַקאַרשט אויסגעשריגן: אַט איז די פרייהייט.